STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05906

GEZAMLTE SHRIFTN

Peretz Opochinsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געזאַמלטע שריפטן

געזאַמלטע שריפטן

פון

פרץ אָפּאָטשינסקי

מיט אַ ביאָגראַפיע

פון רינה אָפּער־אָפּאָטשינסקי

●

אַרויסגעגעבן פון זיין שוועסטער
רינה אָפּער-אָפּאָטשינסקי

ניו־יאָרק — 1951

Gezamelte Shriften

by

PERETZ OPOCHINSKY

Copyright 1951
by Rina Opper-Opochinsky
New York, N. Y.

אַ האַרציקן דאַנק פריינד י. קאַמינסקין פאַר העלפן מיר צוגרייטן דעם מאַנוסקריפּט, אַכטונג געבן אויף דער קאָ־רעקטור און בכלל פאַר אויפפּאַסן אויף דער טעכנישער זייט פֿון בוך.

רינה אָפּער

Designed by J. Kaminsky Art Printing

Printed in U. S. A.

166

פּרץ אָפּאַטאָשינסקי

(פּאָרטרעט געמאָלן פון הערשל אַנסעלעוויטש)



פרץ אפאטשינסקי און זיין שוועסטער רינה

מיין ברודער
פרץ אָפּאַטשינסקי

מיר שטאַמען אָפּ פון אַ חסידישער משפחה. אונדזער פאָטער, ר' בינום לייזער ע"ה, איז געווען אַ גערער חסיד און אַ גרויסער למדן. ער האָט געהייסן נאָך דעם רבין ר' בינום פון פשי־סכע, וועלכער איז, אגב, געווען אונדזערער אַ קרוב פון פאָטערס צד.

אונדזער פאָטער, ז"ל, איז געווען זייער אַ פרומער ייד. ער האָט געדאַוונט אין צוויי פאָר תפילין און פלעגט אין מיטן דער נאַכט אויפ־שטיין אָפריכטן חצות. ער האָט געהאַט אַ פיינעם קול־נגינה און איז געווען אַ בעל־תפילה אין גערער שטיבל. ער האָט געקענט גוט שרייבן רוסיש און פויליש און פלעגט זיך אָפט אַפילו פאַרטיפן אין אַ בוך. עס האָט זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון, ווי מיין פאָטער האָט קורץ פאַר זיין טויט געלייענט „גראַף מאָנטע קריסטאָ" אין אַ העברע־אישער איבערזעצונג, און ווי ער האָט פאַר אונדז קינדער איבערגעגעבן אויף יידיש דעם אינהאַלט פון דעם דאָזיקן בוך.

ער האָט געהאַט אַ ליכטיקן הדרת־פנים—אונדזער פאָטער, ע"ה—און אַ פאָר טיף פאַרטראַכטע אויגן. ער איז בטבע געווען אַ ייד אַ שוויי־גער, ער האָט ליב געהאַט אַרומצוגיין הין און צוריק לענגאויס דער שטוב און זיך אונטערברומען זיינע באַליבטע חסידישע ניגונים.

אין עלטער פון צוויי און פערציק יאָר איז אונדזער פאָטער אַוועק פון דער וועלט און אונדזער מוטער איז געבליבן אַן אלמנה מיט פיר קינדער. מיין ברודער פרץ — דער בן־יחיד — איז דעמאָלט אַלט געווען פינף יאָר און ער איז שוין געגאַנגען אין חדר.

אונדזער פאָטער האָט זיינע חברים — די גערער חסידים — איבערגעלאָזן אַ צוואָה, אַז אַזוי ווי פרצל האָט אַן „עילויש קעפל",

זאָלן זיי זען אים האַלטן ביים לערנען. מיין טאַטע האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז די מאַמע אונדזערע איז אַ שוואַכע פרוי און עס וועט פאַר איר זיין שווער צו צאָלן פאַר פרצלען דעם שכר-לימוד.

***

אונדזער מוטער האָט געהייסן מיכלע און איז געווען אַ בת-יחידה. דער גוט-באַקאַנטער יידישער שרייבער, דער קדוש, שמעון האָראָנטשיק, וועלכער איז אומגעקומען אין דער וואַרשעווער געטאָ, איז געווען אירער אַ געשוועסטער-קינד.

אירע עלטערן האָבן געפירט אַ באַלעבאַטיש הויז. איר פאָטער —אונדזער זיידע—איז געווען אַ ייד אַ למדן. ער האָט ניט געקענט קיין צורת-מטבע. ער איז יומם-ולילה געזעסן און געלערנט. איז געווען אַ קאָצקער חסיד און פלעגט גיין צופוס קיין קאָצק, צום רבין.

די באָבע איז געווען די גאַנצע פרנסה-געבערין. זי האָט געהאַלטן אַ קראָם פון פאַרשיידנערליי סחורות. אַלץ וואָס מען האָט נאָר געוואָלט האָט מען געקענט ביי איר קריגן.

אונדזער מוטער — איר בת-יחידה — האָט זי נאָכגעגעבן דאָס טעלערל פון הימל, זי האָט איר חתונה געמאַכט ווען זי איז קוים אַלט געווען פופצן יאָר.

אונדזער מוטער איז אין עלטער פון זעכצן יאָר געוואָרן אַ מאַמע. איר ערשט קינד איז געווען אַ יינגל. אין עלטער פון איין יאָר איז דאָס קינד געשטאָרבן. אַ יאָר נאָך זיין טויט האָט אונדזער מוטער געבאָרן נאָך אַ יינגל, וועלכער איז אויך אַוועק אויפן עולם-האמת. אונדזערע טאַטע-מאַמע זיינען דעמאָלט געווען אויף קעסט איז שטעטל ליטאָמירסק.

די מאַמע אונדזערע איז נאָך געווען זייער יונג און האָט נאָך געוואָלט לעבן, אָבער דער צער פון פאַרלירן אירע קינדער האָט זי שטאַרק דערשלאָגן. זי איז אָפט אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום, מעלאַנכאָליש, זי האָט זייער ווייניק גערעדט, נאָר שטיל געזיפצט אויף איר ביטערן גורל.

אונדזער מוטער האָט געבראַכט אַכט קינדער אויף דער וועלט, פון וועלכע נאָר פיר זיינען געבליבן לעבן: דריי שוועסטער און אונדזער ברודער פרצל.

נאָך אונדזער פאָטערס טויט, איז אונדזער מוטער — אַן אַלמנה מיט פיר קינדער — אַריין אין נאָך אַ גרעסערער פאַרצווייפלונג און איז ניט אומשטאַנד געווען צו פירן דעם מסחר — דאָס לעדער געשעפט וואָס אונדזער פאָטער האָט איבערגעלאָזן. פאַרשטייט זיך, אַז זי איז ניט אומשטאַנד געווען צו צאָלן פאַר אירע קינדער דעם נייטיקן שכר־לימוד. זי האָט בכלל ניט געהאַט קיין שום מעגלעכקייטן צו באַזיגן די גרויסע נויט, וואָס איז אונדזער הויז באַפאַלן נאָך אונדזער פאָטערס טויט. די מאַמע האָט כסדר געזאָגט תהילים, שטיל געזיפצט און גע־פרעגט „מאין יבוא עזרי״ — פון וואַנען וועט קומען מיין הילף?...

אונדזער מוטער, ע״ה, איז געווען זייער אַ גוטע און עס איז אין איר בכלל ניט געווען דאָס געפיל פון קנאה. זי האָט קיין מאָל קיינעם ניט מקנא געווען. אַלץ איז פאַר איר געווען גענוג. איר אידעאַל איז געווען צדקה. זי זאָל נאָך אַמאָל זוכה זיין, אַז זי זאָל קענען געבן צדקה מיט אַ פולער האַנט. און ווי אָרעם זי איז געווען, פלעגט זי תמיד פון אירע אָרעמע מאָלצייטן, וואָס זי האָט אָפגעקאָכט, איבערלאָזן אַביסל אין טעפל, טאָמער וועט אַריינקומען אַ הונגעריקער אָרעמאַן, זאָל זי ווינציקסטנס האָבן מיט וואָס זיין הונגער צו שטילן...

אונדזער מוטער איז געשטאָרבן אין עלטער פון צוויי און זעכ־ציק יאָר.

***

מיין איינציקער ברודער פרץ איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1895, אין דעם קליינעם שטעטל ליטאָמירסק, צוויי מייל פון לאָדז. ער איז געווען אַ שטיל, פאַרטראַכט און פאַרחלומט קינד.

אַ קורצע צייט נאָך דעם ווי אונדזער פאָטער איז געשטאָרבן, האָט פרצל געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס דרדקי־חדר און איבערגיין צו אַ גמרא־מלמד. פרצל האָט שוין געשמט איבערן שטעטל מיט זיין גוט קעפל און די מלמדים האָבן שוין פאָרויסגעזאָגט, אַז פרצל, ר׳ בינומ לייזערס וועט זיכער אויסוואַקסן אַ רב. די גערער חסידים אָבער, וועמען אונדזער פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט אין זיין צוואה אָנ־פאַרטרויט דעם חינוך פון זיין איינציקן קדיש, האָבן די צוואה גיך פאַרגעסן. זיי האָבן זיך לחלוטין מיט אים ניט פאַראינטערעסירט. אין אונדזער הויז איז ניט געווען קיין פרנסה און די מאַמע, די אַלמנה, האָט פאַר פרצן ניט געקענט צאָלן קיין שכר־לימוד ביי אַ גמרא־מלמד.

ווען פּרצל איז אַלט געוואָרן צען יאָר האָט די מאַמע באַשלאָסן אַוועקצושיקן אים קיין לאַסק אין דער דאָרטיקער ישיבה.

***

דאָס שטעטל איז געלעגן ניט ווייט פון אונדזער היימשטעטל ליטאָמירסק און אויך ניט ווייט פון לאָדז.

ניט האָבנדיק פאַר וואָס זיך צו קויפן אַ וואַליזקעלע, האָט פּרצל פון ברעטלעך זיך צונויפגעקלאַפּט אַ קעסטעלע, אַריינגעלייגט דערין זיין אָרעמען באַגאַזש, וואָס איז באַשטאַנען פון עטלעכע שטיקלעך וועש. ער האָט צו דעם קעסטל צוגעפּאַסט אַ שלעסל אַז מען זאָל אין דער פרעמד זיין אָרעמען פאַרמעגן ניט קענען צוגנבענען. די מאַמע האָט אים מיטגעגעבן אַ קליינעם תנכל, פון וועלכן ער האָט זיך מער ניט אָפּגעשיידט זיין גאַנץ לעבן, און זי האָט פּרצלען אַוועקגעפירט אין לאַסק, אין דער ישיבה.

די מאַמע האָט פּרצלען איינגעקוואַרטירט ביי אַ פיינער משפחה אין לאַסק, וואָס האָט געקענט אונדזער פאָטער און אונדזער גאַנצע משפחה. זי איז אַהיימגעפאָרן מיט אַ פאַרוויייטיקט האַרץ. ערשטנס, וואָס זי האָט זיך מיט איר בן־יחיד געמוזט שיידן און, צווייטנס, ווייל פּרצל איז געווען זייער אַ שעמעוודיק קינד. ווען אַ פרעמדער מענטש פלעגט אויף אים אַ קוק טאָן, פלעגט ער רויט ווערן. און דאָ האָט אים די מאַמע געמוזט אַריינגעבן אין אַ פרעמדער הויז וואו ער וועט דאַרפן עסן און שלאָפן. און אין סך־הכל איז ער דאַך געווען אַ קינד פון צען יאָר. ווי מיר האָבן זיך טאַקע שפּעטער דערוואוסט, פלעגט דאָס קינד אָפּט אָפּפאַסטן טעג, כדי ניט צו דאַרפן גיין עסן ביי אַ פרעמדן טיש. ער איז אויך נעכט אָפּגעשלאָפן אין בית־המדרש אויף דער הוילער באַנק אַבי ניט צו דאַרפן אַוועקגיין שלאָפן אין דער פרעמדער הויז. פלעגט אים עמעצער, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע צייטן, שיקן עפּעס אין אַ שטיקל שליחות און וועלן אים דערפאַר באַלוינען מיט אַ פּאָר גראָשן — האָט ער קיין מאָל די באַלוינונג ניט געוואָלט אָננעמען.

אַז פּרצל איז צום ערשטן מאָל אַהיימגעקומען אויף יום־טוב, האָט ער מיט זיין קינדישער תמימות דערציילט דער מאַמען, אַז ווי הונגעריק ער איז ניט געווען האָט ער זיך געשעמט אויפצועסן אַלץ

וואָס די באַלעבאָסטע האָט אים געגעבן, כאָטש זי האָט דוקא יאָ פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אַלץ אויפעסן, נאָר אַז די באַלעבאָסטע האָט ניט געזען, האָט ער זיך דאָס עסן איינגעפּאַקט אין דער גיך אין זיין נאָזטיכל. אַזוי אַרום זיינעןביידע געווען צופרידן. אי ער האָט געשטילט זיין הונגער, כאָטש ער האָט ניט געדאַרפט אויפעסן ביזן לעצטן ביסן אונטער זיין באַלעבאָסטעס בליקן, און אי זיין באַלעבאָסטע האָט געהאַט די צופרידנקייט וואָס דאָס „יתומל נעבעך" האָט אַלץ אויפגעגעסן...

מיין ברודער איז אין לאָסק געווען שטאַרק פאַרבענקט נאָך דער היים. אַז ער פלעגט אַהיימקומען אויף יום-טוב, פלעגט ער זיך טוליען צו דער אָרעמער היים און ניט וועלן צוריקפאָרן אין דער פרעמד. עס האָט אָבער תמיד אים גובר געווען דער שטאַרקער חשק צום לערנען און כאָטש נאָך אַ קינד, האָט ער שוין אָבער ווי אַ דערוואַקסענער פאַרשטאַנען, אַז ניט נאָר קען די מאַמע פאַר אים ניט צאָלן קיין שכר-לימוד, נאָר, אַז זיין מאַמע איז אַפילו ניט אומשטאַנד אים צו דערנערן — איז ער ניט ווילנדיק צוריקגעפאָרן קיין לאָסק אין דער ישיבה, ווידער צו עסן ביי פרעמדע טישן, שלאָפן אויף פרעמדע געלעגערס, אָדער גאָר אויף דער באַנק אין בית-המדרש אַבי צו לערנען, וואָס מער צו וויסן און צו פאַרשטיין.

⁂

אין עלטער פון פערצן יאָר איז פּרצל אַוועקגעפאָרן אין דער ליטע, אין דעם שטעטל קאָסאָווע, און איז אַריין אין דער דאָרטיקער ישיבה.

אין דער קאָסאָווער ישיבה, האָט זיך פּרצלס אופן פון לערנען פיל געענדערט. דער ראש-ישיבה איז געווען אַ ייד אַ משכיל. מען האָט דאָרט מעטאָדיש געלערנט די העברעאישע שפּראַך און דיקדוק. מען האָט אויך דאָרטן געלערנט די רוסישע שפּראַך. מיין ברודער — אַ דורשטיקער נאָך תורה און אויך נאָך שפּראַך-קענטעניש — האָט זיך צו דעם אַלעם צוגעכאַפּט ווי אַ דורשטיקער צו אַ קוואַל. ער האָט געלערנט מיט גרויס התמדה..

שוין אַלס צוועלף יאָריקער יינגל האָט פּרצל פון צייט צו צייט געשריבן העברעאישע לידער. ווער שמועסט נאָך איצטער, אין דער

קאָסאָווער ישיבה, וואו ער האָט זיך אַזוי פיל פאַרפּולקאָמט אין דער העברעאישער שפּראַך און אין דיקדוק, האָט פּרץ זיך שטאַרק גענו־מען צום שרייבן העברעאישע שירים. דער ראש־ישיבה האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן, האָט אָנערקענט זיין איינגעבוירענעם טאַלאַנט צו שרייבן, און אויך די ישיבה־בחורים האָבן פּרצן ליב געהאַט און האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט פיל אַכטונג.

ווען פּרץ איז מיט אַ יאָר שפּעטער אַהיימגעקומען אויף יום־טוב, איז ער שוין געווען אין גאָר אַן אַנדערער שטימונג. ער איז גע־ווען גאָר שטאַרק באַגייסטערט פאַר דער ליטווישער ישיבה. מיט פיל באַגייסטערונג האָט ער פאַר אונדז געשילדערט ליטע. ער האָט אונדז דערציילט וועגן זיינע דערפאַרונגען מיט די נייע מענטשן, זייער לעבן און זייערע מנהגים. פּרץ איז געווען פול מיט האָפענונג, אַז אין דער דאָזיקער ליטווישער ישיבה וועט ער דערגרייכן צו וואָס ער שטרעבט. ער איז געווען גאָר באַגייסטערט פון דעם וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער השכלה־ליטעראַטור. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז אָבער געווען זייער אַ שווערע. קיין הילף פון דער היים, ווי אַנדערע ישיבה־בחורים, האָט ער נישט געקראָגן, און ער האָט געמוזט עמוזט לעבן, ווי עס האָבן געלעבט די אָרעמסטע פון צווישן זיי — ער האָט געגעסן טעג.

אין שטעטל, ליטאָמירסק, האָט מיין ברודערס קומען אַהיים פון דער ישיבה אויף יום־טוב אַרויסגערופן גרויס דרך־ארץ צו אים. דאָס גאַנצע שטעטל איז שוין איצטער געווען בטוח, אַז פּרצל ר' בינום לייזערס וועט זיין אַ רב.

ווען פּרצל איז אָבער אַ יאָר שפּעטער אַהיימגעקומען אויף יום־טוב, האָט ער אין זיין תמימותדיקייט פאַרטרויט פאַר זיינע פריינד, די ליטאָמירסקער בית־המדרש־בחורים, אַז ביי זיי, אין דער ליטווי־שער ישיבה לערנט מען העברעאיש און דיקדוק און אַז מען לערנט אויך רוסיש און פּויליש. די בית־המדרש בחורים האָבן די דאָזיקע נייעס באַלד איבערגעגעבן צו זייערע עלטערן, און באַלד האָט זיך איבערן שטעטל צעטראָגן די ידיעה, אַז פּרצל ר' בינום לייזערס איז געוואָרן אַן אַפּיקורס, ר"ל...

דעם זעלבן יום־טוב האָט זיך אין שטעטל אָפּגעשפּילט פאַר מיין ברודער אַ זייער פיינלעכע סצענע, וואָס האָט אים און אונדז אַלעמען פיל געזונט געקאָסט. אין דעם זעלבן גערער שטיבל, וואו אונדזער

פאַטער, ז״ל, איז יאָרן־לאַנג געווען דער בעל־תפילה. האָט מען פּרצן נים אַריינלאָזן דאַווענען, און אַז ער איז אַוועק אין בית־המדרש צום דאַווענען, האָט מען אים אויך פון דאָרטן פאַרטריבן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז פּרץ האָט נים געקענט מער דורכגיין די גאַס. קינד און קייט האָבן אויף אים געטייטלט מיט די פינגער: „דער אַפּיקורס גייט״. אַפילו זיינע בעסטע פריינד פון צווישן די ליטאָמירסקער בחורים האָבן זיך פון אים אָפּגעקערט און ער האָט נים געהאַט מיט וועמען קיין וואָרט אויסצורעדן.

אויך ביי אונדז, אין זיין אייגענער היים האָט מען פּרצן איצטער געהאַלטן אין איין מוסרן. בעיקר אונדזער עלטערע שוועסטער מאַשע. זי איז געווען זייער אַ פרומע און מיר אַלע האָבן זיך צו איר באַצויגן מיט גרוים דרך־ארץ, ווייל זי איז געווען די גאַנצע פּרנסה־געבערין אין הויז. זי האָט שוין דעמאָלט געאַרבעט אין אַ זאָקן־פאַבריק. מיין שוועסטער איז געווען שטארק פאַרצווייפלט און אַנטוישט פון אונדזער ברודערס נייע דרכים. און אויך די מאַמע אונדזערע האָט שטיל געליטן. איר גרויסע האָפענונג איז צערונען, — פּרצל וועט שוין קיין רב נים זיין.

⁂

קורץ נאָך דעם דאָזיקן אינצידענט, האָט פּרץ באַשלאָסן צו ווערן אַ בעל־מלאָכה. דעם דאָזיקן געוואַגטן באַשלוס זיינעם האָט פּרץ געמאָלדן דער מאַמען: „איך וויל זיין אַן אַרבעטער״, האָט ער געזאָגט, „איך וויל קענען פאַרדינען מיין ברויט אויף אַן ערלעכן אופן.״ און פּרץ איז מער אין דער ישיבה נים צוריקגעפאָרן.

באין־ברירה האָט די מאַמע איר בן־יחיד, וועלכער האָט געזאָלט ווערן אַ רב, אַריינגעגעבן צו אַ קאָמאַשנמאַכער ער זאָל זיך דאָרטן אויסלערנען מאַכן די אויבערשטע טיילן צו שיך. אָבער פּרץ איז געווען ביי דער אַרבעט אומרואיק. עס האָט אים געצויגן צוריק צו דער ישיבה, צום לערנען. נאָך עטלעכע וואָכן האָט אים דער באַלעבאָס, דער קאָמאַשנשטעפער, אַהיימגעשיקט מיט דער פאָרויסזאָגונג, אַז פּרץ וועט קיין מאָל קיין בעל־מלאָכה נים זיין, ווייל זיין קאָפּ איז נים ביי דער אַרבעט נאָר ביי די ביכער...

נאָך דעם ווי פּרץ איז אַוועק פון דעם קאָמאַשנשטעפער האָט אים די מאַמע אַוועקגעפירט קיין לאָדז צו אַ משפחה וואָס האָט געהאַט אַ

ביינוול-געשעפט, כדי ער זאָל דאָרטן זיין באַשעפטיקט ביי וועלכער עס איז אַרבעט. אָבער ווי נאָר דער באַלעבאָס פון געשעפט האָט נאָר אַ ביסל אים אָפּגעלאָזן פון אויג, האָט שוין פרץ אַוועקגעלייגט די אַרבעט און ער האָט אַריינגעקוקט אין זיין קלייענת תנכל וואָס די מאַמע האָט אים געשענקט און מיט וועלכן ער האָט זיך קיין מאָל ניט געשיידט, אָדער ער האָט אַריינגעקוקט אין אַן אַנדער בוך. איז טאַקע פרץ אויך דאָרטן אָפּגעווען ניט מער ווי עטלעכע וואָכן און דער באַ־לעבאָס האָט אים צוריק אַהיימגעשיקט.

פרץ איז שוין דעם גאַנצן זומער געבליבן אין דער היים. ער איז ממש געווען פאַרליבט אין ליטאָמירסק. דאָס שטעטל האָט פאַרמאָגט זייער אַ רייכע נאַטור־שיינקייט. פרץ פלעגט פאַרפאַלן ווערן פון דער היים אויף גאַנצע טעג. ער איז אָפט אָפּילו ניט געקומען אַהיים אָפּעסן, פשוט דערפאַר, וואָס ער האָט געוואוסט אַז ביי אונדז אין שטוב איז ניטאָ קיין פרנסה. די מאַמע אונדזערע האָט אַפילו צו יענער צייט געהאַט עפּעס אַ שטיקל געוועלבל, אָבער קיין חיונה האָט מען דערפון ניט געקענט ציען.

יענער זומער איז געווען דער איינציקער זומער וואָס איך בין געווען מיט מיין ברודער צוזאַמען אין דער היים. יענעם זומער וועל איך קיין מאָל ניט פאַרגעסן. כאָטש מיין ברודער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ יונג ייִנגל, האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט איבערן שטעטל אין בענקעניש און געפּלאָגט פון ספקות. ער האָט געהאַלטן פון זיין זייט פאַר אַן אומרעכט, וואָס ער קען ניט פאַרדינען אויף זיין אויסקומע־ניש. ער פלעגט שוין דעמאָלט אָפט איבערחזרן: „עס איז אַ פאַר־ברעכן צו לעבן פון יענעמס אַרבעט", און ביי אָט דעם פּרינציפּ האָט ער זיך פעסט געהאַלטן זיין גאַנצן לעבן. ער האָט שפּעטער, שוין אַלס דערוואַקסענער מענטש, אָפט געהונגערט, אָבער ער האָט ניט־געוואָלט נעמען ביי קיינעם קיין שטיצע, אַפילו ניט פון מיר, זיין אייגענער שוועסטער.

נאָך אָט יענעם זומער פון אַרומבלאָנדזשענישן און זוכן פאַר זיך אַ מאַטעריעלן און גייסטיקן תכלית, איז פרץ ענדלעך צוריקגע־פאָרן אין דער ליטווישער ישיבה, אין קאָסאָווע. ער איז אָבער דאָר־טן נאָר פאַרבליבן ניט מער ווי איין זמן, און מיט דער הילף פון דעם קאָסאָווער ראש־ישיבה איז פרץ אַוועקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד, וואו

ער האָט געשטרעבט אַנצוקומען אין דער ראַבינער־שול פון פראַנק־פורט־אם־מיין.

אָבער אויך דאָרטן האָט מיין ברודער קיין מזל ניט געהאַט. דער ראַבינער־אַנשטאַלט, וואו עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די אָרעמע בחורים און וואוהין זיין ליטווישער ראש־ישיבה האָט אים רעקאָמענ־דירט, איז געווען איבערפולט. קיין מאַטעריעלע שטיצע פון דער היים און פון קיין אַנדערן האָט ער ניט געהאַט און ניט געקענט דער־וואַרטן. זיין מאַטעריעלע לאַגע איז געוואָרן צו שווער, איז פּרץ, אַן אַנטוישטער און צעבראָכענער צוריק אַהיימגעקומען

פאַרלאָזן דאָס שטעטל האָט פּרץ אין זיין טראַדיציאָנעלן ישיבה־בחורישן טראַכט ; אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַרומגעבונדן מיט אַ זיידענעם גאַרטל, אַ יידישע היטל און לאַנגע, געקרייזטע פאות. צוריקגעקומען איז ער אָנגעטאָן ווי אַ דייטש: אין אַ קורצן אָנצוג, אַ קאַפּעליוש און אָפּגעשאָרענע פאות. ער איז געווען הויך, דאַר און בלאַס. זיינע אויגן זיינען געווען גרויסע, בלויע און טרויעריקע. זיי האָבן געטראָגן דעם צער פון דער גאַנצער וועלט. פרעצעס געענדערטע הלבשה האָט געמאַכט אַ שרעקלעכן איינדרוק אויפן שטעטל. אַז ער איז אין זיין נייעם טראַכט אַרויסגעקומען אין גאַס, האָבן קינדער אים נאָכגעשריגן: „אַפּיקורס!" און טייל לאַבוזעס האָבן אים אפילו נאָכגעוואָרפן שטיינער.

געוווג איז שוין פּרץ געווען פאַרצווייפלט פון זיין דורכפאַל אין פראַנקפורט און פון דעם וואָס ער האָט געמוזט צוריק קומען אין שטעטל, האָט נאָך די שטאַרק־געביטענע באַציאונג צו אים מצד די שטעטלדי־קע יידן, כמעט אין גאַנצן צעבראָכן זיין געמיט. ער האָט שוין ניט מער געקענט בלייבן אין שטעטל און ער איז אַוועק קיין קאַליש, וואָס איז געווען אַ גרעסערע פאַבריק־שטאָט. מען האָט דאָרטן פאַב־ריצירט פאַרשיידענע שטיקעריי, שפּיצן צו וועש און קליידער, דאָרטן זיינען געווען געוויסע אויסזיכטן צו באַקומען אַ ביסל אַרבעט.

אין קאַליש איז דעמאָלט געווען אַ נעסט פון בית־המדרש בחו־רים, וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון די שטעטלעך און ישיבות, כדי צו ווערן בעלי־מלאָכות. אויך חסידישע טעכטער, יונגע מיידלעך, האָבן זיך דאָרטן געפונען. זיי זיינען אַנטלאָפן פון זייערע שטרענגע פאַנא־טישע היימען.

***

די יוגנט איז דעמאָלט געווען רעוואָלוציאָנער-געשטימט. דער יונגער דור האָט זיך געבונטעוועט קעגן שווערן אָרעמען לעבן, אין וועלכן עס האָבן דעמאָלט געלעבט די יידישע מאַסן אין פּוילן. די חסידישע זין און טעכטער פון די פּוילישע קליינע שטעטלעך, זיינען געלאָפן אין די גרויסע שטעט און בעיקר אין די פאַבריק-שטעט, כדי איבערצואַנדערשן זייער לעבן, צו ווערן יגיע-כפּימניקעס, זעלבסשטענדיקע מענטשן.

ביי טאָג האָבן די דאָזיקע יונגווארג געאַרבעט אין די פאַבריקן און ביי נאַכט האָט מען שטודירט, געלייענט און געטרוימט פון אַ פרייער און גליקלעכער וועלט. גראָד איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע אַרבעטסלאָזיקייט אין גאַנצן לאַנד און דאָס האָט נאָך מער סטימולירט די רעוואָלוציאָנער-געשטימטע יוגנט צו קעמפן פאַר אַ גערעכטער פאַרטיילונג פון די רייכטימער פון דער וועלט.

מיט איינער אַזאַ גרופּע איז פּרץ באַקאַנט געוואָרן גלייך ביי זיין אָנקומען אין קאַליש. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון אינטעליגענטע בחורים און מיידלעך. זיי האָבן געלעבט אין אַ מין „קאָמונע”, האָבן זיך געטיילט מיט די פאַרדינסטן מיט די חברים און חברות וואָס האָבן ניט פאַרדינט. זיי האָבן אויך אַרויסגעהאָלפן ניי-אָנגעקומענע חברים ביז זיי האָבן באַקומען באַשעפטיקונג און געקענט זיך איינאָרדענען.

אויך מיין ברודער פּרצן האָט די דאָזיקע גרופּע אַרויסגעהאָלפן. פּרץ אָבער, זייענדיק געטריי זיינע פּרינציפּן ניט צו לעבן אויף יענעמס חשבון, האָט זיך געמאַכט ניצלעך: ער פלעגט ראַמען דאָס קאָלעקטיווע צימער זייערס, ברענגען וואַסער פון ברונעם, אָנהאַקן האָלץ און הייצן דאָס אייזערנע אויוועלע אום ווינטער. אַזוי האָט ער גע-האַט דאָס געפיל, אַז ער פאַרדינט זיך זיין שטיקל ברויט.

אין קאַלישער קאַזאַרמעס איז דעמאָלט איינגעשטאַנען אַ פּאָלק רוסישע קאַוואַלעריע. אין דעם דאָזיקן קאַוואַלעריע-פּאָלק האָט דע-מאָלט געדינט דער באַקאַנטער יונגער דיכטער אָשר שוואַרצמאַן.

אָשר שוואַרצמאַן איז געווען אַ הויכער שוואַרצער בחור מיט אַ פּאָר גרויסע, שוואַרצע אויגן, אין וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט די גאַנצע וועלט מיט זיינע יונגע, דיכטערישע חלומות. זיין זעלנער-

שער מונדיר איז אויף אים געווען געפּאַסט, ניט ווי אויף אַ פּראָסטן זעלנער ווי ער איז געווען, וואָס האָט געהאַט אומצוגיין אַרום צווישן פערד, נאָר ווי דער אוניפאָרם פון אַ גענעראַל. זיינע שוואַרצע געלאָקטע האָר זיינען שטענדיק געווען שיין פאַרקעמט. די קאַלישער מיידלעך זיינען כמעט אַלע אין אים געווען פאַרליבט.

מיין ברודער, פּרץ אָפּאַטשינסקין, האָט דאָס מזל צוגעשפּילט און ער האָט זיך באַקענט מיט אַט דעם יונגן דיכטער אַשר שוואַרצמאַן. גאָר גיך האָט זיך צווישן אַט די צוויי טרוימערישע יונגליים פאַרבונדן אַן אינטימע פריינדשאַפט. טייער איז ביי זיי געווען יעדע מינוט וואָס זיי האָבן זיך געפונען צוזאַמען. אַז אַשר איז נאָר געווען פריי פון זיין דינסט אויף אַ ווײַלע, איז ער שוין געלאָפן צו מיין ברודער. פּרץ איז געווען גליקלעך מיט דעם צופאַל וואָס ער האָט דאָ, אין דער פרעמדער שטאָט, געפונען אַזאַ טייערן האַרציקן חבר און דערצו נאָך אַ יידישן דיכטער.

ביז דעמאָלט האָט פּרץ נאָר געהאַט געשריבן העברעאישע שירים. חוץ זיין ליטווישן ראש־ישיבה האָט פּרץ נאָך זיינע שירים קיינעם ניט געהאַט געוויזן. ער איז ניט געווען זיכער אויב זיין פּאָעזיע האָט עפּעס אַ ווערט. ער האָט ניט געוואַגט צו שיקן זיינע לידער אין רעדאַקציעס און ער האָט ניט געהאַט וועגן זיי זיך מיט וועמען צו באַראָטן. איצטער, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט אשר שוואַרצמאַנען, האָט אין אים אַ פּלייץ געטאָן אַ קוואַל פון נייע האָפענונגען. קודם־כל האָט פּרץ אונטער אַשר שוואַרצמאַנס איינפלוס גענומען שרייבן אין יידיש.

אַשר שוואַרצמאַן האָט זייענדיק אַ סאָלדאַט, אָפּגעדרוקט עטלעכע פון זיינע לידער אין די זשורנאַלן און זאַמלביכער וואָס זיינען אין יענער צייט דערשינען. ער פלעגט יעדע פון זיינע נייע לידער פאָרלייענען פאַר מיין ברודער און אויסהערן זיין מיינונג. דאָס האָט פּרצן צוגעגעבן מוט און אויך ער האָט זיינע ערשטע פּאָעטישע פּרואוון אין יידיש געוויזן אַשר שוואַרצמאַנען און ער האָט אויסגעהערט די מיינונג איבער זיין שאַפן פון אַן אמתן פּאָעט. עס וועט ניט זיין איבערגעטריבן ווען איך וועל זאָגן, אַז אַשר שוואַרצמאַן האָט שטאַרק ליב געקראָגן מיין ברודער און אַז ער האָט אויך שטאַרק געהאַלטן פון מיין ברודערס פּאָעזיע.

אין דער גרופּע זיינען געווען יונגעליים מיט אַמביציעס און עט־

לעבע פון זיי, וואָס האָבן באמת געהאַט טאַלאַנט. עס האָבן זיך צווישן זיי געפונען דיכטער, מאָלער, זינגער, פידל־שפּילער און קאָמפּאָזיטאָרן.

די דאָזיקע גרופּע האָט געהאַט אַ שטיבל ערגעץ הינטער דער שטאָט, אין אַן אָרט וואָס מען האָט גערופן „דוביזשעץ". דאָס צימערל האָט געהאַט פּלאַץ פאַר אַ דריי־פיר פּערזאָן, אָבער געוואוינט האָבן דאָרטן אַכט. איטלעכער מיט זיינע חלומות און אַספּיראַציעס וואָס האָבן אין אָט דער פּוילישער, ניט גרויסער פאַבריק־שטאָט, גע־האָט קנאַפּע אויסזיכטן רעאַליזירט צו ווערן.

דער יידישער דיכטער־סאָלדאַט, אָשר שוואַרצמאַן, איז גע־ווען שטאַרק באַליבט ביי אַלעמען און אויך ער האָט הנאָה געהאַט צו קומען אין אָט דער סביבה פון יונגע שטרעבער און טרוימער. ווען ער איז נאָר פריי געווען פון זיין זעלנערשער דינסט, פלעגט אָשר שוואַרצמאַן קומען צולויפן אויף דוביזשעץ. ער פלעגט אָפט מיטברענגען מיט זיך אַ זעלנערש ברויטל און אַ ביסל צוקער, און אין יענע יאָרן פון הונגער איז עס געווען אַ פאַרמעגן. מען פלעגט אויפקאָכן טיי און די חברה קינסטלער וואָס זיינען נאָך פאַר דער וועלט געווען אומבאַקאַנט, האָבן אָשרן אַרומגערינגלט מיט זייערע שאַ־פונגען, האָבן אים געוויזן פאַר מבינות לידער, מאָלערייען און מו־זיק און איטלעכער פון זיי האָט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געוואַרט אויף אָשר שוואַרצמאַנס מיינונג און אָנווייזונגען.

עטלעכע וואָכן נאָך מיין ברודערס אָנקומען אין קאַליש, איז דאָרטן אויך אָנגעקומען דער דיכטער הערשעלע דאַנילעוויטש, וואָס איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דער יידישער פאָלקס־דיכטער הערשעלע. אויך ער איז דעמאָלט געקומען זוכן אַרבעט אין קאַליש.

מיין ברודער האָט הערשעלען געקאַנט נאָך פון לאָדז. האָט מען אים באַלד אַריינגענומען אין דעם שטיבל אויף דוביזשעץ, אים באַקענט מיט אָשר שוואַרצמאַנען, און אויך ער, הערשעלע דאַנילעוויטש, איז געוואָרן אַן איינוואוינער אין דעם ענגן שטיבל, וואָס מען האָט גערופן „די קאָמונע".

הערשעלע דאַנילעוויטש איז געווען אַ קליין־געוויקסיקער. האָט געהאַט גראָע, טרויעריקע אויגן. ער איז געווען נאַאיוו ווי

אַ קינד און האָט געמאַכט אויף יעדן איינעם אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין נאַאיוויטעט און אומשולדיקייט.

אויך הערשעלע דאַנילעוויטש, פּונקט ווי מיין ברודער פּרץ אָפּאַטשינסקי, האָט זיך ניט געקענט צופּאַסן צו פאַבריק־אַרבעט. אנשטאָט צו ארבעטן האָט ער געשריבן לידער. ער האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט פולע קעשענעס נאָטיץ־ביכלעך און מאַנוסקריפּטן. זיין האַנטשריפט איז געווען אַ דריבנענקע, אַ קלאָרע, די אותיות אין זיין כתב־יד האָבן אויסגעזען אין זיינע לינירטע העפטן ווי קליינע פּערעלעך, אַרויפגעצויגענע אויף אַ בלאָען שנירל.

אַביסל האָט הערשעלע אונטערגעהונגערט און אַביסל האָט אים „די קאָמונע" אַרויסגעהאָלפן, און אין די קאַלישער פאַבריקן האָבן אַרבעטער און אַרבעטערנס ביי דער אַרבעט געזונגען הערשעלע דאַנילעוויטשעס לידער.

דער הויפּט מעצענאַט פון יענער קאָמונע איז געווען איינער אַ בחור מיטן נאָמען טוביה גרינבלאַט. ער האָט געאַרבעט אין אַ שטיקעריי־פאַבריק, ער איז געווען אַ פעאיקער צייכענער און האָט געצייכנט די פאַרשיידענע בלומען און מוסטערן פאַר די שפּיצן וואָס מען האָט אויסגעאַרבעט אין אָט דער פאַבריק.

ער איז געווען זייער אַ הויכער, שלאַנקער בחור, מיט אַ פּאָר גרויסע, בלאָע, פאַרחלומטע אויגן. מעשה־קינסטלער, האָט ער געטראָגן אַ שוואַרצע פּעלערינע, זיין גאַנצע התנהגות איז געווען ווי פון אַן אמתן באָהעם. ער האָט זייער פיל געלייענט, אַפילו בעתן עסן איז ער תמיד געווען פאַרטאָן אין אַ בוך אָדער זשורנאַל, אָפט אַפילו אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט ניט געוואוסט שפּעטער וואָס ער האָט געגעסן.

אָט דער טוביה גרינבלאַט האָט קיין מאָל ניט געהאַלטן חשבון פון זיינע פאַרדינסטן. ער פלעגט אַהיימברענגען זיין פאַרדינסט פון דער וואָך און עס אַוועקלייגן אויפן טיש:

„נעמט חברים, און קויפט וואָס איר דאַרפט".

טוביה גרינבלאַט איז שפּעטער אַוועק קיין פראַנקרייך, איז דאָרטן געוואָרן אַ כעמיקער־אינזשענער. ער האָט אין פראַנקרייך איבערגעלעבט די מלחמה, איז פון דאָרטן געקומען קיין אַמעריקע און געוואוינט אין קאַליפאָרניע. איצט איז ער אין ניו־יאָרק.

***

דעם טאָג פון זומער, 1914, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די ערשטע וועלט-מלחמה, איז אָשר שוואַרצמאַן, אַ טרויעריקער, אַ בלאַסער, געקומען צולויפן אויף דוביזשעץ. די גאַנצע גרופּע האָט שוין אויף אים געוואַרט. גלייך ווי ער האָט אַריבערגעטראָטן די שוועל האָט ער אויסגערופן:

— „קינדער, עס איז מלחמה!" — ער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך האַרציק מיט אַלעמען צעקושט, געדריקט איטלעכן די הענט און איז מיט טרערן אין די אויגן אַרויסגעלאָפן.

ווי באַוואוסט, איז אָשר שוואַרצמאַן אין יענער מלחמה אומגעקומען.

אַ פּאָר טעג נאָך דער מאָביליזאַציע איז פּרץ אַהיימגעקומען און זיך געמוזט שטעלן צום מיליטער-דינסט.

געהאָפט האָט מען, אַז היות ווי ער איז געווען אַ בן-יחיד, וועט מען אים באַפרייען. אויסגעלאָזן האָט זיך אָבער, אַז אויך צו דעם האָט מען געדאַרפט האָבן ניט נאָר מזל נאָר אויך געלט, ווייל די רייכע בחורים האָבן אין רוב זייערע עלטערן אויסגעקויפט און מיין ברודער האָט מען צוגענומען. עס האָט ניט לאַנג גענומען און מען האָט אים אויסגעלערנט די קונסט פון מלחמה און מען האָט אים אַוועקגעשיקט אויפן פראָנט. פּרץ איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ פוס. ער איז פאַרוואונדעטערהייט גענומען געוואָרן אין געפאַנגשאַפט דורך די דייטשן און איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער פאַר קריגס-געפאַנגענע אין אונגאַרן.

פּרץ האָט געאַרבעט ביי אַ פּויער אויפן דאָרף. געשלאָפן איז ער אין אַ פערד-שטאַל. ער האָט געמוזט אַרבעטן שווער פון אין דער פרי ביז שפּעט אין אָוונט. די אונגאַרישע באַלעבאַטים זיינע האָבן אים געלאָזט הונגערן, בעת אַליין האָבן זיי געגעסן פון שענסטן און פון בעסטן. ער האָט אַזוי פיל געהונגערט, אַז ער האָט פון צייט צו צייט געגנבעט אַ קאַרטאָפל וואָס מען פלעגט וואַרפן פאַר די הינער, כדי זיך דאָס חיות צו דערהאַלטן.

יענע צייט, ווען מיין ברודער האָט געאַרבעט ביי דעם אונגאַרישן פּויער אַלס מלחמה-געפאַנגענער, איז פאַר אים געווען די ערגסטע צייט פון זיין געפאַנגשאַפט. ווייל חוץ דעם וואָס ער האָט

געהונגערט, האָט ער שטאַרק געליטן פון בענקשאַפט נאָך דער היים, וואוהין ער האָט אַפילו קיין בריוול ניט געטאָרט שרייבן און פון וואַנען ער האָט אויך קיין בריוו ניט געקענט באַקומען.

נאָך אַ יאָר צייט אַפּפּינצטערן אין אַזאַ מצב, ביי אָט דעם אונגאַרישן פויער, האָט מען אים געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל, ווייל זיין פאַרוואַונדעטע פוס איז ניט געוועז אויסגעהיילט און האָט אים גענומען שטאַרק דאָקוטשען און שטערן אין דער אַרבעט.

ווען זיין פוס האָט שוין אַביסל זיך פאַרהיילט, האָט מען אים שוין ניט צוריקגעשיקט אויף דעם פריערדיקן אַרבעטס-פּלאַץ, נאָר אין אַ לאַגער פאַר קריגס-געפאַנגענע, אין וועלכן עס האָבן זיך אויך געפונען אַ היפּשע גרופּע יידישע געפאַנגענע.

די לאַגע האָט זיך פאַר פּרצן אַביסל געביטן צום בעסערן. אמת אויך דאָ האָט מען געהונגערט, אָבער דאָך איז געווען דאָס לעבן אַביסל פריילעכער.

פּרץ האָט דאָרטן אָרגאַניזירט אַ קרייז פון וועלכן ער איז געוואָרן דער גייסטיקער פירער. ער האָט מיט זיי געלערנט העבּ-רעאיש און תנך. חוץ דעם האָט פּרץ דאָרטן אַרויסגעגעבן אַ מין געשריבענע צייטונג. קיין עקזעמפּלאַר פון אָט דער צייטונג איז, צום באַדויערן, ניט געוואָרן אויפגעהיט, ווייל בעת מען האָט די מלחמה-געפאַנגענע באַפרייט, האָט מען זיי ניט דערלויבט מיט-צונעמען מיט זיך קיין שום געשריבענע פּאַפּירן.

מיין ברודער האָט פאַר מיר געשילדערט זיינע איבערלע-בונגען אין לאַגער פון די געפאַנגענע מיט פאָלגענדע ווערטער:

„געגנוג צו עסן איז אויך אין געפאַנגען-לאַגער ניט געווען אָבער דאָס וואָס איך בין געווען מיט יידישע בחורים, געראַדט מיין יידישן לשון און דערצו נאָך האָב איך געקאָנט עפּעס אָנשרייבן און עס פאָרלייענען פאַר מיינע קאָלעגן, יידישע געפאַנגענע, קאָנ-סטו זיך גאָרניט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ גרויס גליק דאָס איז פאַר מיר געווען. און ווען אַלע געפאַנגענע, יידן, אוקראַינער און רוסן האָבן זיך אין דער פרייער צייט צונויפגעקליבן, און באַגלייט פון גיטאַרעס און מאַנדאָלינעס האָבן מיר געזונגען אין כאָר רו-סישע, אוקראַינישע און אויך יידישע פאָקס-לידער, האָט זיך איט-לעכן פון אונדז אויסגעדאַכט, אַז מיר געפינען זיך ווידער אין אונד-זערע שטעטלעך, אין אונדזערע היימען, צוזאַמען מיט אונדזערע

עלטערן און געליבטע נאָך וועלכע מיר האָבן אַזוי שטאַרק גע־בענקט, און מיר האָבן זיך געפילט דעמאָלט גליקלעך און מיר האָבן אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן אין דער בלוטיקער מלחמה און אויך אין אונדזערע אייגענע לײַדן".

⁂

פּרץ איז געבליבן פיר יאָר אין אַט דעם אונגאַרישן געפאַנ־גען־לאַגער. אין זעלבן לאַגער האָט זיך אויך געפונען אונדזערס אַ שוועסטער־קינד, אברהם אָפּאָטשינסקי, דער זון פון מענדל אָפּאָ־טשינסקי, פון שטעטל קלאָדאָווע, ניט ווײַט פון קוטנע, קאַלישער גובערניע. אברהם איז נאָך פריער גענומען געוואָרן אין מיליטער ווי פּרץ אָבער איינער האָט ניט געוואוסט וועגן דעם אַנדערנס גורל. יעדער פון זיי האָט דעם אַנדערן שוין גערעכנט פאַר אַן אומ־געקומענעם ערגעץ אויף די מלחמה־פראָנטן. אָבער געווען זײַנען זיי גאָר ביידע אין איין געפאַנגען־לאַגער, נאָר אַזוי ווי דער לאַגער איז געווען זייער אַ גרויסער האָבן זיי זיך איינער מיטן אַנדערן ניט באַגעגנט. אויך דעם זעלבן אברהם אָפּאָטשינסקיס אַנדערע צוויי שוועסטער־קינדער האָבן זיך געפונען אין אַט דעם זעלבן לאַגער און איינער האָט פון דעם אַנדערן ניט געוואוסט. פּרץ מיט אברה־מען האָבן זיך ביידע אויסגעפונען אויף אַ גאַנץ מערקווירדיקן אופן. עס איז כדאי בקיצור צו דערציילן:

אברהם אָפּאָטשינסקי איז געווען אַ שיין געוויקסיקער בחור, אַ געבענטשער פון דער נאַטור מיט אַ סך מעלות און טאַלאַנטן. ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן פאָלקס־הומאָר, האָט פיין גע־קענט דערציילן אַ וויץ, זאָגן אַ גלייכוואָרטל, געהאַט אַ שיינעם און אָנגענעמען קול־נגינה און איז געווען אַ בחור אַ מתמיד — האָט אַ סך געלייענט און געלערנט. אברהם אָפּאָטשינסקי האָט אויך געשריבן העברעאישע און יידישע לידער אָבער ער האָט זיי קיין מאָל ניט פאַרעפנטלעכט.

איין מאָל איז צו מיין ברודער געקומען אַ רוסישער געפאַנ־גענער און אים דערציילט, אַז ניט ווײַט פון דעם פּונקט וואו פּרץ געפינט זיך איז פאַראַן נאָך איינער אַ געפאַנגענער וואָס רופט זיך אויך אָפּאָטשינסקי, אַז יענער איז אַ דאָלמעטשער. ער האָט אים אויך אָפּגעשילדערט זיין אויסזען און ער האָט צוגעגעבן, אַז

יענער איז זייער אַ גוטער און ערלעכער מענטש און אַז ער זינגט זייער שיין. פון אַט די אַלע סימנים האָט שוין מיין ברודער פאַר־שטאַנען אַז דאָס איז זיין געשוועסטער־קינד אברהם אָפּאָטשינסקי, דער זון פון פעטער מענדל.

פּרץ איז געלונגען צו קריגן אַ דערלויבעניש צו גיין אים זען. זייערביידנס פרייד ביי אַט דער אומגעריכטער באַגעגעניש איז געווען אין־לשער. זיי זיינען אויך שוין שפּעטער געווען אין איין אָפּטיילונג.

די געפאַנגענע אין לאַגער האָבן זייער ליב געהאַט די צוויי אָפּאָטשינסקים. זיי האָבן ביידע אַרויסגעגעבן אַ יידישע צייטונג און אברהם האָט אָרגאַניזירט אַ טרופּע וועלכע האָבן געשפּילט יידיש טעאַטער.

ווי מיר האָבן שוין פריער באַמערקט, איז אברהם געווען אַ פּעאיקער בחור. ער האָט פאַר די געפאַנגענע זייער שיין פאָרגע־לייענט שלום עליכמען, און דאָס האָט אים שטאַרק באַליבט גע־מאַכט ביי אַלע.

פּרץ איז אויך געוואָרן אַן איבערזעצער פון רוסיש אויף דייטש. דורך זיינע פאַרבינדונגען, וואָס ער האָט זיך דאָדורך געשאַפן, האָט ער אויסגעפּועלט בעסערע באַדינגונגען פאַר אַלע געפאַנגענע און אַלע האָבן אים זייער געשעצט.

פּרץ און אברהם זיינען שוין ביידע צוזאַמען געבליבן אין אַט דעם אונגאַרישן געפאַנגען־לאַגער ביזן סוף פון דער מלחמה אין 1918. ער איז אַהיימגעקומען אַ סך געענדערט אין זיין אויסזען. זיין פיגור הויך און שלאַנק, זיין רוקן און אקסלען אויסגעגלייכט, זיינע געדיכטע, העל־ברוינע האָר פאַרקעמט אויף אַרויף, פון וועלכע אַ פּאָר לאָקן זיינען שטיפעריש געפאַלן אויף איין זייט. זיינע פאַרחלומטע העל־בלאָע אויגן זיינען געוואָרן פרייליכער, ליכטיקער, גלייך ווי אַ גאָר נייע האָפענונג וואָלט געטליעט אין זיי. ליטאָמירסק איז גע־לעגן אין חורבות, איז דעריבער מיין ברודער אָנגעקומען אין לאָדז.

***

די פּאָליאַקן און אויך די יידן זיינען האָפערדיקע צוריקגעקומען פון די פראָנטן און פון די געפאַנגען־לאַגערן. פּוילן איז געוואָרן אומ־אָפּהענגיק, אין רוסלאַנד איז פאָרגעקומען די לאַנג־געגאַרטע רעוואָ־

לוציע, האָט מען געהאָפט, אַז דאָס וועט זיין דער אָנפאַנג פון דער באַפרייאונג פון דער מענטשהייט.

פרץ איז צוריקגעקומען פון דער געפאַנגענשאַפט שטאַרק רע־וואָלוציאָנער־געשטימט. ער האָט געגלויבט, אַז אַ נייע זון איז אויפגעגאַנגען פון מזרח און אַז אָט־אָט ווערט אויסגעלייזט די וועלט.

אָנגעהויבן האָט זיך אָבער אָט די נייע תקופה פאַר פּרצן מיט אַ ביטערער אַנטוישונג. ער האָט זיך נעמלעך דערוואוסט, אַז אַלע זיינע מאַנוסקריפּטן זיינען אין דער שריפה פאַרברענט געוואָרן. צווישן זיי זיינען אויך געווען עטלעכע פון זיינע לידער, וואָס זיינען דערשינען אין אַ זאַמל־ביכל, געדרוקט אין לאָדז.

איידער מיין ברודער איז אַוועק אויף דער מלחמה, האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ הילצערנע קעסטעלע מיט זיינע כתבים און בי־כער. מיר האָבן געהאַט אונדזערע אַן אייגענע הייזקע, איך אָבער האָב געוואוינט אין אַ באַזונדערער דירה. בעת דער שלאַכט וואָס איז פאָרגעקומען בלויז אַ פּאָר וויאָרסט פון אונדזער שטעטל, איז כמעט דאָס גאַנצע שטעטל אַוועק אין פלאַמען, אונדזער הייזקע בתוכם, און אין דער גרויסער פּאַניק און בהלה, וואָס איז דעמאָלט אין דעם שטעטל אויסגעבראָכן, האָב איך גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן אין מיין ברודערס קעסטעלע מיט די כתבים וואָס ער האָט געלאָזט אונטער מיין השגחה, און אַזוי אַרום זיינען זיי אַוועק מיט די פלאַמען.

ווען מיין ברודער האָט זיך דערוואוסט, אַז זיינע כתבים זיינען מער ניטאָ, האָט די ידיעה אויף אים געמאַכט אַ דערשיטערנדיקן איינדרוק. ווי ביי יעדן אמתן קינסטלער, זיינען זיינע שאַפונגען געווען ביי אים דאָס טייערסטע אין זיין לעבן.

ווען פּרץ איז צוריקגעקומען פון דער געפאַנגענשאַפט, האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט אַכט אָנגעשריבענע דערציילונגען און סקיצן, מיינסטנס מלחמה־איבערלעבונגען, און בעיקר זיינע איבערלעבונגען אויף די פראָנטן און אין דעם געפאַנגען־לאַגער. ער האָט זיי פאַר מיר פאָרגעלייענט און זיי זיינען מיר גאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן. אָבער אין יענער צייט זיינען ניט געווען קיין שום מעגלעכקייטן זיינע דערציילונגען אַרויסצוגעבן.

***

עס זיינען שוין געווען עטלעכע חדשים נאָך דער מלחמה און זינט פּרץ איז געווען אין דער היים, אָבער ער האָט קיין שום באַשעפטיקונג ניט געהאַט געקראָגן. איז ער דעמאָלט אוועקגעפאָרן קיין קלאָדאָווע, צו אונדזער פעטער מענדל אַפּאַטשינסקי.

אין דעם שטעטל איז געווען אַ פיינע און אינטעליגענטע יידישע יוגנט, זיי האָבן מיין ברודער אויפגענומען מיט פיל פרייד און עס האָט זיך באַלד געשאַפן אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך, וואָס האָבן געוואָלט לערנען העברעאיש און פּרץ איז געוואָרן זייער לערער.

צו יענער צייט איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די היסטאָרישע באַלפור-דעקלאַראַציע. אין די שטעט און שטעטלעך איז די שמחה געווען גרויס. מען האָט געיובלט, מאַרשירט איבער די גאַסן מיט יידישע פאָנען, מיט מוזיק און מיט געזאַנג.

די דאָזיקע געשעעניש האָט צוגעהאָלפן, און מיין ברודער צוזאַמען מיט זיין געשוועסטערקינד אברהם אַפּאַטשינסקי האָבן געקראָגן אַ גרויסן איינפלוס אויף דער שטעטלדיקער יוגנט אין זייער נאַציאָנאַלן אויפלעבן.

אַ גרויסער טייל פון אָט דער שטעטלדיקער יוגנט איז געווען האַלב אַסימילירט. זיי האָבן גערעדט און געלייענט פויליש. פּרץ אָבער האָט געקעמפט פאַר יידיש און ער האָט געהאַט אויף זיי אַ גרויסן איינפלוס. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ יונגער יידישער דיכטער און דאָס האָט געהאַט אויף דער פויליש-יידישער יוגנט, און בפרט נאָך אין די קליינע שטעטלעך, זייער אַ גרויסן כישוף און האָט אַרויסגערופן גרויס דרך-ארץ.

אברהם אַפּאַטשינסקי ווידער איז אויך געווען זייער באַליבט אין שטעטל און מיט זיין טאַלאַנט צו זינגען, פאָרצולייענען און שפּילן טעאַטער, האָט ער אַריינגעבראַכט אין שטעטל פרייד און גייסטיקן געניס. ער האָט אָרגאַניזירט אַן אַמאַטאָרן-טרופּע, וואָס האָט מיט אַ סך דערפאָלג געשפּילט יידיש טעאַטער. און אַזוי אַרום זיינען די צוויי בחורים, פּרץ און אברהם אַפּאַטשינסקי, געוואָרן די צענטראַלע פיגורן אין שטעטל. זיי האָבן ביידע געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין דער נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אויפלעבונג פון דער דאָרטיקער יידישער יוגנט.

עס האָבן זיך אין שטעטל גענומען אויסקריסטאַליזירן פּאַר־טייען, ריכטונגען און בעיקר פּועלי־ציוניסטן און אַנדערע ציוניסטי־שע גרופּירונגען. דאָס שטעטל האָט אויפגעלעבט, נאַציאָנאַל דער־וואַכט און איך קען מיט שטאָלץ זאָגן, אַז אַ גאָר גרויסן חלק אין אָר־גאַניזירן די נאַציאָנאַלע און קולטורעלע אויפלעבונג פון אָט דעם שטעטל האָט געהאַט מיין ברודער, דער קדוש פּרץ אָפּאָטשינסקי. פיל קלאָדאָווער יידן זיינען געוואָרן פאַרכאַפּט פון דער גרויסער אידייע פון ישוב ארץ־ישראל און זיינען טאַקע עולה געווען, האָבן געהאָלפן אויפבויען די היינטיקע זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה און זיינען אין דעם זכות אויך שוין ניצול געוואָרן פון היטלערס בלוטיקע לאַפּעס.

***

אברהם אָפּאָטשינסקי האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט איי־נער פון די שענסטע און איידלסטע יידישע טעכטער פון קלאָדאָווע, בלומטשע הערשקאָוויטש, וועלכע האָט געשטאַמט פון זייער אַן אינטעליגענטער, חסידישער משפחה.

בלומטשע, איז געווען געראָטן אין איר מוטער רעגינאַ סיי מיט איר שיינקייט און סיי מיט איר אינטעליגענץ. זי איז דע־מאָלט נאָר וואָס געהאַט אַהיימגעקומען פון קאָלאָ, וואו זי האָט געענדיקט גימנאַזיע. בלומטשע האָט געהאַט אַ לענגלעך בלאַסן פּנים, גרויסע, שוואַרצע, פאַרחלומטע אויגן, שוואַרצע סאַמעט־האָר און אינגאַנצן האָט זי אויסגעזען ווי עפּעס אַן אָריענטאַלישע, יידישע פּרינצעסין פון די תנכישע צייטן.

בלומטשע האָט ליב געקראָגן אברהם אָפּאָטשינסקי. פאַר אירע עלטערן אָבער איז ער געווען צו אָרעם. קורץ נאָך דעם איז אָבער בלומטשעס מוטער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן.

בלומטשע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט אברהם אָפּאָ־טשינסקי. זיי האָבן ביידע געלעבט אַ גליקלעך לעבן, ביז דער צוויי־טער וועלט־מלחמה און דער נאַצישער אינוואַזיע אויף פּוילן. זיי האָבן געהאַט דריי שיינע און געראָטענע קינדער. דער עלטסטער פון זיי־ערע קינדער, הערשעלע, אָדער העניעק, ווי מען האָט אים גערופן, אַ פערצן־יאָריקער יינגל איז דורך די היטלעריסטישע רוצחים

פאַרוועגערישן געוואָרן פון זיין רואיקער היים, פון זיינע טייערע טאַטע־מאַמע, ער האָט מיטגעמאַכט אַלע שבעה-מדורי-גיהנום פון די נאַצי־שע קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס-לאַגערן, און איז איינער פון אַ גאַנצער משפחה געבליבן לעבן. ער געפינט זיך איצטער אין וואַר־שע. אברהם אָפּאָטשינסקי אָבער מיט זיין פרוי בלומטשע און זייערע קינדער רבקהלע, אַ מיידעלע פון צוועלף יאָר און מענדעלע, אַ יינגעלע פון קוים זעקס יאָר, זיינען אַלע אומגעקומען אין היטלערס פאַר־ניכטונגס-לאַגערן פון כעלמינאָ און אָשוויענטשים.

***

אונדזער פעטער, מענדל אָפּאָטשינסקי פון קלאָדאָווע, האָט גע־האַט אַ זון, שמואל דוד אָפּאָטשינסקי. דאָס איז געווען אַ ישיבה-בחור מיט אַן עילויישן קאָפּ. ער האָט באַקומען סמיכה אויף רבנות און צו אַכצן יאָר האָט אים דער פעטער מענדל חתונה געמאַכט.

שמואל דוד איז געזעסן אין קלאָדאָווע ביי שווער און שוויגער אויף קעסט. זיינע שווער און שוויגער האָבן געוואָלט, אַז שמואל דוד זאָל ווערן רב. שמואל דוד אָבער איז געווען אַ באַהאַלטענער משכיל, ער האָט ניט געוואָלט גיין קעגן זיין געוויסן און איבערצייגונגען, ער האָט ניט געוואָלט ווערן קיין רב, האָט ער גאָר גיך געמוזט פאַרלאָזן זיין שווער און שוויגערס קעסט און גיין אויף אייגענער באַלעבאַ־טישקייט.

כאָטש זיין פרוי חוה איז געווען אַ מוטער פון עטלעכע קליינע קינדער, האָט זי דאָך געהאַלטן עפּעס אַ שטיקל קראָם פון הילצערנע טרעפּעס און ער אַליין, שמואל דוד אָפּאָטשינסקי, איז געוואָרן אַ גמרא-מלמד.

פון דיביידע פּרנסות איז קיין חיונה ניט געווען. די נויט אין דער בכבודיקער משפחה איז געווען זייער גרויס.

שמואל דוד איז געווען אַ רבניש איידעלער. זיין מוטער, אונדזער מומע איידל, איז געווען דעם דאָמבראָוויצער רבינס עלטסטע טאָכ־טער. ער איז געווען גוט באַהאַוונט אין דער העבראַישער ליטע־ראַטור, ער האָט אויך געלייענט באַהאַלטענערהייט ביכער אין פרעמדע שפּראַכן און האָט געשריבן העבראַישע שירים, וועלכע ער האָט באַהאַלטן צווישן די בלעטער פון די גמרות.

ביז מיין ברודער פּרץ איז געקומען קיין קלאַדאָווע, איז קיינעם פון אונדזער משפחה אַפילו ניט איינגעפאַלן מיט וואָס פאַר אַ אידייען עס טראָגט זיך אַרום אַט דער זיידענער יונגערמאַן, דער גרויסער למדן שמואל דוד אָפּאַטשינסקי. מיט מיין ברודער האָט זיך שמואל דוד שטאַרק באַפריינדעט. ער האָט אים אַנפאַרטרויט זיין סוד, אַז ער האָט אַ געוואַלטיקע תשוקה צום שרייבן און אים געוויזן זיינע מאַנוסקריפּטן. זיינע כתב-ידן זיינען געווען אין אַ פּערלדיקן רבנישן העברעאיש, ניט ווי מיט דער האַנט געשריבן, נאָר ווי עפּעס דורך אַ וואונדער-מאַשין. עס איז צום באַדויערן, וואָס זיינע שאַפונגען האָבן קיין מאָל ניט דערזען די ליכטיקע וועלט און וואָס זיי זיינען ערגעץ אומגעקומען צוזאַמען מיט דעם שפּרודלדיקן פּוילישן יידנטום.

אין די זומערדיקע פּאַרנאַכטן, ווען פּרץ איז פריי געוואָרן פון זיין אַרבעט און שמואל דוד פון זיין מלמדות, פלעגן ביידע גע־שוועסטער-קינדער גיין הינטערן שטאָט שפּאַצירן. זיי האָבן באַוואונדערט די שיינע אַרומיקע פּוילישע לאַנדשאַפט, די פּרעכטיקע זומערדיקע זון-אונטערגאַנגען און זיי האָבן ביידע געפירט וויכוחים אין ענינים פון ליטעראַטור און השכלה.

געוואוינט האָט שמואל דוד אָפּאַטשינסקי מיט זיין פרוי און זעקס קליינע קינדער, אין אַ קליינער דירהלע פון צוויי חדרימלעך, אָבער אין אַט דער קליינער וואוינונג איז געווען דער צענויפקום פון דער גאַנצער שטעטלדיקער אינטעליגענץ. שמואל דוד איז געווען זייער שטאַרק באַליבט ביי אַלעמען. מען האָט ממש געשלונגען יעדעס וואָרט וואָס איז אַרויס פון זיין מויל. ער האָט זייער שיין דערציילט פאָלקס-מעשיות און פאָלקס-וויצן, און כמעט יעדן שבת איז אין אַט דער קליינער, אָרעמער דירהלע געפּראַוועט געוואָרן אַ פאַרבנריי־כער עונג-שבת, אַ מין געמיש פון תורה און חכמה.

אָבער שמואל דוד אָפּאַטשינסקי האָט ניט לאַנג געקענט אויס־האַלטן זיין שווערן מאַטעריעלן לעבן. ער איז יונג קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט און איז געשטאָרבן, איבערלאָזנדיק זיין פרוי און זעקס יונגע יתומים.

בעת דעם היטלער-חורבן, האָבן זיך זייער עלטסטער זון מיט איין טאָכטער געראַטעוועט קיין רוסלאַנד און זיינען דאָרטן פאַר־בליבן. זייער מוטער מיט פיר קינדער און עטלעכע יונגענקע איי־ניקלעך, זיינען אַלע אומגעקומען דורך די נאַצישע רוצחים.

*
**

איך וויל דאָ באַמערקן, אַז מיין מאַן אליעזר אָפּאָטשינסקי, וואָס דאָ אין אַמעריקע רופט ער זיך אָפּער, איז אַ ברודער פון אברהם און שמואל דוד אָפּאָטשינסקי, וועלכע איך האָב פריער דערמאָנט. מיר זיינען פון איין משפחה, געשוועסטער-קינדער.

מיין מאַן אליעזר, וואָס האָט געהאַט אַ גוטן קאָפּ און האָט זיך געלערנט מיט התמדה, האָט געצויגן צו ווערן אַ בעל-מלאכה ווען ער איז נאָך גאָר אַ יונג בחורל געווען, און זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיין פאַמיליע און זיך מפרנס געווען פון ערלעכער אַרבעט.

אליעזר אָפּאָטשינסקי

ער איז אַ וואוילער און גוט-האַרציקער מענטש, האָט ליב אַריינ־צוואוואַרפן אין שמועס אַ ווערטל, אַ פּסוק; געדענקט נאָך אַלץ וואָס ער האָט געלערנט אין דער יוגנט און דערציילט גערן מעשיות און אַנעקדאָטן פון זיין באַליבט שטעטל קלאָדאָווע.

מיין מאַנס משפּחה איז באַשטאַנען פון פינף ברידער: אברהם,

שמואל-דוד, עליע, משה און מיין מאַן אליעזר, און דריי שוועסטער: נחמה, מאַשע און פרידע-איטע. אַחוץ שמואל-דודן, וואָס איז גע־שטאָרבן פון שווינדזוכט, זיינען זיי אַלע אומגעקומען מיט זייערע פאַמיליעס פון די נאַצי-רוצחים. מיין מאַן, אליעזר, איז דער איינ־ציקער, וואָס איז לעבן-געבליבן פון דער גרויסער, שיינער פאַמיליע.

ניט ווייט פון קלאָדאָווע ליגט דאָס דאָרף כעלמינאַ. דאָרטן איז פון קדמונים געשטאַנען אַן אַלטער פאַרוואָרלאָזטער פריצישער שלאָס פון די אַלטע פוילישע פעאָדאַלע צייטן. מיט אַן ערך אַ דריי־סיק יאָר צוריק בין איך אַליין דאָרטן געווען אָנקוקן אָט די היס־טאָרישע אַלטערטימלעכקייט. אַ גרופּע בחורים און מיידלעך זיינען מיר דעמאָלט אַרויסגעפאָרן אויף אַן עקסקורסיע צו אָט דער חורבה פון דעם היסטאָרישן פּאַלאַץ. מיר האָבן באַטראַכט די בנינים און די חורבות פון אָט דעם פּאַלאַץ, און עפּעס אַן אומהיימלעכקייט האָט אונדז דעמאָלט אַרומגענומען. אין און אַרום שלאָס האָט גע־הערשט אַ סודותדיקע שטילקייט, אויף מיילן ווייט האָבן זיך גע־צויגן וועלדער און פעלדער, אָבער אַנשטאָט די נאַטור זאָל אונדז דערפרייען, האָט זי גאָר אָנגעוואָרפן אויף אונדז אַן אומהיימלעכ־קייט. מיר האָבן זיך ניט געקענט דערקלערן די סיבה דערפון. מיר זיינען פון דאָרטן ווי אַנטלאָפן און איטלעכער פון אונדז מיט עפּעס אַ שווערן געפיל... אפשר האָבן אונדזערע יונגע הערצער שוין דעמאָלט געפילט, אַז אָט דעם היסטאָרישן שלאָס וועט דער צורר־היהודים היטלער, ימח שמו, אויסקלייבן אויף צו מאַכן דערפון אַ פאַרניכטונגס-לאַגער, וואו עס וועלן אויף אַן אכזריותדיקן אופן אומגעבראַכט ווערן אַלע אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע פון אונדזער געגנט.

דאָרטן, אין אָט דעם אַלטערטימלעכן שלאָס פון כעלמינאַ, זיינען אויך אומגעבראַכט געוואָרן די פרוי פון שמואל דוד אָפּאָ־טשינסקי מיט אירע קינדער און אייניקלעך.

⁂

אַז מיין ברודער פּרץ אָפּאָטשינסקי איז אָפּגעווען עטלעכע חדשים אין קלאָדאָווע, וואו ער איז געווען אַ העברעאישער לערער, איז אים געוואָרן ענג און קליין דאָס שטעטל, אָרעם די סביבה.

פּרץ האָט דעמאָלט געשריבן זיינע מלחמה־איבערלעבונגען, וואָס ער האָט קיין מאָל ניט אַרויסגעגעבן, עס האָט אים געצויגן צו אַ ליטעראַרישער סביבה. עס האָט אים געצויגן קיין לאָדז, וואו עס האָבן דעמאָלט געלעבט און געווירקט די דיכטער חיים קרול, ע״ה, וועלכער איז אין 1946 געשטאָרבן אין אַמעריקע, הערשעלע דאַנילעוויטש, חיים לייב פוקס, מרים אולינאָווער און אַנדערע יידישע, יינגערע און עלטערע ליטעראַטן מיט משה בראַדערזאָן בראש.

פּרץ האָט אָבער שוין פון זיין פּראַקטיק געוואוסט, אַז דאָס לעבן פון אַ קינסטלער אין דער גרויסער שטאָט איז זייער שווער, האָט ער געטראַכט וועגן תכלית: ער האָט זיך גענומען לערנען אַ מלאכה.

אין קלאָדאָווע צו יענער צייט זיינען אויפגעקומען אין דער מאָדע לייוונטענע זומער־שיך פאַר פרויען. איינער אַן אינטעליגענטער בחור, אַ פּועלי־ציוניסט, וואָס איז געווען מיין ברודער פּרצעס אַ תלמיד פון העברעאיש, האָט זיין לערער אַריינגענומען אין זיין עלטערנס וואַרשטאַט, און אַט דער תלמיד פּרצעס איז געוואָרן זיין העברעאישן לערערס אַ לערער פון שוסטעריי.

די דאָזיקע סענסאַציאָנעלע נייעס האָט זיך גיך צעטראָגן איבערן גאַנצן שטעטל: פּרץ אָפּאָטשינסקי, דער פּאָעט און העברעאישער לערער איז גאָר געוואָרן אַ שוסטער. מען איז ממש געלאָפן אָנקוקן דעם בייז־וואונדער, ווי דער פּאָעט־פּעדאַגאָג זיצט אויפן שוסטער־בענקעלע. פאַרשטייט זיך, אַז פּרצעס פּרעסטיזש אין שטעטל איז היפּש געפאַלן. אָבער פּרץ האָט זיך דערמיט ווייניק וואָס גערעכנט און איז געשמאַק ווייטער אָנגעגאַנגען מיטן לערנען זיין שוסטעריי.

אָבער מיט דער שוסטעריי איז אויך פּרצן, פּונקט ווי מיט זיינע פריערדיקע מלאכות, ניט גוט געגאַנגען. ער האָט געהאַט צו אייַדעלע הענט, וואָס האָבן זיך ניט געקענט צוגעוואוינען צו אַט דער אַרבעט. אפילו אין דעם קליינעם שטעטל איז ער מיט זיין שוסטעריי ניט פעאיק געווען צו פאַרדינען זיך זיין חיונה. איז דעריבער פּרץ ווייטער אָנגעגאַנגען מיט זיין לערעריי. בייטאָג איז ער געזעסן אויפן שוסטער־בענקעלע און זיך געראַנגלט מיט דער מלאכה, וואָס איז אים שווער געווען צו באַהערשן, און אין די אָוונטן איז ער ווידער געווען דער העברעאישער לערער.

***

צווישן זיינע תלמידים האָט פּרץ געהאַט אַ תּלמידה, מינדל רזשעשעווסקאַ. זי איז געווען פון גרויסן יחוס. ר׳ אליהו (מען האָט אים גערופן ר׳ אליע) רזשעשעווסקיס אַ טאָכטער, דעם דאָמבראָוויצער רבינס אַן אייניקל.

ניט איר פּאָטער און ניט איר מוטער האָבן שוין דעמאָלט געלעבט. זי איז געווען איינע פון זיבן קיילעכדיקע יתומים. אַזוי האָט מען די זיבן קינדער טאַקע אין שטאָט גערופן, „די יתומים". אַז מען האָט געזאָגט „די יתומים", האָט מען שוין געוואוסט אַז דאָס מיינט מען ר׳ אליהו רזשעשעווסקיס קינדער, דעם דאָמבראָוויצער רבינס אייניקלעך.

ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן אַריינקומען צו די יתומים, אין זייערע צוויי אָרעמע אָבער ציכטיקע שטיבלעך, איז אים אַלץ דאָרטן גיך געוואָרן נאָענט און היימיש. ער האָט זיך דאָרטן אָנגעהויבן פילן ווי ער וואָלט געווען זייערער אַן עלטערער ברודער. אַלע קינדער האָבן זיך שטאַרק צוגעבונדן צו פּרצן, אָבער די עלטסטע, מינדל, האָט זיך אויף אַן אמת אין פּרצן פאַרליבט.

מינדל רזשעשעווסקאַ איז געווען אַ קליין־געוויקסיק, צאַרט און באַחנט מיידל. זי איז געווען אַ שטילע און אַ גוטהאַרציקע. אויף איר צאַרטן פּנים איז געלעגן די צניעותדיקייט פון איר באָבען, די דאָמבראָוויצער רביצן.

מינדל איז געווען אַ פּריזירערקע. צוזאַמען מיט אירער אַ יינגערער שוועסטער האָט זי געפירט אַ וואַרשטאַט פון שייטלען און דערפון מפרנס געווען דאָס גאַנצע הויזגעזינד.

בייטאָג האָט מינדל געאַרבעט און אין אָוונט האָט זי זיך געלערנט. ביי דער אַרבעט האָט זי זיך געחזרט די לעקציעס, דעקלאַמירט די פּאָעזיע פון מיצקעוויטש און סלאָוואַצקי.

פּרצן איז געפעלן געוואָרן מינדלס זעלבסטשטענדיקייט, איר ציכטיקייט און איר גוטסקייט. ער האָט מינדלען ליב געקראָגן און איר פאָרגעשלאָגן מיט אים חתונה צו האָבן.

מינדל איז געווען גליקלעך פון פּרצעס פאָרשלאַג. זי האָט געזאָגט,

אַז זי וועט אַלץ טאָן, אַז איר פּרצל זאָל זיין אַ שרייבער און ניט קיין שוסטער.

מינדל האָט איבערגעלאָזט איר וואַרשטאַט צו אירע יינגערע שוועסטער, וועמען זי האָט שוין געהאַט אויסגעלערנט די מלאכה פון מאַכן שייטלען און זיי האָבן זיך שוין געקענט אַליין פאַרזאָרגן מיט חיונה, און זי איז מיט פּרצן אַוועק קיין לאָדז. זיי האָבן דאָרטן געשטעלט ביי אַ רב אַ שטילע חופּה, ווייל פּרץ האָט ניט ליב געהאַט קיין צערעמאָניעס.

פּרצעס ערשטע זעלבסטשטענדיקע דירה איז געווען אויף שייבלערס מאַרק. דאָס איז געווען אַ געוועלב מיט צוויי פראָנטאָווע פענצטער. ביי איין פענצטער איז געזעסן פּרץ ביי זיין שוסטער־וואַרשטאַטל, וואָס ער האָט פאַר זיך איינגעאָרדנט, און ביים אַנדערן פענצטער איז געזעסן מינדל ביי איר פריזירעריי. ביידע האָבן גע־אַרבעט און ביידע זיינען געווען גליקלעך.

פּרץ איז געווען שטאָלץ מיט יעדן גילדן, וואָס ער האָט פאַר־דינט מיט זיינע אייגענע הענט. ביי טאָג איז ער געווען אַ שוסטער און אין אָוונט אַ שרייבער.

אָפט האָבן זיך מענטשן אָפּגעשטעלט פאַר פּרצעס פענצטער, באַטראַכט דעם שוסטער מיט זיין אינטעליגענטן און ערנסטן אויס־זען, מיט זיינע גרויסע, פאַרחלומטע, בלויע אויגן. זיי האָבן זיך גע־חידושט, וואָס ביים שוסטער אין שטוב שטייט אַ שענקל מיט ספרים, וואָס אויף די ווענט הענגען פּאָרטרעטן פון שרייבער, זיי האָבן גע־צוקט מיט די אַקסלען און ווי זיך אַליין ניט געגלויבט, אַז אָט דער איידעלער, אינטעליגענטער יונגערמאַן איז טאַקע אַ שוסטער.

ער איז טאַקע, וואָס אַן אמת, קיין גוטער שוסטער ניט געוואָרן. אָפט זיינען ביי אים די שיך אַרויסגעקומען קרומע, אַמאָל איינער גרעסער ווי דער אַנדערער, אָבער צום האַרצן האָט זיך דאָס קיינער ניט גענומען. ניכער איז דאָס געווען אַ טעמע צום לאַכן.

געווען אַ שטיקל צייט, ווען פּרצעס פרוי אַליין האָט מיט איר פריזירעריי פאַרדינט אויף פּרנסה. זי האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט פון פּרצן אַז ער זאָל אַוועקלייגן זיין שוסטעריי און זיך אָפּגעבן מיט זיין אידעאַל, מיט שרייבן. פּרץ האָט אָבער שטאַרק ליב געהאַט דאָס געפיל, אַז ער פאַרדינט מיט זיינע אייגענע הענט זיין שטיקל ברויט.

*
**

דאָס ערשטע יאָר נאָך זיין חתונה איז מיין ברודער פּרץ אָפּאָ־טשיסקי געווען גליקלעך. ער האָט געהאַט אַן אייגענעם דאַך איבערן קאָפּ, ער האָט מער ניט געדאַרפט אָנקומען צו מענטשנס גאָב — ער איז דאָך געווען אַ מסתפק-במועט. און חוץ דעם, האָט אים מינדל, אַ פאַרליבטע, געקוקט אין די אויגן. זיי האָבן ביידע צוזאַמען זייער פיל געלייענט און געלערנט. מינדל איז געווען אַ אויסגעטוועטע פון עולם-הזה. זי איז געווען דערמיט געראָטן אין איר פאָטער, ר׳ אליהו. זי איז געווען אַ חסידה פון דעם שניט ווי איר פאָטער איז געווען אַ חסיד. איר באַליבט ווערטל איז געווען: „שבת-יומטובדיק זאָל זיין!״. אַז פּרץ פלעגט איר ווייזן מיט אַ פאַרצווייפלטער מינע אַ קרומען שוך וואָס ער האָט געמאַכט, האָט זיך מינדל צעלאַכט, אַ וואָרף געטאָן מיט איר קאָפּ שוואַרצע לאָקן, איז זי צו צו פּרצן און אים אַרומגענומען: — „זאָרג ניט, פּרצל, דו ביסט אַ בעסערער שרייבער ווי אַ שוסטער און דאָס איז דאָך דער עיקר!״.

און פּרצעס פּנים האָט זיך אויסגעליטערט און ער האָט ווי־דער געקראָגן פרישן מוט און פרישן גלויבן אין זיך, אין זיין טאַ־לאַנט און אין זיין שרייבערישער צוקונפט.

אָבער לאַנג האָט פּרצעס גליק ניט געדויערט. איין יאָר נאָך זיין חתונה האָט אים זיין פרוי געבאָרן אַ ייִנגעלע. ווי אַ ליכטיק מלאכל איז דאָס קינד געווען. ווען עס איז קוים עטלעכע חדשים אַלט געוואָרן, האָט דאָס קינד אָנגעהויבן קרענקען. צו צוויי יאָר איז דאָס קינד געשטאָרבן.

דאָס דאָזיקע אומגליק האָט אויף פּרצן געמאַכט אַזאַ שווערן איינדרוק, אַז ער האָט שוין מער גאָרניט געוואָלט טאָן. ער האָט שוין מער ביי שוסטעריי ניט געאַרבעט און ער האָט שוין אויך ניט געשריבן. עס איז אוממעגלעך געווען אים צו טרייסטן; ער איז געווען אַ צעבראָכענער מענטש.

*
**

צו יענער צייט איז אָנגעקומען קיין לאָדז דער שפּעטער באַ־רימט געוואָרענער ראָמאַניסט און דערציילער שמעון האראָנטשיק,

ע״ה, וועלכער איז געווען אונדזערער אַ קרוב, אונדזער מוטערס אַ געשוועסטער-קינד.

פּרץ האָט דעמאָלט געוויזן האַראָנטשיקן זיינע כתבים. האַראָנטשיק איז שטאַרק באַגייסטערט געוואָרן, בעיקר פון פּרצעס חסידישע דערציילונגען, פון פּרצעס סטיל און אָריגינאַליטעט. שמעון האַראָנטשיק האָט צו פּרצן געזאָגט: — „שטיי אויף, פּרץ, פון דיין שוסטער-בענקעלע און טראָג אַוועק דיינע מאַנוסקריפּטן אין אַ רע־דאַקציע. דו וועסט נאָך זיין אַ גאַר גרויסער שרייבער און אין דיין שאַפן וועסטו געפינען אַ טרייסט אין דיין גרויסער אבדה וואָס דו האָסט געליטן!״. אָבער פּרץ האָט זיך ניט צוגעהערט צו די גוטע און טרייסטנדיקע ווערטער פון אונדזער קרוב און ער האָט זיך ניט געלאָזן טרייסטן.

קורץ נאָך דעם איז מיין ברודער באַקענט געוואָרן מיטן שריי־בער און רעדאַקטאָר יהושע אוגער, וועלכער איז שפּעטער אומ־געקומען אין לאָדזשער געטאָ.

יהושע אוגער האָט שטאַרק געהאַלטן פון פּרצעס טאַלאַנט און אים געמוטיקט, אַז ער וועט מיט דער צייט באַוואוסט ווערן פאַר אַ גרויסן שרייבער.

מיין ברודער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער אין „לאָדזער טאָגע־בלאַט״, וואו יהושע אוגער איז געווען דער רעדאַקטאָר. פּרץ האָט דאַן אָנגעהויבן צו שרייבן חסידישע דערציילונגען און סקיצן.

מיין ברודער האָט דערוויייל געוואוינט אין זיין ערשטע דירה און צוויי יאָר איז ער נאָך געווען שוסטער. נאָך דעם האָט ער זיך איבערגעצויגן אויף פּעטריקאָווער גאַס נומער 69, אין צענטער פון שטאָט, ניט ווייט פון דער רעדאַקציע און אין מיטן פון דער לאָדזער ליטעראַרישער סביבה, אויך ניט ווייט פון דער ליטעראַרישער קאַפּיי, וואָס איז געווען אויף דער ציגעלניאַנע גאַס.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער, האָט יהושע אוגער צוזאַמען מיט מיין ברודער, ע״ה, אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן די אילוסטרירטע „לאָדזשער וואָכנבלאַט״. דאָס בלאַט איז געגאַנגען זייער גוט און מיין ברודער האָט שוין געהאַט פּרנסה פון שרייבן. צופרידן איז ער אָבער ניט געווען פון זיין דערפאָלג, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַ שרייבער דאַרף שרייבן, לשם שרייבן, אַז צו דעם מוז ער האָבן עפּעס אַנדערש פון וואָס צו ציען חיונה.

אַ דירה האָבן זיי געהאַט זייער אַ שיינע, באַצירט מיט אַ סך בילדער פון באַקאַנטע לאָדזשער מאָלער. עס פלעגן זיך ביי פּרצן אין הויז צוזאַמענקומען יונגע דיכטער און מאָלער, וואָס זיינען געווען עלנט אין דער גרויסער שטאָט לאָדז, און פּרצעס פרוי, די גוטע, ליבע מינדל, איז געווען ווי אַ גוטע מאַמע צו אַלעמען. די חברים שרייבער האָבן שטאַרק ליב געהאַט פּרצן מיט זיין מינדלען. זיי זיינען געוואָרן ווי צוגעקלעפּט צו זייער שטוב און צו דעם האַרציקן, טרויעריקן פּרץ. זיי האָבן די צוויי יונגע מענטשן געטרייסט און זיי ניט געלאָזט זיין טרויעריק אָבער ס'האָט ווייניק געהאָלפן. זיי זיינען געבליבן פאַרביטערט און פאַרטרויערט איבער דעם טויט פון זייער ערשט קינד.

עס וועט ניט זיין איבערטריבן צו זאָגן, אַז אַלע האָבן פּרצן ליב געהאַט פאַר זיין ערלעכקייט און איבערגעבנקייט צו זיינע חברים.

פּרצעס באַליבט לידל איז געווען:

„אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן זייער פריילעך".

ער פלעגט עס זינגען שטיל, טרויעריק, מיט זייער אַ האַרציקע שטימע, ווי עס איז אים געווען אויפן האַרצן.

***

עס איז אַוועק אַ שטיקל צייט. פּרץ האָט זיך שוין געהאַט אַביסל באַרואיקט און אויסגעהיילט פון זיין טיפן צער פון זיין ערשטן קינדס טויט. מען האָט גענומען טראַכטן פון האָבן אַ צווייט קינד. זיין געטרייע פרוי מינדל האָט פּרצן שטאַרק ליב געהאַט, זי האָט אים פאַרגעטערט און געוואָלט האָבן אַ קינד, וואָס זאָל זיין געראָטן אין פּרצן.

ווען פּרץ פלעגט אַהיים קומען פון דער רעדאַקציע, פלעגט אים מינדל אַנטקעגן טראָגן אַ צערטלעכן שמייכל מיט האַרציקע טרייסט-ווערטער. אין דער שטיל האָט זי אויסגעוויינט אירע אויגן און נאָך אַלץ צו זיך ניט געקענט קומען פון איר פאַרלוסט.

די אילוסטרירטע „לאָדזער וואָכנבלאַט" איז געגאַנגען זייער גוט, און מיין ברודער האָט געהאַט פּרנסה אַזוי, אַז זיין פרוי האָט מער ניט געדאַרפט אַרבעטן. יעדער וואָך איז אין דער צייטונג געווען געדרוקט פּרצעס אַ דערציילונג אָדער אַן אַרטיקל.

עס איז צו יענע צייט אַרויס אַ קליין ביכל לידער, וואָס האָט זיך גערופן: „יונג יידיש". אין יענעם ביכל זיינען אויך געווען געדרוקט עטלעכע לידער פון פרץ אָפּאָטשינסקי.

עס האָט אויסגעזען, אַז דער הימל הייבט זיך אָן אויסלייטערן פאַר מיין אומגליקלעכן ברודער.

אין שכנות מיט פרצן, האָט געוואוינט די דיכטערן מרים אָר־לינאָווער, די לירישע דיכטערין פון „דער באָבעם אוצר". זי איז אויך אומגעקומען אין דער לאָדזער געטאָ מיט איר מאַן און צוויי טעכטער. צו יענער צייט, ווען זי האָט געוואוינט מיט פרץ אָפּאָ־טשינסקי אין שכנות, איז זי נאָך געווען יונג און געהאַט צוויי קליינע קינדער.

איר מאַן איז געווען אַ גערער חסיד, זי איז געווען אַ פרומע, געטראָגן אַ שייטל צו פאַרשטעלן די אייגענע האָר. געוואוינט האָט זי אויף צעגעלניאַנע נומער 12, ביי פעטריקאָווער גאַס.

אין יענער צייט איז עס טאַקע אַרויס איר ערשטע ביכל לידער: „דער באָבעם אוצר".

מרים אולינאָווער האָט זיך באַקאַנט מיט מיין ברודער און אויך מיט זיין שווערן גורל. זי פלעגט קומען צו פרצן און פאַר אים פאַרלייענען אירע לידער. צום שבח פון איר מאַן זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז כאָטש ער איז געווען אַ חסיד און א רייכער סוחר, האָט ער זיין פרוי ניט געשטערט צו שרייבן פּאָעזיע און צו זיין באַקאַנט מיט פּאָעטן.

מרים האָט פרצן מיט זיין פרוי שטאַרק ליב געהאַט. זי האָט זיך אָנגענומען מיט דעם צער פון פאַרחלומטן און פאַרטרויערטן פרצן. צו זיין פרוי פלעגט זי זאָגן: — „מינדל, דו ביזט אַ געבוירענע מאַמע, דו וועסט נאָך האָבן קינדער". מרים פלעגט האָבן אַ סך טרייסט ווערטער פאַר די צוויי יונגע, ליידנדע מענטשן. פרץ מיט זיין פרוי זיינען אָפט געווען געסט ביי מרימס שבתדיקן טיש, וואו עס האָבן שטענדיק ניט פאַרפעלט צו זיצן אַ צוויי אָדער דריי אורחים.

דער טיש האָט געשיינט מיטן פּראַכט און גלאַנץ פון זילבערנע לייכטערס און זילבערנע בעכערס.

מרים האָט געהאַט אַ צאַרט, איידל פּנים מיט אַ פּאָר מילדע בלויע אויגן, וועלכע האָבן געמאַכט פילן די געסט היימיש און שבת־

יום-טובדיק אַזוי, אַז עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו פאַרברענגען ביי איר שבתדיקן טיש.

אין לאָדז האָט אויך געוואוינט אונדזער שוועסטער מאַשע. זי האָט געהאַט אַ מאַן מיט דריי קינדער, צוויי מיידלעך און איין יינגל. זי האָט געהאַט אַ גרויס פּאַפּיר-געשעפט און פּרץ פלעגט קויפן ביי איר פּאַפּיר פאַר דער צייטונג. זי האָט אים ליב געהאַט און איז געווען זייער שטאָלץ מיט דעם וואָס איר ברודער איז אַ שרייבער. זי האָט מיטגעליטן מיט זיינעליידן און זיין צער איז אויך געווען איר צער.



אונדזערע שוועסטער מאַשע און רבקה

ווען פּרץ פלעגט קומען צו מאַשען, האָט ער זייער ווייניק גערעדט. ער איז בכלל געווען אַ שווייגער, אָבער זיין שוועסטער האָט שוין אויף אים דערקאַנט זיין טרויעריק, פאַרביטערט געמיט און זיך ביי אים געבעטן: — „פּרץ טייערער, זיי ניט אַזוי באַטריבט, מען טאָר ניט זינדיקן קעגן גאָט".

מאַשע איז געווען זייער אַ געטרייע שוועסטער. איר ברודער איז ביי איר געווען ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

יעדן ערב ראש-חודש פלעגט זי אויפשטיין גאַנץ פרי און ביים

דאַווענען זאָגן הלל מיט גרויס כונה און דערצו נאָך אָפּזאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהילים, און בשעת מעשה טראַכטן וועגן איר אומגליק־לעכן ברודער פּרצן וועמען זי האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט, און בעטן גאָט פאַר אים. אירע וואונדערלעכע, בלויע אויגן פלעגן אָנגע־פילט ווערן מיט טרערן יעדן מאָל ווען זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר משפחה.

איך האָב איר שטאַרק מקנא געווען מיט דער דאָזיקער מתנה. אָבער דער עיקר איר גוט האַרץ. מאַשע האָט קיין מאָל קיין צייט ניט געהאַט פאַר זיך, נאָר זי איז שטענדיק געפלויגן, געטראָגן קיישלעך מיט קאַרטאָפל, ברויט, צו אַלטע יידן וואָס זיינען געזעסן און געלערנט תורה. אָבער דאָס האָט זי געטאָן באַהאַלטענערהייט, אפילו פאַר איר מאַן איז דאָס געווען אַ סוד.

זי פלעגט אויפנייען העמדלעך און יאַקעלעך פאַר ניי־געבוי־רענע אָרעמע קינדער. אַזוי גיך ווי זי האָט נאָר דערהערט וועגן אָן אָרעמע קימפּעטאָרן איז זי געווען די ערשטע אַוועקצוטראָגן וועש און עסן.

מיר האָבן דאָס אויסגעפינען ערשט נאָך איר טויט. זי איז גע־שטאָרבן פלוצלונג, אָן אויסגעמאַטערטע, אָן איבערגעאַרבעטע. זי האָט קיין מאָל ניט געטראַכט פון זיך. אפילו ווען זי איז אַמאָל ניט געזונט געוואָרן. זי האָט ניט געהאַט קיין צייט צו ליגן אין בעט אפילו אַ טאָג אָדער אַ פּאָר שעה.

אונדזער שוועסטער איז געווען אַ שיינע און זייענדיק פרום האָט זי געטראָגן אַ שייטל. אין דער גאַס וואו זי האָט גע־וואוינט האָט מען איר גערופן „מאַשע די פּריצטע", דערפאַר ווייל זי האָט געהאַט אַזאַ ליכטיק פּנים. מיין ברודער פּרץ האָט שטאַרק ליב געהאַט אונדזער שוועסטער מאַשע, און גערעדט פון איר מיט גרויס ליבשאַפט און דרך ארץ. ער פלעגט זאָגן: — „מיין שוועסטער מאַשע איז אַ גרויסע חכמה".

אין יאָר 1934 איז זי געשטאָרבן. זי איז קראַנק געווען בלויז צוויי טעג. זי האָט איבערגעלאָזט דריי קינדער. די עלטסטע טאָכ־טער איז אַלט געווען 18 יאָר. מאַשע איז אַלט געווען בלויז פינף און פערציק יאָר ווען זי איז געשטאָרבן.

מאַשעס טויט האָט געמאַכט זייער אַ שווערן איינדרוק אויף מיין ברודער פּרצן. ער האָט שרעקלעך געליטן און ער איז ווידער

געוואָרן איינגעהילט אין צער, ביטערניש און אין טרויער. ער איז געוואָרן פאַרטיפט אין זיך, זיך אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון מענטשן, שיר ניט פאַרגאַנגען אין אַ מרה־שחורה.

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווען מיין ברודער האָט זיך שוין געהאַט אַביסל באַרואיקט, איז געבוירן געוואָרן אַ צווייט קינד, אויך אַ ייִנגעלע, וואָס איז געווען שיין ווי אַ מלאכל, מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך אונדזער פאָטער ר׳ בינום לייזער, ע״ה. דאָס קינד איז געווען אַזוי שיין ווי דאָס ערשטע, עס האָט פאַרליכטן די גאַנצע הויז. מיין ברודערס שמחה איז געווען זייער גרויס, אָבער ניט מער ווי איין יאָר איז געווען פרייד אין שטוב. אויפן צווייטן יאָר האָט אויך דאָס צווייטע קינד אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן די טרויעריקע סימפּטאָמען פון זייער ערשטן קינדס קראַנקהייט.

מיין ברודער האָט אָנגעהויבן צו לויפן מיטן קינד צו די גרעסטע דאָקטוירים. וויפל ער האָט פאַרדינט איז אים געווען צו ווייניק פאַר די דאָקטוירים. — ביז ס׳איז געקומען דער פינצטערער טאָג, ווען אויך דאָס צווייטע קינד איז געשטאָרבן.

איצט איז פרץ געווען אַ דאָפּלטער אבל, נאָך זיין געליבטער שוועסטער מאַשע און נאָך זיין צווייט קינד. ער איז געוואָרן אַזוי פאַרצווייפלט, אַז מען האָט מער ניט געקענט צו אים צוגיין רעדן אָדער טרייסטן אים. ער האָט זיך אָנגעהויבן פירן ווי אַ נזיר, זיך דערווייטערט פון אַלעמען. ער האָט זיך געלאָזט וואַקסן אַ באָרד און איז געוואָרן פרום. ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר אונדזערס אַן אַלטער מומע, ע״ה, מיין פאָטערס איינציקע שוועסטער, וואָס איז געווען זייער אַ פרומע און אַ צדקות, אַז ער טראַכט וועגן זעלבסטמאָרד.

די מומע, מאַשע האָט מען זי גערופן, האָט אים געטרייסט און אים שטאַרק אויסגערעדט: — „מיין קינד" — האָט זי צו אים געזאָגט — „אַ ייד טאָר ניט אַרומגיין מיט אַזוינע טרויעריקע מחשבות, ווייל גאָט קען נאָך מער שטראָפן, חלילה־וחלילה. זאָג מיר צו אַז דו וועסט אָוועקוואַרפן דעם טרויעריקן געדאַנק". פרץ האָט זייער ליב געהאַט די מומע און געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר איר פרומקייט און זי האָט געהאַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף אים.

ער פלעגט גאַנץ אָפט גיין צופוס אויף קבר־אבות פון לאָדז קיין ליטאָמירסק. מענטשן פונעם שטעטל האָבן אים געזען איינעם

אַליין אַרומבלאָנדזשען אויפן בית-עולם. מען האָט געדענקט, אַז ער איז אַראָפּ פון זינען.

דאָרט, אין שטעטל, האָט געוואוינט אונדזער עלטסטע שוועסטער רבקה. די שוועסטער איז געווען אַ קראַנקע, זי איז מער געלעגן ווי אַרומגעגאַנגען. איר מאַן איז געשטאָרבן, און אירע צוויי עלטערע קינדער זיינען זיך צעפלויגן ווי די זומער-פייגעלעך. געבליבן איז זי מיט אַ קליין יינגל, וואָס איז אויך ניט געווען אין גאַנצן געזונט און ער האָט באַדאַרפט באַדינען זיין מאַמען.

פּרץ פלעגט אַריינגיין צו רבקהן. ער האָט אויך מיטגעבראַכט אַביסל מיט וואָס זיך צו דערכאַפּן דאָס האַרץ, ווי עפּל, מאַראַנצן און נאָך אַנדערע זאַכן פון דער גרויסער שטאָט לאָדז.

ער האָט זיך ניט געוואָלט ווייזן פאַר זיין קראַנקער שוועסטער, ער האָט איר ניט געוואָלט פאַרשאַפן דעם גרויסן צער, ווייל זי האָט ניט געוואוסט, אַז זיין צווייטע קינד איז געשטאָרבן, אָבער זיין האַרץ האָט אים ניט געלאָזט רוען צו זיין אין ליטאָמירסק און ניט אריינגיין זען זיין קראַנקע שוועסטער.

רבקה האָט אויך ליב געהאַט איר איינציקן ברודער און בכלל ליב געהאַט שרייבער און געלערנטע מענטשן. ווען רבקה האָט דערזען פּרצן האָט זי זיך צעוויינט: — „מיין טייערער, איינציקער ברודער, זאָג מיר, וואָס זעסטו אויס אַזוי טרויעריק? דו ביזט עפּעס גאָרניט דו!”.

פּרץ האָט ניט געענטפערט, געבליבן שטיל, און זי האָט מער גאָרניט געפרעגט. זי האָט שוין אליין פאַרשטאַנען איר ברודערס גרויסן אומגליק. אַזוי איז ער אַוועק פון איר שטיל ווי ער איז געקומען.

ער איז געגאַנגען צוריק איבער די פּוילישע פעלדער, וואָס האָבן אים נאָך מער טרויעריק געמאַכט און אַרויסגערופן אין אים אַ נאָגנדע בענקשאַפט. ער איז געגאַנגען און געטענהט צו זיך אַליין:

(אָבער דאָס קען מען געפינען אין זיין ביכל וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צו יענער צייט, דאָס איינציקע קליין ביכעלע „נע ונד”.)

אין שטעטל ליטאָמירסק פלעגט מען זאָגן, אַז רבקה ר' בינום לייזערס, איז אַ גרויסע חכמה. זי איז געווען זייער אַ חשובער מענטש אין שטעטל.

רבקה פלעגט שרייבן בריוו פאַר דינסט-מיידלעך, וואָס זייערע חתנים זיינען געווען אין פרעמדע שטעטלעך און זי פלעגט דערפאַר באַקומען עטלעכע קאָפּיקעס פאַר אַ בריוו. עס זיינען אויך געקומען צו רבקהן אינטעלעגענטע מיידלעך פון באַלעבאַטישע הייזער, וואָס זיינען געווען פאַרפלאָנטערט עפּעס אין אַ ליבע וואָס זייערע עלטערן האָבן געשטערט. זיי פלעגן צו איר קומען פרעגן עצות.

ס׳איז געווען מערקווירדיק, וואָס מיין שוועסטערס פריינד זיינען געווען נאָר יונגע מיידלעך. זיי האָבן איר זייער ליב געהאַט פאַר איר קלוגשאַפט און פיינעם הומאָר. זי איז געווען זייער אַ באַ־חנטע: איר פּנים איידל, בלאַס, מיט ברוינע, לאַכעדיקע אויגן.

אָבער גאַנץ אָפט האָט זי ניט געהאַט קיין שטיקל ברויט פאַר זיך מיט איר קינד. זי פלעגט שיקן דאָס קראַנקע יינגל אין געוועלבל קויפן אַ שטיקל ברויט, אַ קוואָרט מילך, און געלאָזט זאָגן, אַז די מומע וועט שיקן געלט פון אַמעריקע וועט מען אַלץ באַצאָלן.

און אַזוי האָט רבקה אָפּגעלעבט אַ סך יאָרן אין נויט און אין אָרעמקייט. ווען איר מאַן איז געשטאָרבן איז זי נאָך געווען יונג. אָבער איר הומאָר האָט זי ניט פאַרלאָרן. זי האָט זיך אַלע מאָל גע־וויצלט אויף איר שווערן מזל, און זיך קיין מאָל ניט באַקלאָגט אַז עס איז ניט גוט.

זי איז געווען קראַנק און אָרעם, און יונגע מיידלעך זיינען גע־קומען צו איר זי זאָל זיי פריילעך מאַכן.

מ׳האָט מיר איבערגעגעבן, אַז ביז אַ טאָג פאַר איר טויט האָט זי נאָך געזאָגט וויצן און געלאַכט, — אויסגעלאַכט דעם מלאך־המות. זי איז געשטאָרבן אין עלטער פון פינף און פופציק יאָר, צוויי יאָר פאַר דער צווייטער וועלט-מלחמה.

איך האָב מיין שוועסטער רבקהן שטאַרק ליב געהאַט, נאָר מיר איז ניט באַשערט געווען זיך צו טיילן מיט אירע ליידן, ווייל איך בין שוין געווען אין אַמעריקע. דאָס אַלץ האָט די משפחה צו מיר געשריבן.

דאָס גאַנצע שטעטל איז געגאַנגען צו רבקהס לויה. אַלע קראָמען זיינען געווען פאַרמאַכט, אַזוי ווי אַ רב וואָלט נפטר געוואָרן.

⁂

ווען פּרץ האָט אָנגעהויבן צו לעבן ווי אַ נזיר, האָט ער נאָך אַלץ געאַרבעט ביי יהושע אוגער אין דער אילוסטרירטער „לאָדזער וואָכנבלאַט”. די צייטונג איז נאָך גוט געגאַנגען, אָבער פּרץ האָט פאַרלאָרן זיין גאַנצע אַמביציע פון לעבן און איז געוואָרן אפּאַטיש צו אַלץ און צו אַלעמען.

אין דער צייט ווען ער איז געווען אין זיין גרויסער פּאַר־צווייפלונג, האָט אַ וואַרשעווער צייטונג אים איינגעלאַדן צו קומען קיין וואַרשע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט. אָבער זיינע חברים האָבן אים געבעטן ער זאָל פאָרן. מ'האָט אים געטרייסט מיטן אַלטן „משנה־מקום משנה־מזל”. ער האָט זיך געלאָזט איבעררעדן, גענומען זיין פרוי, וועלכע איז געווען ניט ווייניקער צעבראָכן ווי ער, און איז געפאָרן מיט איר קיין וואַרשע.

אין לאָדז האָט ער איבערגעלאָזט זייער אַ שיינע וואוינונג וואָס איז געווען אויף דער רייכסטער גאַס, איבערגעלאָזט זיינע טייערע קאָלעגן שרייבער, דיכטער, די עונג־שבתים אין זיין שטוב, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט ווען חברים זיינען זיך צוזאַמענגע־קומען און פלעגט זינגען זיין באַליבט לידל: „אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן זייער פריילעך”, איבערגעלאָזט די צוויי קליינע קברימלעך פון זיינע צוויי יונגע בלימעלעך, אַלץ איבערגעלאָזט, און — „משנה־מקום, משנה־מזל!” און וואָס, אומשטיינס געזאָגט, האָט ער שוין צו דערוואַרטן פון זיין משנה־מקום זיין, — אַ בעסערן מזל? ווער ווייסט!

ווען מיין אומגליקלעכער ברודער, ע"ה, איז אָנגעקומען קיין וואַרשע, איז אים זיין לעבן געוואָרן שווער מאַטעריעל. דערצו האָט ער נאָך געהאַלטן זיין קאָפּ אַראָפּגעבויגן און געלעבט ווי אַ בעל־תשובה און די רעדאַקטאָרן פון דער צייטונג זיינען געווען שטאַרק ענטוישט אין אים.

פּרץ האָט ניט געהאַט קיין באַקאַנטע אין וואַרשע. זיין איינ־ציקער חבר וואָס האָט שוין דעמאָלט געוואוינט אין וואַרשע, איז גע־ווען דער דיכטער הערשעלע דאַנילעוויטש. ער איז געווען אַ לאָדזער און געקענט מיין ברודער פון לאָדז. ער איז געווען דער איינציקער מענטש אין וואַרשע, וואָס האָט געוואוסט פון מיין ברודערס גרויסן

צער. פרץ איז דאָך בכלל געווען אַ באַהאַלטענער, אַ באַשיידענער, וואָס האָט זייער ווייניק גערעדט.

דאָס איז געווען אין יאָר 1935. עס איז געווען שווער צו באַקומען אַ דירה, און פאַר אַזאַ פּרעמדן, עלנטן מענטשן ווי פּרץ, נאָך מיט אַזאַ געמיטס־צושטאַנד, — נאָך שווערער. נאָך אַ פּאָר וואָכן זוכן האָט מען פאַרט געפונען צוויי שטיבלעך ערגעץ אויפן דריטן שטאָק מיט וואַקלענדיקע הילצערנע טרעפּ, אין דעם אָרעמסטן געגנט פון וואַרשע, וואָלינסקאַ, לעבן דער סמאָטשע.

די צוויי שטיבלעך האָבן געהאַט בלויז איין פענצטער, און דורכן פענצטער האָט מען געקענט זען די גאַנצע אָרעמקייט פון די וואַרשעווער דאַך־שטיבלעך, וואו עס האָבן זיך געטריקנט די רויטע קישנס וואָס זיינען געווען נאַס פון ווילגאָטש.

דאָס איז געווען זייער אַ גרויס הויז מיט אַ הויף וואו עס זיינען געשטאַנען פיר הויכע הייזער. דער הויף האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרמאַכטער קאַסטן. אין די קעלער־שטובן האָבן געוואוינט גאָר אָרעמע מענטשן, און אין דעם הויף האָט זיך צעלייגט אַ געדיכטע אָרעמקייט מיט אַ סך אָפּגעריסענע, אָרעמע קינדערלעך.

אויף מיין ברודער, וואָס האָט אַזוי אויך קוים געלעבט, האָט דאָס אַלץ זייער שלעכט געווירקט. ער האָט זייער פיל געליטן פון דער אייגענער גרויסער אָרעמקייט ביי זיך אין הויז אויף דער וואָלינסקער גאַס נומער 21, און אויך פון דער גאַנצער אָרעמער סביבה אַרום אים.

ער האָט דעמאָלט געשריבן, אַז יעדן מאָל ווען ער פלעגט קומען פון דער רעדאַקציע און דערזען די אָפּגעריסענע, הונגעריקע קינדער פון וואַרשעווער הויף, איז ער פשוט קראַנק געוואָרן דערפון. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז ווען ער וועט אָנהויבן צו פאַרדינען מער, וועט ער אַרויסהעלפן די אָרעמע פאַמיליעס. אָבער ער האָט זייער ווייניק פאַרדינט אין וואַרשע צוליב זיין צעבראָכענעם געמיט־־צושטאַנד. ער האָט געליטן אין דער שטיל און דאָס האָט אים געשטערט אין זיין אַרבעט.

כאָטש איך האָב זייער ניט געוואָלט פאַרלאָזן מיין איינציקן ברודער, וועמען איך האָב שטאַרק ליב געהאַט, בין איך אָבער גלייך נאָך זיין חתונה אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע. איך האָב ניט געזען מיין ברודערס אומגליקלעכן לעבן, ניט מיטגעלעבט מיט אים זיין טיפן צער, זיינע שווערעליידן, ער האָט אַלץ אויסבאַהאַלטן פאַר מיר.

ער פלעגט מיר שרייבן: „זאָרג זיך ניט ליבע שוועסטער, מיר איז גוט, איך פאַרדין גוט ביים שרייבן, איך טראָג שיינע קליידער". אָבער איך האָב דאָך געוואוסט אַז זיינע צוויי קינדער זיינען גע־שטאָרבן, מיין שוועסטער האָט מיר אַלץ געשריבן און איך האָב פון דעם שטאַרק געליטן. מיין ברודערס אומגליק איז געווען מיין אומגליק, זיין צער, מיין צער!

און טאַקע דאָס שטילשווייגן, דאָס אויסבאַהאַלטן זיך פון זיין אייגענער שוועסטער, איז געווען זיין גרויסער טעות. איך האָב געהאָפט, געשטרעבט מיט אַלע מיינע כחות און חושים צו זיין מיט מיין ברודער צוזאַמען.

ווען איך האָב אים אָנגעפרעגט צי ער וויל קומען קיין אַמע־ריקע, האָט ער געענטפערט: „ווען איך וועל האָבן אייגענע געלט, וועל איך קומען! ניט פאַר דיינע אויסגעהאָרעוועטע דאָלאַרן!".

ער האָט אויך ניט געוואָלט נעמען קיין שטיצע פון מיר. ווען איך פלעג אים שיקן עטלעכע דאָלאַר אויף יום־טוב, האָט ער באַלד גע־שריבן: „איך דאַרף ניט קיין געלט, שיק מיר ניט מער! זאָרג זיך ניט, מיין ליבע שוועסטער, מיר איז גוט, מיר פעלט גאָרניט!" האָט ער מיר פאַרזיכערט.

דערווייל האָב איך זיך געיאָגט מיט מיין אייגענעם שווערן לעבן.

אין א צייט אַרום האָב איך אים ווידער אָנגעפרעגט צי ער וויל קומען קיין אַמעריקע. ער האָט מיר געגעבן דעם זעלבן ענטפער: „אַז איך וועל האָבן מיין אייגן געלט, ניט פון דיין אַמעריקאַנער שווער אויסגעהאָרעוועט געלט."

דעם זעלבן ענטפער האָט ער מיר געגעבן ווען איך פלעג אים פרעגן וועגן אַרויסגעבן זיינעם א בוך: „ווען איך וועל האָבן מיין אייגן געלט וועל איך אַרויסגעבן א בוך".

(ווען פרץ איז אַהיים געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ער שפּעטער אָנגעשריבן א בוך דערציילונגען און סקיצן וועגן די שווערע איבערלעבונגען פון דער מלחמה, טרויע־ריקע זכרונות פון געפאַנגענשאַפט און הונגער. ווען ער האָט פאַר מיר געלייענט דעם מאַנוסקריפּט, בין איך געווען גערירט ביז טרערן).

דאָס אומגליק מיט זיינע קינדער האָט אַרויפגעלייגט אויף מיין ברודער א שווערן שטעמפּל. ער איז געוואָרן אַפּאַטיש צום

לעבן אַזוי, אַז יאָ אָדער ניט אַרויסגעבן אַ בוך איז ביי אים געווען אַלץ איינס. אַזוי האָט ער געהאַלטן זיינע מאַנוסקריפּטן ביז דער צווייטער וועלט-מלחמה, ווען היטלער האָט אָנגעצונדן די וועלט און אַלץ איז אַוועק מיט פלאַמען.

*
**

באַטש די פּועלי-ציוניסטישע צייטונג האָט אים אַרויסגערופן פון לאָדז קיין וואַרשע, האָט ער אָבער די ערשטע צייט ווייניק פאַרדינט. דערצו האָט מיין ברודער און זיין פרוי שטאַרק געבענקט נאָך זייערע לאָדזער פריינד, נאָך לאָדזער ליטעראַרישער סביבה.

פּרץ האָט אויך געדרוקט זיינע זאַכן אין אַנדערע צייטונגען. ווי דער „פאָלקס-בלאַט”, „עקספּרעס”, וואו ער האָט געשריבן חסידישע דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען, ווי משה מחויב, פּרץ אָפּאָטשנער א. ז. וו.

ער האָט געהאַט ליגן אַ מאַנוסקריפּט, וואָס איז געווען שוין גרייט אַרויסצוגעבן: אַ בוך איבערלעבונגען פון דער ערשטער וועלט-מלחמה ער האָט אויך געהאַט אָנגעשריבן אַ בוך דערציילונגען פון וואַרשעווער לעבן. זיין מלחמה-בוך האָט ער געקענט אַרויסגעבן שוין לאַנג מיט מיין הילף, האָט ער אָבער ניט געוואָלט, איז, ווי איך האָב שוין באַמערקט, דער מאַנוסקריפּט געבליבן ליגן.

אין 1938 האָט ער שוין געהאַט צוגעגרייט זיין בוך צום דרוק. דער וואַרשעווער ליטעראַטן-פאַראיין האָט אים צוגעזאָגט אַ סובסידיע, אָבער פּרצעס מזל איז געווען אַ טרויעריקער, אים איז ניט באַשערט געווען די פרייד צו זען זיין בוך אויף דער ליכטיקער וועלט.

צום יאָר אין וואַרשע, איז ביי מיין ברודער ווידער געבוירן געוואָרן א יינגעלע. דאָס קינד איז געווען אַ שיין, געזונט קינד מיט אַלע מעלות און מיין ברודער מיט זיין פרוי האָבן איצט געפונען אַ טרייסט און א פאַרגיטיקונג פאַר זייער גרויסן צער און ליידן. ער האָט טאַקע שוין אָנגעהויבן צו גלויבן, אַז משנה-מקום איז משנה-מזל!

איצט האָט מיין ברודער געשריבן צו מיר פריילעכע בריוו; באַשריבן ווי זיין יינגעלע האָט אָנגעהויבן צו גיין, ווי ער לויפט שוין אַליין איבערן שטוב, ווי ער רופט אים שוין „טאַטע!” און

אַז ער איז זייער אַן אינטעליגענט קינד. ער בעט נאָר גאָט ער זאָל אים העלפן אַז זיין קינד זאָל זיין געזונט, מער וויל ער גאָרניט.

אָבער מיר איז ניט געוואָרן פריילעך פון מיין ברודערס בריוו. עפּעס האָט מיין האַרץ זיך געשראָקן, איך האָב געהאַט מאָדנע שווערע חלומות. ווען איך וואָלט געגלויבט אין טעלעפּאַטיע, וואָלט איך זיך אפשר צוגעהערט צו מיינע חלומות.

איך האָב באַשלאָסן אַז איך פאָר קיין וואַרשע זיך צו זען מיט מיין ברודער און מיט זיין פרוי און קינד. פון נעמען אים קיין אַמע־ריקע האָב איך גאָרניט געקאָנט טראַכטן, איך האָב ניט פאַרמאָגט די מיטלען אַריבערצונעמען אַ גאַנצע פאַמיליע.

דאָס אַהיים פאָרן איז מיר אָנגעקומען זייער שווער. עס האָט גענומען פינף יאָר, אין 1938, ווען איך בין אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע. כאָטש מען האָט שוין געריידט פון אַ מלחמה, בין איך דאָך געפאָרן. איך האָב פאַרשטאַנען אַז מיין ברודער אַרויסראַטעווען איז שוין צו שפּעט, איך האָב פאַרשפּעטיקט, פאַרשפּילט!

איך בין אָנגעקומען קיין וואַרשע אין ווינטער פון 1938. זיין יינגעלע איז דעמאָלט שוין אַלט געווען דריי יאָר. ער איז געווען זייער אַ קלוג קינד. דעם קינדס נאָמען איז געווען יוסף־דן, נאָך אונדזער זיידן, וואָס איז געווען אַן אַלטער קאָצקער חסיד, אַ וואַלד שרייבער. ער איז געווען אַ הויכער, שטאַרקער ייד. ווען ער האָט אויפגעהויבן זיין שטימע האָט דער וואַלד געציטערט.

מיין ברודערס וואוינונג, ווי שוין אויבן געשריבן, איז געווען אויפן דריטן שטאָק אַרויפצוגיין אויף הילצערנע טרעפּ; צוויי צימערן מיט איין פענצטער. איך האָב געזען ווי די ווענט זיינען גע־ווען פייכט פון פראָסט און שניי.

דאָס חנעוודיק יינגעלע האָט געהאַט העל־גאָלדענע האָר, ער האָט כסדר געטראָגן אַ וואָלן היטעלע אויפן קעפּעלע, וואָס האָט פאַרשטעלט די שיינע געלאָקטע הערעלעך. ער האָט געהאַט ברוינע, קלוגע אייגעלעך.

דערפאַר וואָס אין שטוב איז געווען קאַלט, עס האָט שטענדיק געברענט טאָרף אין קאַכלענעם אויוון. ווען מען האָט געוואָלט מאַכן פייער אין אויוון, האָט מען פריער געמוזט בלאָזן אַ האַלבע שעה אויפן האָלץ, ווייל ס'איז געווען נאַס. אָבער ס'איז געווען פריי־

לעך אין די צוויי אָרעמע שטיבלעך. ס׳קינד האָט פריילעך געמאַכט דאָס הויז.

מען האָט דאָס קינד גערופֿן „דאַנטשיקל״. „דאַנטשיקל״ האָט באמת אַרויסגעוויזן גרויסע פעאיקייטן. ער האָט געהאַט אַ שיין שטימעלע. צו דריי יאָר האָט ער שוין געוואָלט שפּילן פידל, האָט מען אים געקויפט אַ בלעכן פידעלע. האָט ער געוויינט, — ס׳פידעלע שפּילט ניט גוט.

דאַנטשיקל

ערשט איצט, זייענדיק אין דער היים, האָב איך דערזען דאָס שווערע לעבן פון פּוילן. איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן, ווייל איך בין שוין געווען זיבעצן יאָר אין אַמעריקע.

דאָס קינד האָט אויך שטאַרק ליב געהאַט בלומען אוןביימער. ער האָט אָפט געפרעגט: — „טאַטעשי! ווען וועט שוין קומען דער זומער ווען מען וועט שוין גיין אויף דער אָקאָפּאָווע גאַס, וואו עס וואַקסן ביימער און בלומען?״

מיין ברודער האָט זיך געפרייט ווען דאָס קינד האָט דאָס געזאָגט. ער האָט זיך געוואונטשן אַז ער זאָל נאָך זוכה זיין צו זען ווי זיין זון ווערט זיין אַ גרויסער דיכטער.

איך האָב אים געפרעגט: — „ברודער מיינער, איז דאָס אַזאַ גרויס גליק צו זיין אַ דיכטער און אַ יידישער דיכטער נאָך דערצו? וויפל האָסטו זיך אָנגעליטן נויט, וואָגלעניש".

— „איך האָב אָבער שטאַרק ליב קונסט און קינסטלער" — האָט ער געענטפערט.

דאָנטשיקל פלעגט זאָגן: — „מאַמעשי, גיב מיר אַ פינפערל וועל איך אַראָפּגיין און גאָס מיר קויפן „באָניע-קערן". איין מאָל האָט ער דערציילט אַ מעשה, אַז אויף דער סמאָטשע גאַס שטייט אַ ווייבל און רופט: — „קאַנטשיקעס! קאַנטשיקעס צו פאַרקויפן! קאַנטשיקעס צו פאַרקויפן!" טאַטעשי, פאַרוואָס וויל דאָס ווייבל אַז מען זאָל שלאָגן קינדער? — איך וועל זיין גוט, טאַטעשי, דו זאָלסט ניט קויפן קיין קאַנטשיקעס"

ווען מיין ברודער און זיין ווייב מינדל האָבן געהערט די רייד, איז גאָרניט געווען קיין גרעסערע חכמה און קיין גרעסערע שמחה אויף דער גאַנצער וועלט.

אין דער געגנט וואו מיין ברודער האָט געוואוינט, זיינען קיין ביימער און קיין בלומען ניט געווען. דאָס איז געווען די געדיכטע אָרעמקייט פון וואַרשע, ווי סמאָטשע, מיליע. אויף וואָלינסקאַ גאַס האָט געוואוינט מיין ברודער און דערנעבן איז אויך געווען די „אָקאָפּאָווע" גאַס, וואו עס איז געווען אַ טורמע און אויך אַ בית-עולם.

אַזוי ווי דאָס קינד האָט שטאַרק ליב געהאַט ביימער, פלעגט מיין ברודערס פרוי, מינדל, גיין מיטן קינד שפּאַצירן פאַר דעם בית-עולם. דאָס האָט אויף איר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, עס האָט אויפגעוועקט אין איר אַלטע וואונדן... די ביימער, אומעטיקע, פאַרטרויערטע, האָבן זיך אָפּגערופן שווער אויף איר געמיט. זי איז אָבער פאַרט מיט אים אַהין געגאַנגען, — וואָס טוט ניט אַ מוטער פאַרן פאַרגעניגן פון איר איין איינציק אויסגעציטערט קינד?

מיין ברודער האָט אַלץ געהאַפט אַרויסצוקומען פון יענעם אָרעמען וואַרשעווער הויף. מען האָט אים שוין געהאַט צוגעזאָגט, אַז אין 1939 וועט מען באַקומען פאַר אים אַ בעסערע דירה אין אַ שענערע געגנט.

אָבער זיין האָפענונג אַרויסצוקומען פון יענעם טומלדיקן הויף מיטן גרויסן אייזערנעם טויער, איז שוין קיין מאָל ניט מקוים געוואָרן.

מיין ברודער פרץ, זיין ווייב מינדל
און זייער יינגעלע דאַנטשיקל

דאָרטן האָט היטלער געמאַכט דעם מיטלפונקט פון דער געטאָ, וואו מען האָט שפּעטער אויסגעהונגערט און אויסגעהרגעט די יידן פון ווארשע.

איך האָב נאָך געהאַט דעם גרויסן צער דורך דעם ווינטער פון

1938, צו צוזען מיין ברודערס שווערן לעבן. די דירה וואו ער האָט געוואוינט איז געווען אַ נאַסע, עס האָט פשוט גערינען דאָס וואַסער פון די ווענט, וואָס זיינען געווען באַהאַנגען מיט אַ סך בילדער פון די בעסטע פוילישע און יידישע מאָלער.

מיין ברודערס פּנים איז געווען בלאַס, געל, פון נאַסקייט פון די ווענט. אויך זיין פרוי האָט אויסגעזען בלאַס און געל. ניט בעסער אויסגעזען האָבן די קונסט-בילדער אויף די ווענט, זיי זיינען געווען געל און אויסגעצויגן פון דער נאַסקייט.

מיין ברודער פלעגט אהיים קומען עסן מיטאָג פון דער רע־דאַקציע, וואָס איז געווען אַ ווייטער מהלך פון זיין הויז. דער מיטאָג איז באַשטאַנען פון אַ שטיקל ברויט מיט פּוטער און אַ טעפּל קאַווע.

אַז איך האָב אים געפרעגט: — „איז דאָס דיין גאַנצער מיטאָג?״ האָט ער מיר געענטפערט: — „מען דאַרף דאַנקען גאָט דערפאַר. צוויי מאָל אַ וואָך עסט מען אַ שטיקל פלייש. אַן ערלעכער שרייבער אין וואַרשע קאָן בעסער ניט לעבן.״

איך האָב אַלץ געטענהט: — „פאַרוואָס האָסטו מיר קיין מאָל ניט געשריבן דעם אמת?״

— „ווייל איך האָב ניט געוואָלט אַז דו זאָלסט אַרבעטן און מיר שיקן געלט. נאָר זאָרג ניט שוועסטער, עס וועט נאָך זיין גוט! דו האָסט אַלע מאָל געוואָלט אַז איך זאָל זיין אַ גרויסער שרייבער, קיין גרויסער שרייבער בין איך ניט, אָבער דאָך אַ שרייבער! און איצט, אַז גאָט האָט מיר געשאָנקען אַזאַ געראָטן יינגעלע און אַז ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער מיר געבן רואיקייט, וועל איך נאָך אָנשרייבן אַ גרויס ווערק״.

איך האָב געהערט זיינע רייד און אין דער שטיל, ער זאָל ניט באַמערקן, האָב איך געוויינט מיט ביטערע טרערן. מיין האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז עס איז שוין צו שפּעט... צו שפּעט...

ער האָט עס אָבער יאָ באַמערקט און אָנגעהויבן צו זינגען מיט זיין טיף-לירישע שטימע: „אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן זייער פריילעך...״

— „געדענקסטו נאָך, ריינע, ווען מיר האָבן דאָס ביידע געזונ־גען?״ — האָט ער א קוק געטאָן אויף מיר מיט זיינע גרויסע, טרוי־עריקע אויגן.

איך האָב זיך אַזש דערשראָקן פאַר אים. ער האָט אין דער מינוט

אויסגעזען עפּעס ווי אַ הייליקער מענטש... איך האָב אַזעלכע אויגן ניט באַגעגנט אין ערגעץ דורך אַלע יאָרן פון מיין זיין אין אַמעריקע.

עס האָט מיט אַ מאָל אויפגעוואַכט אין מיין האַרץ יענעליידן און רחמנות צו אים, ווען מיר זיינען נאָך ביידע געווען קינדער און איך האָב אים מיט גאָרניט געקאָנט העלפן. אויך איצט האָב איך זיך דערפילט אומבאַהאָלפן! איצט, ווען די מלחמה האָט שוין גע־שוועבט איבער אונדזערע קעפּ.

איך האָב צוגעזאָגט מיין ברודער, אַז אַזוי גיך ווי איך וועל נאָר קומען צוריק קיין אַמעריקע, וועל איך אים גלייך שיקן אַפידייוויטס און אים אַרויסנעמען פון שווערן וואַרשעווער לעבן. — „מיר מוזן זיין צוזאַמען כאָטש אויף די עלטערע יאָרן ווען מיר האָבן ניט גע־קאָנט זיין צוזאַמען, ווען מיר זיינען געווען יונג" — האָב איך צו אים געזאָגט. — איך האָב דאָך נאָך אים געבענקט און געחלמט מיין גאַנץ לעבן.

אָבער מיינע האָפענונגען און חלומות האָבן שוין מער ניט גע־קאָנט מקוים ווערן. דאָס בין איך איבערצייגט געוואָרן ווען איך האָב אין זעלבן טאָג מיט אַמאָל דערהערט איבער וואַרשע די ווילדע קולות פון די מלחמה־סירענעס, וואָס האָבן אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף די מענטשן פון וואַרשע און אויך אָנגעזאָגט דעם גרויסן אומ־גליק פון יידישן פאָלק...

אין אַפּריל איז עס געווען. עטלעכע טעג פאַר פּסח איז מיין ברו־דער אַהיים געקומען פון דער רעדאַקציע אַ פאַרפינצטערטער. זיין פּנים איז געווען בלייך און דערשראָקן. ער האָט דערציילט אַז עס איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע אין רעדאַקציע, אַז די דייטשן זיינען שוין אַריין אין דאַנציג, און דאָס מיינט מלחמה אויף זיכער. ער האָט גע־נומען זיין יינגל אויף די הענט און זיך צעוויינט ווי אַ קינד.

דערנאָך אָט ער זיך געווענדט צו מיר און געזאָגט: — „שוועס־טער מיינע, דו מוזט באַלד פאַרלאָזן וואַרשע. איך וויל, אַז דו זאָלסט גלייך צוריקפאָרן קיין אַמעריקע."

איך האָב זיך ביי אים געבעטן ער זאָל מיר לאָזן כאָטש איבער פּסח (דאָס איז געווען אין יאָר 1939), אָבער מיין ברודער איז געווען אָנטשלאָסן. ער האָט נערוועז געשפּאַנט איבערן צימער הין און צוריק און אויף מיר געשריגן: — „דו מוזט גלייך צוריקפאָרן קיין אַמעריקע,

דו דאַרפסט ניט ליידן, דו מוזט זיך ראַטעווען, אונדז איז שוין מסתמא אזוי באַשערט".

ער האָט אַזוי גערעדט, ווי ער וואָלט שוין געוואוסט פון פריער זייער באַשטימטן גורל...

זיין גוטע פרוי האָט אים געפּרואווט באַרואיקן, אָבער ער האָט איר ווייטמוטיק געענטפערט:

— „דו ווייסט ניט, מיין טייערע, וואָס ס'מיינט איצט מלחמה!"

איך בין געווען צוויי חדשים אין וואַרשע. דורך דער צייט האָב איך געזען גאַנץ אָפט ווי מיין ברודער מיט זיין פרוי זיינען געזעסן שפּעט ביינאַכט אין אַ פּאַרפרוירענער שטוב ביים שיין פון אַ פינפער לעמפּל און געלייענט עפּעס פון אַ ביכל. צומאָרגנס האָב איך אים גע-פרעגט, וואָס ער האָט געלייענט ביינאַכט? — „מיר לערנען תנך" — האָט ער מיר געענטפערט. ער האָט אַרויסגענומען אַ קליין תנכל פון זיין טאַש:

— „דו געדענקסט נאָך ס'קליינע תנכל, שוועסטער?"

— „יאָ, כ'געדענק. שוין זיבעצן יאָר אַז איך אָב דיך פאַרלאָזט, דעמאָלט האָסטו אויך געלערנט פון קליינעם תנכל".

— „דעם תנך דאַרף מען לערנען אַזוי לאַנג ווי מען לעבט און מען קאָן עס קיין מאָל ניט אויסלערנען".

און מיין אומגליקלעכער ברודער האָט מיך ווידער דערמאָנט, אַז איך מוז זיך גרייט מאַכן אַוועקצופאָרן פון וואַרשע.

— „דו מוזט זיך ראַטעווען!" — האָט ער ווי געשריען.

איך האָב געדאַרפט אים ראַטעווען, אָבער ער האָט מיך גע-וואָלט ראַטעווען.

עס איז שוין געווען פרילינג. איך בין אַראָפּ אין גאַס.

אין גרויס הויף אויף וואָלינסקאַ 21, וואו מיין ברודער האָט געוואוינט, זיינען געווען צעעפנט די פענצטערלעך פון די דאַך-שטיב-לעך, פון די קעלער-שטיבלעך, און עס זיינען געווען אַרויסגעלייגט אויף צום טריקענען די רויטע קישנס, וואָס זיינען געווען פייכט פון די נאַסע ווענט. פון ערגעץ האָט זיך דערטראָגן אַ לייכטער אַראָמאַט פון אַקאַציע- און בעז-ביימער. די קינדערלעך מיט בלייכע פנימלעך, אָנגעטאָן אין שמאַטעס האָבן זיך געשפּילט מיט זאַמד.

אַ, ווי רחמנות איך האָב געהאַט אויף די אָרעמע, אָפּגעריסענע, אָבער דאָך זייער שיינע, שוואַרץ-אויגיקע קינדערלעך. איך האָב זיך

געפּילט אַזוי שולדיק קעגן זיי, וואָס איך אַליין פאַר אַוועק און זיי אַלע וועלן דאָ איבערבלייבן און איין גאָט ווייסט וואָס עס וועט פון זיי ווערן. אין גאַס האָבן יידן געשטופּט וועגעלעך און גערופן: — „כלים צו כשרן!"

אָרעמע פרויען האָבן געשלעפּט טעפּ, טשייניקעס און קופּערנע פּיש־פאַנען. עס איז אָנגעגאַנגען אַן ערב־פּסחדיקער האַנדל אויף די וואַרשעווער גאַסן.

איינער האָט געפירט אַ וועגעלע קאַרטאָפל, אַ צווייטער אַ וועגעלע פאַרפרוירענע עפּעלעך... און איך, איך גיי צו דער שיף־קאָמפּאַניע און איך ווייס ניט וואוהין איך גיי. מיין געמיט איז פול מיט שווערן טרויער און מיין האַרץ קלאַפּט פון עפּעס אַזאַ אומבאַקאַנטער שרעק...

אין מיינע אויערן האָט ניט אויפגעהערט צו קלינגען מיין ברודערס ווערטער: „מלחמה, פאַרשאָלטענע מלחמה, אַנטלויף!"

„און ער, מיין ברודער, זיין פרוי און זיין ציטערדיק, אויסגעוויינט קינד, וואוהין וועלן זיי אַנטלויפן?" — האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן און קוים איינגעהאַלטן מיינע טרערן.

אויף מיין וועג צו דער שיף־קאָמפּאַניע האָב איך באַגעגנט אַ סך מענער און פרויען אויפן גאַס. אַלע זיינען זיי געלאָפן, ווי פון אַ גרויסער אימה געיאָגט. די יידן האָבן געטראָגן לאַנגע זשיפּעצעס און קליינע, קיילעכדיקע היטלען אויף די קעפּ, וואָס האָבן אין מיינע אויגן אויסגעזען אַזוי קליין און אָרעם. איך האָב מיט ווייטאָג געטראַכט: „און ווער וועט זיי ראַטעווען? אַלע זיינען דאָך פאַרמשפּט צום טויט! זיי ווייסן אפשר גאָר אַליין ניט ווי נאָענט די געפאַר שוועבט איבער זיי". — און מיין האַרץ האָט ניט אויפגעערט וויינען... וויינען... עס איז מיר געווען טרויעריק.

איך האָב זיך געזעגנט מיטן דיכטער הערשעלע דאַנילעוויטש. ער האָט שטאַרק געדריקט מיין האַנט און געקוקט אויף מיר מיט זיינע טיף־טרויעריקע אויגן:

— „איר דאַרפט זיך פילן גליקלעך, וואָס איר פאַרט אַוועק פון דאַנען" — האָט ער מיר געזאָגט.

„פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ גוטס, אַז איך זאָל אייך אַלעמען איבערלאָזן אין גרויסן געפאַר און אַליין אַנטלויפן?!"

***

איך האָב נאָך באַוויזן צו פאָרן קיין לאָדז, וואו עס האָבן זיך נאָך געפונען מיין שוועסטערס קינדער און דאָס רעשטל פון מיין משפּחה און טייערע אַלטע גוטע פריינט און יוגנט-חברים.

אין לאָדז האָב איך געטראָפן נאָך אַ מער געדריקטע שטימונג ווי אין וואַרשע. עפּעס אַן אומרואיק געלויף איבער די גאַסן האָב איך געטראָפן אין לאָדז. די מענטשן האָבן שוין הפּנים דערפילט דאָס גרויסע אומגליק וואָס ס׳רוקט זיך אויף זיי.

אין יעדער יידישער שטוב איז שוין געווען צוגעגרייט אַ פּעסל באָרשטש פון בוריקעס. אין יעדער שטוב האָט מען געריימט, גע־פּוצט און זיך געגרייט צום גרויסן יום-טוב פּסח, אָבער ניט מיט קיין פריילעך געמיט, ווי עס איז דער שטייגער, נאָר מיט אַ שווער האַרץ און טיפע זיפצן, מיט גרויס שרעק אין די אויגן. — „וואָס וועט זיין? וואָס וועט זיין מיט אונדז?"

דאָס איז געווען דער לעצטער טראַדיציאָנעלער פּסח פאַר די יידן אין פּוילן.

מיט וועמען איך האָב מיך געזעגנט האָט מען מיר געזאָגט: —„דו ביזט אַ גליקלעכער מענטש, דו פאָרסט קיין אַמעריקע". — און מיר איז געוואָרן נאָך שווערער.

איך האָב כּסדר געטראַכט: „פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ גוטס?"

אָ, ווי שווער עס איז מיר אָנגעקומען זיך צו צושיידן מיט מיין ביסל משפּחה!

כ׳בין צוריקגעקומען קיין וואַרשע. צוריק געקומען מיט אַ שווער און טרויעריק געמיט. עס איז ניט געווען סתּם די שווערקייט פון געוויינלעכער צעשיידונג, וואָס דאָס וואָלט שוין אויך געווען גענוג מיר צו פאַרשאַפן די גרעסטע ליידן, — אָבער פאַרט וואָלט איך מיר געקאָנט טרייסטן מיטן געפיל זיך ווידער אַ מאָל צו זען אין דער היים אָדער אין אַמעריקע מיט מיין אָרעמען ברודער, מיט זיין פרוי און קינד. אָבער אַזאַ טרייסט האָב איך איצט, אין דעם מלחמה-צו־שטאַנד, ווען מען ריכט זיך יעדן טאָג באַפאַלן צו ווערן פון דעם בלוטיקסטן שונא פון דער וועלט בכלל און פון יידן בפרט, וואָס פאַר אַ טרייסט קאָן איך שוין האָבן? איך וועל מיט מיין אַוועק־

פאָרן צוריק קיין אַמעריקע ראַטעווען זיך אַליין. אָבער זיי, וואָס וועט זיין מיט זיי?

אַט די טרויעריקע געדאַנקען האָבן מיך אויף אַ מינוט ניט אָפּ־געלאָזט, מיך געמאַטערט און געפּייניקט. עס איז ביי מיר אין אַט די יאושדיקע מינוטן רעכט געווען אין גאַנצן ניט צוריק צו פאָרן, און זאָל געשען מיט מיר וואָס עס וועט געשען מיט מיין ברודער, מיט זיין פרוי און קינד, מיט אַלע יידן.

האָב איך טאַקע ביי מיין ברודער זיך געבעטן:

— „ברודער טייערער, לאָז מיך זיין מיט אייך צוזאַמען, וואָס עס וועט זיין מיט אייך וועט זיין מיט מיר".

מיין ברודער האָט זיך אַזש אָנגעכאַפּט פאַרן קאָפּ:

— „וואָס רעדסטו, שוועסטער, וואָס הייסט דו וועסט דאָ בלייבן? דיין גורל איז אַן אַנדערער, דו קומסט פון אַ פריי לאַנד, דאָרטן איז דיין אָרט, דו דאַרפסט ניט בלייבן אין פייער ווען אַלץ אַרום ברענט".

— „טאָ לאָז מיך כאָטש זיין איבער פסח!" — האָב איך זיך געבעטן.

— „ס'איז בעסער דו זאָלסט פאָרן וואָס פריער, שוין, באַלד, אפשר וועסטו אונדז נאָך קאָנען אַרויסשיקן פּאַפּירן איידער ס'פייער וועט אונדז דערגרייכן? — האָט ער געזוכט צו פאַרלייכטערן מיין שווערן געמיט.

דאָס האָט געווירקט.

אַ ווייל איז טאַקע לייכטער געוואָרן, ווי מיר וואָלטן זיך גע־וואָלט אָפּנאַרן מיט אַ פאַלשער האָפענונג ווען מיר האָבן קיין בעסע־רע האָפענונג ניט געהאַט. די שטימונג אין הויז האָט זיך אַביסל גע־ענדערט צום בעסערן. דאַנטשיקל, מיין ברודערס יינגעלע, האָט אַ סך מיטגעהאָלפן אין דער פאַרלייכטערונג מיט דעם וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט געזאַנג און געפרעגט דעם פאָטער אין דער שטיל צו די מומע ריינע קען זינגען?

מיין ברודער האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט, גלעטנדיק אים איבערן קעפּעלע:

— „אודאי קען די מומע ריינע זינגען".

און מיר האָבן געזונגען עפּעס אַ לידל אַלע צוזאַמען. ס'קינד האָט זיך געפרייט און געבעטן נאָך אַ לידל און נאָך אַ לידל!

***

דער טאָג פון מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע איז געקומען, דער לעצטער טאָג פון זיין מיט מיין ברודער צוזאַמען. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבערן הויז ווי אין אַ קאָשמאַר און געשוויגן.

איך האָב זיך שטום צוגעקוקט צו יעדער זאַך אין הויז, באַטראַכט די נאַסע ווענט, וואָס האָבן זיך גאָרניט געוואָלט אויסטריקענען, כאָטש דער פּסח איז שוין געשטאַנען ביים טיר. ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די ווענט וואָלטן מיטגעוויינט פון דעם גרויסן אומגליק וואָס קלייבט זיך אויף די קעפּ פון די וואָס געפינען זיך דאָ אין הויז און אויף אַלע אַרום.

מיין ברודער, מיין שוועגערן, האָבן שטומע און פאַרקלעמטע פון צער, פּרובירט וויזן פאַר מיר אַ פריילעכע מינע, וואָס האָט נאָך מער פאַרראַטן זייער שטילן טרויער, דאָס שטומע געוויין וואָס האָט פאַרבאָרגן אַרויסגעוויינט פון זייערע אויגן.

אָבער דאָ איז ווידער צוהילף געקומען מיין ברודערס פירי אַריק יינגעלע. ער האָט געהערט, אַז איך קלייב זיך אַוועקצופאָרן, האָט ער אויף זיין קינדיש־אומשולדיקן אופן אַ זאָג געטאָן:

— „זאָל מיך די מומע ריינע מיטנעמען, כ'האָב ליב צו פאָרן אויף אַ שיף!"

פאָטער און מוטער האָבן זיך צעשמייכלט מיט געוויין אין די אויגן...

עס איז געוואָרן שפּעט. די באַן האָט געדאַרפט אָפּגיין פון וואַרשע צוועלף ביינאַכט און מיר האָבן געדאַרפט פאַרלאָזן די הויז. דאָס קינד האָט ניט געוואָלט גיין שלאָפן. ער האָט געזאָגט:

— „אַז איך וועל גיין שלאָפן וועט די „טשאָטשע" (מומע) ריינע אַוועקפאָרן און מיך ניט מיטנעמען".

מיט פאַרשיידענע קונצן האָט מען אים קוים איינגערעדט ער זאָל גיין אין בעט אַריין שלאָפן.

ער האָט מיך אַרומגענומען צערטלעך מיט זיינע קינדערשע הענטלעך, מיך געקושט און געוויינט:

— „מומעשי, דו זאָלסט וואַרטן אויף מיר ביז אין דער פרי וועל איך מיטפאָרן מיט דיר קיין אַמעריקע".

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ פּאָר בלומען, וואָס זיין מוטער האָט אים געגעבן:

— „נעם די בלומען, מומעשי, און דו זאָלסט שמעקן פון זיי!"

איך האָב געקושט זיין גאָלד־געלאָקטן קעפּל און אים באַגאָסן מיט ביטערע טרערן. — „וועל איך אים נאָך אַמאָל זען?" וועל איך זיי אַלעמען נאָך אַמאָל זען?" האָט עס אין מיר געוויינט און געיאָמערט.

עס האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען ביים טויער. מיין ברודער האָט זיך האַסטיק אויפגעשטעלט, אַ קוק געטאָן דורכן פענצטער און אומעטיק, פאַרקלעמט אַרויסגערעדט: — „די דראָשקע איז שוין דאָ..."

מיר האָבן גענומען די וואַליזעס און זיינען אַראָפּ אין גאַס. עס איז געווען אַ שרעקלעכער רעגן. ממש אַ מבול האָט געגאָסן.

איבער די וואַרשעווער גאַסן איז געווען שטיל, פינצטער. אַ שווערער אומעט האָט געלויערט אויף יעדן ראָג און גאַס. מען האָט נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון די פערדישע פּאָדקאָוועס, וואָס האָבן דערמאָנט אין שווערע, זעלנערשע טריט.

דער רעגן האָט נאָך אַלץ געגאָסן און געגאָסן איבער די וואַרשעווער גאַסן און פון אונדזערע אויגן האָבן זיך געגאָסן די טרערן.

מיר זיינען אָנגעקומען צום וואָקזאַל וואו מיר האָבן נאָך געדאַרפט וואַרטן אַ גאַנצע שעה אויפן באַן. אָט די שעה איז, דאַכט זיך, געווען די שווערסטע און פיינלעכסטע וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצולעבן פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין זיין אין מיין אַלטער היים.

איך האָב זיך גוט איינגעקוקט אין מיין ברודערס טרויעריקע אויגן, ווי מען קוקט אויף אַ מענטשן וואָס מען ווייסט אַז מען זעט אים אפשר שוין צום לעצטן מאָל.

די באַן איז אָנגעקומען. מיר זיינען אַריין אין וואַגאָן. קיינער פון אונדז האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. עס האָט זיך דערהערט אַ קלונג, נאָך אַ קלונג — דער לעצטער סיגנאַל פאַרן אָפּגיין. מיר האָבן זיך ציטערדיק־שטיל געזעגנט. נאָך אַ פעסטן האַנט־דרוק, נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש, און זיי זיינען אַרויס פון וואַגאָן, איך בין געבליבן אַליין, אַליין מיט מיין טרויער און וויי.

די באַן האָט זיך גערירט. איך בין געשטאַנען אַ פאַרקלעמטע

און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און נאָך געזען פון ווייטנס ווי מיין ברודער מיט זיין פרוי האָבן צו מיר געפאָכעט מיטן טאַשן-טיכל. נאָך אַ מינוט, נאָך אַ סעקונדע, און זיי זיינען פאַרשווינדן פון מיינע אויגן...

מאַכטלאָז בין איך אוועקגעפאַלן אויף מיין אָרט און אַ לענגע-רע צייט ניט געקענט צו זיך קומען.

אויף מאָרגן אין דער פרי זיינען מיר שוין געווען אויף דער דיי-טשישער, פאַרשאָלטענער ערד, מיר זיינען דורכגעפאָרן גאַנץ דייטש-לאַנד.

עס איז געווען פרימאָרגן.

די פויערים האָבן געאַקערט די פעלדער. די זון איז אויפגע-גאַנגען אין אַ פייערדיקער ראָד, ווי בלוטיק רויט... אַן אומהיימלעך געפיל איז מיר און אַלע אַנדערע יידישע פּאַסאַזשירן באַפאַלן, ווי די רויטקייט פון דער זון וואָלט אָנגעזאָגט אויף בלוט, יידיש בלוט...

אַ דייטשיש יינגל וואָס איז געפאָרן אין דער באַן פון אַ קליין שטעטל קיין בערלין צו זיין באָבע, האָט מיר אָנגעוויזן מיטן פינגער אויף אַ קאָנצענטראַציע-קעמפּ, וואָס איז שוין געווען אויפגעשטעלט ערגעץ וויט הינטער אַ שטאָט און געזאָגט:

— „דאָרטן זיצן די שלעכטע יידן”...

איך האָב זיך אַרויסגעבויגן דורכן פענצטער און אָנגעשטרענגט מיין בליק וויט און געזען אַ גאַנץ לאַנגן באַראַק, וואו צוויי סאָלדאַטן מיט ביקסן זיינען אַרומגעגאַנגען הין און צוריק...

דאָס איז שוין געווען דער טרויעריקער אָנזאָג פאַרן יידישן פאָלק, וואָס ער האָט צו דערוואַרטן פון היטלערס פינצטערער ממשלה. און מיין, אַזוי אויך שווער געמיט איז נאָך טרויעריקער און שווערער געוואָרן.

***

דעם אַכטן אַפּריל, 1939, האָב איך זיך אין שערבורג אויפגע-זעצט אויפן שיף. אָפּפאָרנדיק אַ טאָג איז דער ים געוואָרן שטורמיש און ווילד, און מיר האָט זיך געדאַכט אַז איך הער ווי אַ געוויין פון דער טיפעניש פון ים אַרויס.

איך האָב ניט אויפגעהערט צו טראַכטן פון דער היים וועלכע איך האָב נאָר וואָס פאַרלאָזן, פון מיין ברודער מיט זיין פרוי און



פון רעכטס צו לינקס: פּרץ אָפּאָטשינסקי, זיין פרוי
מינדל און איר ברודער אברהם רזעשעווסקי

מיין שוועסטער מאַשעס עלטסטע טאָכטער הענעלע

מיין שוועסטער מאַשעס עלטסטע טאָכטער הענעלע, איז אומגעקומען אין דער ראַדאָמער געטאָ, צוזאַמען מיט איר מאַן און קינד, אַ יינגעלע פון דריי יאָר. איר מאַן האָט געהייסן ישראל גאָלדמאַן. צוזאַמען מיט זיי איז אויך אומגעקומען מיין שוועסטערס זון יצחק, פון זיבעצן יאָר. די יינגסטע טאָכטער, רבקהלע, איז געלונגען זיך צו ראַטעווען. זי האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי קריסטן.

קינד און פון סתם די איבעריקע פון מיין משפחה וועלכע איך האָב איבערגעלאָזט אויף הפקר, פון די קליינע, איינגעזונקענע מצבות וואָס איך האָב געזען, ווען איך האָב באַזוכט די קברים פון מיינע גוטע, פרומע עלטערן... איך האָב געטראַכט פון מיין געבורטס־שטעטל ליטאָמירסק, וואו איך האָב פאַרבראַכט מיינע קינדער־יאָרן און דאָרט איבערגעלעבט מיינע יונג־מיידלשע האָפענונגען און חלו־מות... זיבעצן יאָר האָב איך געחלומט צו קומען אַמאָל אין מיין אַלטער היים, און וואָס פיר איך איצט מיט צוריק מיט זיך? שרעק פאַרן לעבן פון מיינע נאָענטסטע און ליבסטע, און פאַר אַלע יידן דאָרט... אַלץ, אַלץ, שווימט איצט אַוועק אויף די כוואַליעס פון ים צוזאַמען מיט מיינע חלומות און האָפנונגען...

***

איך בין צוריקגעקומען קיין אַמעריקע פּסח,

***

דער זומער פון 1939 איז זייער גיך פאַרפלויגן. די היטלער־מלחמה האָט אויסגעבראָכן און איינגעוויקלט די וועלט אין בראַנד און פייער.

עס זיינען אַוועק אַ סך וואָכן נאָך דעם מלחמה־אויסברוך ביז איך האָב דערהאַלטן דאָס ערשטע קאַרטל פון וואַרשע. מיין פרייד איז געווען אָן אַ שיעור. איך האָב געזאָגט צו זיך, אַז גאָט וועט העלפן, וועט מיין ברודער איבערלעבן די מלחמה.

עס האָבן אָנגעהויבן קומען קאַרטלעך מיטן האַקן־קרייץ. ווי אַ שוואַרצע שפּין האָט עס געשטאָכן מיינע אויגן.

איך האָב מיין ברודער געשיקט קליינע פּעקלעך מיט שפּייז. איך האָב דערהאַלטן עפּעס אַ מאָדנעם ענטפער. שפּעטער האָב איך דער־האַלטן קאַרטלעך פון וואַרשעווער געטאָ, אַלע מיט איין נוסח: „מיר זיינען געזונט, אונדז פעלט גאָרניט.” די קאַרטלעך זיינען געווען געשריבן אין דער דייטשישער שפּראַך.

מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט ער מיר געשריבן, אַז מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ בריוו־טרעגער אין דער געטאָ. ער האָט ניט פאַרגעסן מיך צו באַרואיקן, אַז איך זאָל זיך ניט זאָרגן, אַז אים פעלט גאָרניט.

ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער מלחמה, האָבן גלייך אויפ־

געהערט צו קומען די קאַרטלעך. נאָך דער מלחמה האָט שוין די וועלט געוואוסט וועגן די זעקס מיליאָן פון יידישן פאָלק, וואָס די דייטשן האָבן אַזוי אכזריותדיק אומגעבראַכט.

איך האָב אָנגעהויבן נאָכפרעגן און נאָכפאָרשן ביי מענטשן וואָס זיינען ניצול געוואָרן און געקומען קיין אַמעריקע, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט פון מיין ברודער.

אַלץ וואָס מיר איז געבליבן פון אים איז עטלעכע בילדער, בריוו און אַ קליינע, גאָר קליינע טייל פון זיינע שאַפונגען.

***

אין 1946 זיינען אָנגעקומען אַהער ידיעות, אַז מען האָט אין וואַרשע געפונען טייל פון וואַרשעווער געטאָ-אַרכיוו אין צען בלעכענע קעסטלעך. דעם אַרכיוו האָט מען אויסגעגראָבן אויף שווענטאָ-יערסקע גאַס, און אַז עס געפינען זיך דאָרט, צווישן אַנדערע, די שריפטן פון פּרץ אָפּאָטשינסקי. ער האָט מיטגעאַרבעט אין דר. רינגלבלומס אַרכיוו מיט דער אונטערערדישער סעקציע.

שפּעטער, אין 1950, זיינען אויף נאָוואָליפּסקע 68 געמאַכט גע־וואָרן אויסגראָבונגען און עס איז געפונען געוואָרן דער צווייטער טייל פון דר. רינגלבלומס גרויסן אַרכיוו.

דער דירעקטאָר פון פּוילישן יידישן היסטאָרישן אינסטיטוט, ב. מאַרק, גיט איבער, אַז אין דעם אַרכיוו זיינען פאַראַן אַ סך ליטעראַרישע שאַפונגען פון די דיכטער און פּראָזאַאיקער יצחק קאַצענעלסאָן, פּרץ אָפּאָטשינסקי, יוסף קירמאַן, שלענגעל און אַנדערע.

רינה אָפּער

ניו־יאָרק, יוני, 1951.

נעוונד

פרץ אָפּאָטשנער

אַרויסגעגעבן דורכ'ן מחבר. לאָדז. 1933

רעפּראָדוצירט פון אָריגינאַל

נע ונד

א

„און פון דעמאָלט אָן זיינען מיר אַלע צעשפּריים געוואָרן און מיר קאָנען שוין ניט גיין איטלעכער אין זיין ארט אַריין צו באַנייען זיין כח, וואָרן די וועלט איז שוין איבערגעקערט געוואָרן באַדאַרף מען זיך שוין אַנדערע וועגן".

(מעשה מבעל תפלה ר' נחמן בראָסלאַווער).

„ויש עכשו הרבה בני ישראל שיש להם געגועים גדולים וכיסופין גדולים להשם יתברך, אשר לא היתה כזאת בימי קדם, אך אין יודעים איך להתקרב". (קיצור לקוטי מוהר"ן).

דער ווינט באַוויינט דעם אָרעמען האַרבסט, וואָס בלאָנדזשעט, אויף וועלט, און אויף מיין קויטיקן וועג טרעף איך פאַראומערטע זקנים, וואָס זוכן אָפּצוּוואַרפן די משא פון זייערע מידע אַקסלען.

שטיל, ווי דער ווייטאָק פון שטאַרבנדיקע ביחידות אויף אַ פעל־זיקן ים טראָגן אוים זייער שווייגן די לאָמע שייערן אין פאַרלאָזענעם פעלד. איך גיי פאַר זיי פאַרביי און האָרך אוים אַ פאַרשעמטע תפלה, וואָס פלאַטערט ווי דער טויט איבער זייערע צעשויבערטע קעפּ. דערנאָך גיי איך מיט אומבאַטרעטענער סטעזשקע אַהין צו דער מאָכיקער ברונע, וואו ס׳וואָגלט נאָך ארום דער אומרו פון דורכפאָ־רער אין אַ רעגנדיקער נאַכט ביים אָנפּאָיען ס׳פערד און פאַרטוו זיך אין דבקות פון עצבותדיק מעשהלע, דערציילט פון אַלטן ר' בינום אין שטיבל, בין מנחה למעריב ביי גוססדיק ליכט:

„איז אַמאָל אַ מדינה־גייער נע ונד אויף פאַרלאָזן וועלט — דער מדינה־גייער אין השתפכות אויסגעגאָסן און ברוסטיק־טיף און מת־מצוהדיק האָט בת־קול אָפּגעענטפערט:

הלך לֶעו—ל—מו—ששש—טרויעריק—ששש
האַרבססט — — —

גיי איך מיר אַזוי מיט קלומיקל אויף פּלייצע, ווי אַ חוטא אין מרחקים ווייטער, ווייטער און ווייס ניט וואו כ׳זאָל אויסשלאָגן מיין רו אין צעיורענער ווייט.

קום איך אָן אין האַרבעריק אויפן עק דאָרף און זעץ זיך אויס אויפן דיל צווישן מידע אורחים עסן מיין אָרעמען מאָלצייט און דאָרטן, אין אַנדערן ווינקל זיצן האַלב-ליגנדיק אַ מחנה פּויערים און טרינקען ווי יאושדיק און אין ניכרער פאַרלוירנקייט גלעזער אָקאָ-וויט. די לאָמפּ אין חדר ברענט ניט ניחאדיק און אָפּגעלאָזן און פון איינגעהויקערטן פּיעקעליק קוקט פויל אַראָפּ אַ איינגעקאָרטשעטע קאַץ מיט האַלב-פאַרשלאָסענע אויגן, מכלומרשט:

„איי, שוטים, וואָס איר זענט, בעסער וואָלט איר זיך איינגע-וויקלט אין אַן אנדער און געשלאָפן, געשלאָפן״...

זיץ איך מיר אַזוי און האָרך ווי ס׳וואַסער לעבן פענצטער רוישט מוכיחדיק און געוואָרנט:

„אשרי האיש...
ובדרך חטאים לא עמד״...

ב

מיט פאַמעלעכן, אומדרייסטן הילוך, מיט שוואַרצן טוך איבער קאָפּ, ווי די שכינה אויף די חורבות פון ירושלים, איז אָנגעקומען די נאַכט אינעם דאָרף. בין איך אַלץ נאָך אַזוי געזעסן — אַ בוים גע-פלאַנצט אויף שטראָמען וואַסער — און האָב זיך געוואַקלט אין דער דעה: צי זאָל איך ווי אַ זון אַ פאַרוואָרלאָזטער מאַמען מיט בשורות און נחמות אויף מויל די נאַכט אַנטקעגן גיין, אָדער זאָל איך מעורר זיין צו תשובה, כדי ניט נכשל צו ווערן ביי דאָס ווייב פון שטן — דיא נאַכט.

והנה און נון — ווי איך פלאָטער אַזוי אומבאַהאָלפן אין רעיונות קומט צו די נאַכט צו מיין פענצטער און קלאַפּט לייכט אָן מיט כישופדיקע פינגער:

היי, גלות-אַפּריכטער דו, מבולבלער נו-ונדניק דו, וואָס גייסטו עם ווי אַ האָז אויף אַ פעלד אין שמיטה פאַרביי די וועלט?

מיינע בריסטן זיינען רייף, מיינע אָרעמס — אָפן און מיין קלייד באַצירט, מיט בשמים און מור קאָן איך דיין קאָפּ זאַלבן, מיט גלי פון נאַכטישער תאוה, דיין געביין אָנצינדן. קום, פאַרלאָז דיין הקדש, נזיר!

דאָ האָב איך מיט די הענט פאַרשטעלט מיינע אויגן און מיט התלהבות און ווערנדיק זיך פאַר דער שריפה זיך מאָוימדיק צעשריגן:

אַוועק, אַוועק, לילית, מיין וועג איז אַ דאָרנדיקע רויז און זיו־השכינה מיין שכר — איך גיי אויפן רבינס קבר קיין אומאַן!

דאָס פאַרזעעניש איז מיט אַמאָל ניט־געוואָרן נאָר איר קלייד איז געבליבן הענגען אין אויר און ניט־באַמערקט און להכעיסדיק פלינק האָבן זיך אָנגעהויבן ווידמענען אָפּבילדונגען און געשטאַלטן מיט נאַקעטער ברוסט און אָנטפּלעקטער שאַנד, די האָר צעפּאַטלט ווי שלאַנגען און אויגן שרייענדיקע נאָך זינד. האָב איך צו זיך געזאָגט:

איי, יוחנן, יוחנן, די סכנה איז גרויס, בעט רחמים אויף זיך, און מיט כח, מיט כל־הכחות איך — ווי אַ דונער:

געוואַלד ס׳ברענט — — — — — — — — — —

זיינען די לייט פון דער אכסניא זיך צוזאַמענגעלאָפן בלייך און דערשראָקן: וואו ברענט, וואו?

נאָר איך אַ געטרייסטער, האָב דערהויבן שטיל געשמייכלט:
שוין גאָרנישט, גאָרנישט, ס׳האָט געברענט —
ביי יוחנן האָט עס געברענט — —— — — —

ג

אויסגעוואַקסן דורך נסיון און מיט אמונה האָב איך אַ געגעגנער און באַשירמטער צוגעאיילט מיינע פיס אויף ווייס געוואָרענער ערד. דאָס האַרבסטיק יערנדיקע קויט איז אין פאַרפרוירענער געהאַרטעוועטקייט בייגעשטאַנען מיין גאַנג. דרימלענדיקע טאָפּאָלן האָבן אין שוויגנדיקער גרויסקייט געהייליקט די שעה פון חצות און איבער פעלד און וועג און בוים האָט געהאַלטן אויסגעשפּרייט אירע ווייכע אָרעמס אַ געלייטערטע — די נאַכט.

האָט זיך עס אַזוי געטראַכט:

גנעגליכן צו איינעם וואָס גייט ביי נאַכט אויף אַ וועג, קריכן אַרויס פון וואַלדישער באַהעלטעניש גזלנים און באַפאַלן דעם גייער. קוקט גייער זיך ארום אויף אלע זייטן און זאָגט אָן מורא: גזלנים, גזלנים, נאַט אייך מיין געלט, דאָס ווערק פון מענטשלעכע הענט, און לאָזט מיר ס'נפש, וואָס איז חלק אלוהי. זאָגן די גזלנים; ניין, אויך ס'לעבן, סוחר. פאַלט גייער ביי זיך ניט אַראָפּ און זאָגט צו צווייי, צו גזלן און גזלנטע זיין ווייב מיט גאַרער, גאַרער אויסטערלישקייט:

ליהוי ידוע, זייט וויסן גזלנים: איבער מיין נשמה האָט איר קיין שליטה ניט, נייערט נעמט מיר ס'לעבן צו, וועט אייער קינד, ביין פון אייער ביין און בלוט פון אייער בלוט זיין מיין אָפּלייזער.

דערהערן עס גזלנים באַפאַלט זיי אַ פּחד. ווער ווייס, אפשר אַ ניט־גוטער, אפשר אליהו הנביא, זאָגן זיי אַ ביסל אָנגעברוגזט, אַ ביסל ווייכער: גייט, גייט ר' ייד, מ'וועט אייך גאָרניט טאָן. גייט גייער אָפּ עטלעכע טריט און קוקט זיך אום הינטערוויילעכץ, זעט ער: גזלן מיט גזלנטע זיצן אין טיפן ריוו, וואָס ביי וואַלד און פאָרן זיך ציטערדיק ביי זייער קינד און קליינער, גזלניש קינד, ליגט ביי מאַמעכע אויף שוים און קוקט איבערגעבן און נכנעדיק אין עלטערנס אויג, ווי אַ קליינער הינטל אויף בעל־הבית.

גייט גייער אָן סכנה ווייטער און חזרט זיך איין מעשה־תלמיד אַ פריילעכער:

אַ סימן, אז אויף אהבה שטייט די וועלט און אויף יראה שטייט די וועלט און אויך אויף גבורה שטייט די וועלט...

אַזוי אויך נאַכט: צוערשט יצר־הרעדיק פאַרשייט, דערנאָך אַ בייגעקומענע — מיט חסד, ווי אַ טייך.

האָב איך צו זיך געזאָגט:

נו, זעסטו, זעסטו מיין חבר, ווי זינדיק ס'איז דער מענטש? אָבער אַ וועוורקל, וואָס האָט אין מיטן קלעטערן זיך אומגעקוקט, האָט אַזוי אָן דאגהדיק און מיט בטחון מיר אָן ענטפער געגעבן:

איי, מענטש, מענטש, היינט דאָ, מאָרגן — ניטאָ. נעם און וואָגל, נעם און גיי, זאָג בעסער שירה, ווי איך.

זע איך ס'בלישטשעט זיך פון ווייטן פון אַ פאַרשלאָפן הייזל, טראַכט איך: אפשר אַ ישובניק אַ פאַרוואָרפענער, דאַרף מען אַריינגיין רו האַלטן.

קלאַפּ איך אָן: זיידעלע, זיידעלע, עפן אַ דורכגייער. קומט

אַרוים אַן אַלטער פויער פירט מיך אַריין אין שטוב, טראָגט אונטער אַ בינטל שטרוי אויף לײמיקן דיל און זאָגט מכנים־אורחדיק: קאָנסט זיך אויסרוען מענטש. נעם איך מיר אַרוים ס׳תהילימל פון טאָרבעלע זעץ זיך אַוועק און זאָג: „שיר המעלות . . . וואויל איז דעם, וואָס טוט זיך פאָרכטן גאָט און גייט אין זיינע וועגן״. באַפאַלט מיך אַזאַ שמחה: איי, דאָס גיי איך דאָך איצט צום מנהיג הדור. דאָרטן פאַראַן יידן, חסידים פיל און אין איינעם אַזאַ אמונה! וואָס מיר פּרנסה, וועד מיר ווייב, קינד. עבודה איז דאָך דער עיקר. אַ לולקע ציבעך און אין בית־המדרש אַרויף, אַראָפּ און התלהבות ברודער!

כאַפּ איך ס׳טאָרבעלע: אַ גוט נאַכט פויערל!

קוקט ער מיך אָן תמעוואַטע דער פויער: וואוהין דען, ייד, עס שאַריעט דאָך נאָך ניט אויף טאָג?

לאַך איך אין הארצן פון נארישן פויער און זאָג:

— „אַ מי טאָ דאָ קאָצקו יעדעם״!

איי, חידושט זיך, חידושט זיך פויער.

ד

פאַרטאָג. שטערן לייכטן מיט פרעסטלדיקן ליכט. דער יונגער טוי אָטעמט מיט זריזות צו השכמה אין די וועלט אַ ותיקונדיק דערוואַכטע איז הארטנעקיק פאַרטאָן אין עול, ווי די אָנגעכמורעטע ברעמען פון מיין זיידן ביים „זוהר״.

איז גוט אַזוי צו שטיין אין אַזאַ צייט פּנים אל פּנים נעבן סוד פון דער בריאה! הימלען שווייגן אוים זייער שוויי‌געניש אין פאַרטיפטער נגינה. פעלד — חשיבותדיק און צאַרט — וואַכט איבער איר טראָגן, ווי אַ יינגע מאַמע איבער די ערשטע פרוכט אין איר לייב, און בזשאָזעם אין גערייניקטער ווייסקייט שאַריען שטיל, ווי דער רויש פון כוהנים ביים הענט־וואַשן צום דוכנען.

עפּעס אַ גאָטספאָרכטיקע אימה אַזאַ באַפאַלט צו שטיין איינער אַליין אַ שטומער צווישן אַזאַ עדה אומפאַרשטענדלעך הייליקע מתפללים, און אַזוי אַראָפּקוקנדיק פון דער הויך אויף זיך אַליין ווייטיקט מען אוים: האַ — בין איך עס אַזוי שפלדיק און קליין — צוליב וועמען גאָט האָט געזאָגט צו די הימלען און זיי זיינען געוואָרן? און אַזוי ווייטער אויסשטרעקנדיק זיך אין הרהורים הערט זיך דער צדיק פון לובלין:

„אַ חסיד איז אין דער בחינה פון אַ קינד, וואָס וויינט און לאַכט דורכאַנאַנד".

קומט אָן אַזאַ צער פון זיך אויף זיך אַליין. ווילט זיך עס אַזוי ניט פאַרגיין אין אומרחמנותדיקן טרויער, וואָלט זיך אַזוי וועלן גלייבן, גלייבן גאַנץ, און אַזוי ספקות אָן אַ זייט גיט מען זיך אַזאַ נורקע אין שווינדלדיק פאַרגעסנדיקער טיף מיט אַלע רמ"ח איברים צעפּראַלט:

„ממעמקים קראתיך ה'"!

ווערט מען אַזוי מלא שמחה, ווי די אויגן פון אַ געווינערן אויף איר ניי־געבוירענס און מ'גייט, מ'גייט, מ'גייט פון זיך, פון וועלט, צו—צו—צו—

גאָט...?

איי, איי, איי, לאָז אָפּ, לאָז אָפּ...

גיי, גיי, חזר זיך בעסער אַ מעשה פון אַ ספרל, חוקר!

פאָלג איך און זאָג:

ס'איז איין מאָל אין אַ ווינטער־טאָג דעם בעל־שם נמאס געוואָרן דאָס טונקלקייט פון אָפּגעצוימטע ד' אמות אין דער זייט פון מענטשיש גערודער, האָט ער זיך איינגעוויקלט אַ שטיק אומגע־ביימלט ברויט אין פאַטשיילע און איז אוועק צווישן בערג, האָבן יחוד אונטער רחבות פון הימל און שניי. קאָן עס דער בעל־דבר ניט פאַרטראָגן, קומט ער צוגיין אין געשטאַלט פון אַן אויסטערלישער יפת־תואר און טוט ניט מער, נאָר דרייט זיך אהין און צוריק פאַרביי דעם בעל־שם, אָבער דאָ הייבט פלוצלינג אויף דער בעל־שם, ווי אַ לייב זיינע לאַנגע, געדיכטע ברעמען און זאָגט: אשה, אשה און אפילו אז קיינער זעט ניט איז דאָך אויך מיאוס צו זינדיקן, הײנט מה דאָך מכל שכן אַז ס'איז דאָ אַ בורא עולם, וואָרעם איך, ישראל בן שרה, ווייס און שפּיר בכל נפשי ומאדי אַז:

„ה' הוא אלהים"! — — —

און — אויסגערעדט און איבערגעקומען גליט שוין התלהבות־דיק דער מאָרגנשטערן אויפן וועג קיין אומאַן, מחוץ פון שטאָטיש געדרענג, מחוץ פון מלחמהשער בהלה — — —

ח

קום איך אָן פאַר פרי אין שטעטעלע און פאַרקערעווע זיך אויפן „ריינעם פעלד", שטייט זיך אַ הייזעלע, אַן אוהל מיט פאַרמאַכטער טיר אויף פרענט און זאָגט אָן אָנקומענדיקע: „דאָ רוען די ביינער פון חשובן מאַן". שטיי איך מיט אַ נידעריק געמיט און וואַרט אויף אַ שפע פון אויבן און חושך פון האַרץ. דאָ קומט אַרויס דער שמש, דער קברותניק און זאָגט: „שלום עליכם, ר' ייד, פון וואַנעט קומט עס א ייד אזוי פרי?" — „איי, פון אַ ווייטער מדינה, שמש".

שליסט ער מיר אויף די טיר, זאָגט: „צו רפואה שלימה," — און גייט זיך זיין וועגס.

זעץ איך זיך אַוועק און זאַפּ איין אין זיך די הייליקע מנוחה, וואָס שוועבט צוקאָפּנס מיין האַר, און דאָס אייל־קנייטל פון נר־תמיד טריפט און טריפט ווייך, פאַרצערט ליכט איבער טונקעלע ווענט, קלייבט זיך אָן אויסגעטראָגענער ווי פון בלינדע, פאַריתומטע טעג און פרעסט און פרעסט.

פלאַץ איך אַרויס אין אומבאַהאָלפנקייט: איי, רבי, מיין רבי, וואָס איז עס דער תכלית פון מענטש אין יאָמער פון וועלט? פאָלק טענהט: יושר איז דער ציל, און אנדער פאָלק זאָגט: אמת — איז דער ציל. און דאָס אַלץ, רבי, פאַרטראָגט זיך ניט, צי מחמת אמת זועגן בלויז לוינט אַזאַ צער...?

ווערט פאַרשטומט מיין קול אין אוממעכטיקן טרויער און אויס־געצערט פון גשמיות, ווי א פאַרברענטע קויל, הער איך אַ בת־קול, וואָס ציטערט לייכט אין חלל פון אוהל, ווי געלייטערטע, דערהויבע־נע עצבות:

„מיין זון, מיין זון, דער וועג איז ביי גאָט און וואויל צו אַ ילוד אשה, וואָס זוכט דעם וועג"...

האָב איך אָנגעהויבן שרייען הויך אויפן קול:

„איי, רבי, רבי, א מלחמה איז געווען אויף דער וועלט, בין איך געשלעפּט געוואָרן אין מלחמה ווי איינער א ייד, ווי איינער אַ מענטש צווישן טויזנטער און אָבער־טויזנטער צעמישטע שאָף אונטער געשריי פון אַ אומגעזעענעם אַכזר, בלוט, בלוט!"

אַז דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען צאַרט און ראָז איבער

ערד, האָט פּאַראומווערדיקט דאָס ליכט דער פינצטערער ריטש: בלוט! און אַז די ערד איז געוועזן מיד פון ביי טאָגיקער היץ האָט ווייטער געהילכט דער פליעסק פון מענטשיש בלוט. אַזוי אַ גאַנצן קיילעכדיקן טאָג אין אומזיניק געשלעג.

און צו שקיעה —

האָט די תבואה אויפן פעלד געברענט מיט מאַט־ראָזן פאַר־בענקטן שיין און די קולות פון פאלנדיקע זיינען געוועזן אָנגעזאַפּט מיט שקיעה און דאָס ברענענדיקע דאָרף פון אַלע פיר זייטן, און די פאַרגייענדיקע זון אויפן טרויערנדיקן הימל האָט מיך אָנגעפילט אַ ליגנדיקן, צווישן בליענדיק קאַרטאָפל אין רינענדיק וואַרעם בלוט מיט טיפער, פיינלעכער שקיעה, שקיעה — — —

נאָר די וועלט איז נית פאַרגאַנגען, און אויף מאָרגן, אַז כ׳בין אַראָפּ פון טרויעריקן אָרט זיינען מענטשישע אויגן געוועזן נאַקעט און גרוי און וואו אַ מענטש אָן הארץ און וואו א הארץ — אָן גאָט, און ס׳איז געוואָרן נמאס דער אָטעם אויף זינדיקער ערד און אַזוי שוין כסדר, כסדר, נאָך מלחמה — און די ערד אַלץ נאָך ליידיק אָן תכלית, אָן טעם. און ס׳איז אַזוי קאַלט, רבי, אויף וועלט און העלף פאָטער, העלף — — — — — —

אַ פיינלער אפּיקורסיש שווייגן האָט געלעסטערט די שוואַרץ־באַשריבענע ווענט פון אוהל און די אָנגעוואָרפענע קופּע קוויטלעך אויפן רבנס קבר האָבן געקוקט ווי פאַרשימלטע געצנדינערישע שמות אויף אַ טויט אָרט. האָב איך זיך אויפגעהויבן מיט מיין שווערער משא און האָב זיך געלאָזט אוים דער שטאָט גיין, גיין, וואו אויגן וועלן טראָגן אויף קאַלטער, פינצטערער ערד.

ז

ווייט פון מענטשלעכן ישוב, אויף דער מדברשער ערד, פּלאָ־טערט מיין געצעלט און נאָך אויסלאָז פון טאָג, בשעת שאָטנס אין מיסטישער געשטאַלט שאַרן זיך צום איינגאַנג פון מיין רו, הייב איך אויף די הענט אין טונקלקייט פון אָרום און זאָג: זיי באַגריסט אָ, אומ־קלאָרע שעה פאַר בלינדער וועלט!

ווי אַרויסגעשטעקטער זעגל פון אונטערגעגאַנגענער שיף

קוקט אַרויס אַ נאַקעטער מיין נאָמען פון מיר, איך — אַרויסגעשיילט פון מיין אייגענער הויט, רו פאַרגעסן מחוץ מיין אומגיין.

אַ קינד אין דער „בעט״ פון דער מאַמען — וואָס האָב איך צו גאַ־רער וועלט?

דער טאָג, וואָס גייט פאַרביי זינגט אויס אויף מיר זיין ליד, ווי אַ זונען־פלעק אויף הויפן ערד און איך — איך חזר מיר:

„זאָל גיין זוכן עמעץ לאַנד פאַר וואַקלדיקע פיס. פאַר מיר מיין דמיון — מיין אינדזל — מיין אויסגעראַטענע היים. מיינע אויגן פאַר־מאַכן זיך אַלע ווייל אין דבקות, מחמת איבערגעבנקייט צו זיך און איך האַלדז דאָס וואָרט פון ר׳ ברוך דעם רבין פון מעזיבוזש:

„אַ וואָסערע גוטע וועלט דאָס איז און אַ ליכטיקע וועלט, אַז מען טוט זיך ניט אַריין אין איר; און וואָסערע פינצטערע וועלט דאָס איז, אַז מען טוט זיך יאָ אריין אין איר. אַ ליכטיקע וועלט — און א פינצטערע וועלט, מיין געמיט איז כולל זייביידן און — היינט צייל איך די טריט פון פלאַמענדיקער זון אַרום מיין געצעלט״ —

אלא־מה, אַז ס׳קומט אָן נאָך צוועלף — אלא מה — אלא מה? בעת נאַכט פחדימדיקע פליט אַרום אין יעדן חלל און וועג, דרינגט דענסטמאָל דורך אַ פיינלעכער אומרו מיין געביין און אַ קול פון ווייַ־טער ווייט טראָגט זיך אין מיין נאָענט און אומגעשטילטן ווייַ: ניט שווייג...?

אלא־מה מערן זיך דעמאָלט חלומות פון טונקעלער בעלי־תשובה־שער הייל, וואָס פלעכטן צונויף מיין וואָר און עמעץ אין שווידערלעכן לחש דערציילט פון אויסטערליש דורכגעליטענע גלגולים? — — —

א מעשה פון אַ נזיר, וואָס איז געגאַנגען זוכן דעם תכלית פון אַלץ אין געדיכטקייט פון וואַלד — האָט דער וואַלד געזונגען און גערוישט און נזיר האָט אונטערגעטריבן זיך: דע מה למעלה... האָט דער וואַלד געלאַכט און געטרויערט און נזיר האָט געגרויסט זיך אין קנאישער התבודדות. נייערט צום הארץ פון וואַלד איז נזיר ניט דער־גאַנגען און אמתן לשון פון וואַלד ניט באַנומען. אַזוי האָט עס גע־טראָפן, אַז נוקם געוועזן זיך האָט וואַלד אין נזירס עקשנות און א שריי־פה האָט פון העלער הויט ארומגעכאַפּט זיינע ברייטע לענדן. דאָ ערשט, בשעת טויזנטער ביימער מיט פלאַקערדיקע קעפּ האָבן אָנגע־יאָגט אין נזירס געמיט אַן אימה פאַר משוגענער קראַפט, און דער

קראַך פון פאַלנדיקע ריזן האָט צונויפגעשרומפּן זיינע חושים אין איין איינציקן מבולבלן פרעג:

אָ? אָ? אָ?

האָט נזיר אין ווילדן חידוש אויפגעריסן זיינע פאַרטראַכטע זוכנדיקע אויגן, און ווי איז אים געוואָרן פאַר אַלטן וואַלד, און מיט פאַרגרעסערטן ווי איז ער אויפסניי אוועק זוכן דעם תכלית פון אַ לץ — — —

ווערט מיר באַנג פאַר אומזיניק־שיינעם לעבן מיט אַזוי פיל אויסגעוואָרפענע, מסוכנדיקע מכשולים, פּאַק איך צוזאַמען מיין לייוונטן געצעלט אויף פּלייצע און לאָז זיך גיין דורך צעבליטער נאַכט אין משופּעדיקער הויך, באַרג־אויף צו האַרץ פון וועלט...

ז

העולם ים זועף — והזמן גשר רעוע — מה
תעשה לחוף הים והסונו כי יתגעש — ?
(ר' ידעיה הפניני).
האדם צריך לעבור בעולם הזה על גשר צר מאד,
מאד, והכלל, והעיקר שלא יתפחד בלל.
(קיצור ליקוטי מוהר"ן).

גיי איך אויף דער וועלט אין אומפאַרשטענדלעכן גאַנג און גיב אָפּ אין באַגייסטערטן ווי דיר מיין שבח. אַלץ איינס איז מיין שכר נאָך פאַרהוילן און בלינד, לכן גיי איך דאָס, וועלט, דיין געשטרויכלטן טאַנץ —

און גרינען דיינע גרעזער, פונאַנדערגעבליטע ערד, בענטש איך דיין פּרי־יאָר, ווי די יאָרן פון מיין קינד, וואָרעם שיין איז דאָס ליכט פון דיין אויפגאַנג אין מזרח־וועלט! און שיין איז דער צער, וואָס איז מלוה דיינע טעג צום טויט. אין אַ געניזוקטן מעמד אַזאַ גיי איך אַרום דיינע שלוהדיקע בייטן, דיינע רוישנדיקע וואַסערלעך, ווי כוואַ־לענדיקער קאָרן און אַ שאָד איז מיר אַזאַ יופי, וואָס וועט איבערלעבן מיך,

איך ווייס: טעג זיינען אַ בלאַט, וואָס בלאָזט אַוועק דער ווינט, אָבער איך פלאַנטער זיך אַלץ פאַר מיינע האָר ביי דיינע געדיכטע קשאַקעס וועלט און וועל דיך ניט פטור ווערן.

שטאַמלענדיק אַזוי און תמיד אומפּאַרענטפערט איז מיין טענה, כאָטש איך ווייס אין מיין אויסדערוויילטקייט געגליכן צו זיין דיין מינדסטן שטיין. אלא וואָס דען איז חמור־למשאדיק מיר אַזוי דיין עול? אלא וואָס איז ניט־ניחא מיר אַזוי און תמיד איבערדריסיק דיין ממשלה?

ווי אַ שוואַרצער שאָטן אין דער נאַכט שלייך איך זיך אַרום אין דיינע היילן אַ פאַרשמאַכטער: לאָז מיך רוען! און פאַר פרי — ליג איך אַזוי אָנגעגאָגלט שוין פאַר דיין קרייזלענדיקן ליכט, ווי דער אויפריכטיקסטער נאָמן דיינער.

מיין טאַטע האָט מיך געלערנט זיך שעמען מיט דיר, וועלט, און איך — מיין בקשה איז אַזוי ווינציק — נאָר אַרומגיין פאַרטאָגס אין פעלד און חידושן זיך: אַזאַ גרויס, שטאַרק פעלד און אַזוי רואיק, רואיק... אַזעלכע געזונטע, הויכעביימער און טוען קיינעם ניט קיין שלעכטס.

און אַמאָל — כ'האָב דעמאָלט קוים דריי יאָר געהאַט — אין אַ זומער פאַרנאַכט האָט מיך דער טאַטע באָדן געפירט צום טייך, וואָס האָט ווי אַ קרומער מויער אַרומגעצוימט אונדזער שטעטל. דער טייך איז געווען אַ ברייטער און אַ ווילדער און פון דעם הויכן, הילצערנעם ראָד פון דער וואַסער־מיל, וואָס האָט אָן אויפהער זיך געדרייט און אים אויפגעשוימט, איז זיין וואַסער טריב געווען, בלויז ביים באָרטן ווי דאָס ראָד האָט דעם טייך געפּאַטשט און געשלאָגן, איז אַ קופּע שוים געלעגן. בייז איז דער שוים געווען און תמיד אויף להכעיס און דער טייך — אָנגעכמורעט און שוואַרץ. די צופאַלנדיקע נאַכט אָבער האָט אויסגעזען טרויעריק, ווי זי וואָלט זיך געבעטן: ניט שלאָג!

דאָ האָט מיך דער טאַטע אין וואַסער געוואָרפן, נאָר איך האָב מורא געהאַט. האָט ער מיך אויף די הענט אין וואַסער געטראָגן — און איך האָב אַלץ מורא געהאַט, מחמת ניט ווייט פון אונדז האָט זיך דער גוישער שמיד געבאָדן. וואָס מ'פלעגט אים אין חדר רופן: „דער געלער יהושיע". גרויסע, געלע וואָנצעס האָט ער געהאַט דער גוי און אויגן שלעכטע ווי אַ מכשף, האָט ער אַלץ כסדר געלאַכט: איי, מאַ־שעק, גיי ניט אין טייך, איך וועל דיר דערטרונקען! און איך האָב עס אים געגלייבט דעם גוי. מיר האָט אויסגעוויזן, אַז אוודאי וועט

דאָס וואַסער אים האָרכן... און פון דעמאָלט אָן האָב איך דיך ליב, וועלט — נאָר איך האָב מורא, איך האָב מורא פאַר דיר...

ניט פחדנות, נאָר אַ אומזיכערקייט אַזאַ גייט מיט מיר מיט אויף מיין וועג און בשעת איך עפן מיין מויל, דיך צו לויבן, הער איך מיין רבי, וואָס זאָגט:

— „די גאַנצע וועלט טרעפט ביי מיר ניט אָן כהרף עין". — און וואָס זאָל איך שוין טאָן, אַז דיינע פּירות זיינען שיין, לכן גיי איך, וועלט, דיין געשטרויכלטן טאַנץ און אין מיטן דרינען — אין סאַמע אוים- און איינגאַנג הער איך מיין האַרץ, וואָס לאַכט:

אַ מענטש פאַרלאָזט זיין חלק און גיט זיך איבער היי שעה...

ח

זיץ איך מיר אַזוי איין מאָל אין דער פרי אין אויפוואַכנדיקן גראָז, וואָס ביים וועג, קוק אַריין אין א ספרל און האָרך זיך צו וואָס מען זאָגט מיר: „דער עיקר איז כונה — און ס'איז ניטאָ קיין שלעכטץ אָן גוטס", — אין דעם קומט אָן אויף מיר א גרויסער הונגער און קיין ברויט אין טאָרבעלע איז ניטאָ! איז וואָס זשע טוט מען, אַז די טרחה איז אַזוי גרויס און איך וויים דאָך, ס'איז ניט כדאי פּשוט צוליב ברויט אַרומשמאַיען אַ גאַנצן טאָג און טויגן זיך און לייקענען און נאָך אָן אַ שיעור הבלים, זאָג איך מיר: ניין, יוחנן! שוין תכלית-דיקער גאַרניט טראַכטן דערפון, וואָרעם פון אַלע פיר זייטן ציט זיך דאָך ברידערלעך פריי און אָן גבול דער וועג, און בלי-ספק קען קיינער ניט זאָגן: „פון אָט דעם בוים זיי ניט נהנה, צי אָט דאָ ניט זיץ — מחמת יעדע מדינה איז דאָך אַזוי גוט דיין ווי אַלעמענס — לכן איינגעעקשנט און אומבאַדייטלעך ווייטער אויף גאָטס באַראָט, ביז ס'וועט קומען די שעה און דו וועסט פאַרחמרט ווערן מיטן שלאָף פון אַ מאַמע נאָך גרויס בהלה איבערן טויט פון איר איינציק קינד". הייב איך אָן גיין ווייטער און שטרעק אוים מיינע אויגן צו שטח און סוף וועלט:

„וואָס וואָלט געווען אויב ס'האַרץ פון אַ בשר-ודם וואָלט געווען ענגער ווי ס'איז און די זון וואָלט געבליבן הענגען אין קאַלטן אויר אַליין, ניט אָנגעוואַרעמט פון מענטשלעכן האַרץ?"

„וואָס וואָלט געווען דעם רבנס נאָמען זאָל זיין אומבאַקאַנט אין

ישראל און מאמינים זאָלן זיך מינערן ווי שניי אונטער זון, וואָס וואָלט געווען דעמאָלט — אָן אָנלען — צו אָרעמער ערד?

און ווי איך בלאָנדזשע אַזוי אין הרהורים און ווי איך זוך אַזוי מיט אויג אַ סמיכה אויף אויפקומענדיקער אמונה, טוט זיך געגנענען צו מיר אַ מסירת־נפשדיק געשטאַלט, ספק־מענטש, ספק־פלאַמענדיק געזאַנג מיט אויגן וואָרעמע, לייטזעליקע, ווי די אויגן פון א ספר בשם חינוך און טוט מיט אַ שמייכל אַ ווייזן מיטן האַנט:

„אָן, אָן גייען גוזמות מענטשן מיט פיס געבראָכענע פון מידקייט און העלישער שריפה אין האַרץ און זיי מיינען, שוטים, אַז מען קאָן מיט כפירה אויכעט אויסקומען" — — —

און ווי איך האָב דאָס געהערט — איז געקומען אַ גדולה אויף מיין האַרץ און דער וועג איז מיר געוואָרן גרינג ווי ניט געווען, מחמת ליב איז געווען דער חיזוק צו מיינע רייד, וואָס האָבן גע־שמעקט מיטן ריח פון דער אויפגעטאַיעטער שוואַרץ־ערד אַרום מיר. און ווי וואויל און זייער גוט איז שוין געווען צו זען די קי שטייען אין מיטן לאָנקע מיט אויערן פאַרשפּיצטע אין דער וויט, שטאַרק־ציענדיק מיט די נאָזלעכער דעם אויפגייענדיקן ריח און דער גאַוועד רינט פון זייערע מיילער מעלה־גירהדיק אין זכרון דעם טעם פון פאַראיאָריקן גרינס, די וואַסערלעך און די באָך האָבן זיך געבראָכן פון פוילקייט, ווי צייטיקע פרוכט. די קראָען האָבן זיך יעדעס מאָל אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד מיט אַ קראַקעריי, אַ פּיק געטאָן מיטן שנאָבל דאָ און דאָרט און אומרואיק אוועק אויסשפּירן די ווייט און אין חלל איז געהאָנגען אן אויסטערלישע שטילקייט, ווי די רו נאָך שוועדער, שווערער מי, אַז ס׳האָט זיך וויט, ווייט אוועקגעטראָגן דער אָפּהילך פון די פאַרבייפאָרנדיקע וועגן אויפן טראַקט —

חודש אדר אין לאַנד! משה רבינום יאָרצייט — און כ׳האָב זיך אָנגעהויבן איילן, איילן, פורים קומט!

ט

ווייסן מיר: „די ביימער פון ירושלים זיינען געווען צימעריק־ביימער — און אַז מ׳פלעגט ברענען זייער האָלץ, האָט דער ריח פאַר־ריסן אין גאַנץ ארץ־ישראל".

און —

משיח בן דוד וועט דאָך פריער ניט קומען ביז די מאָס פון פורעניות וועט ניט זיין פול —

איז וואָס זאָל טאָן אַ ייד אַן אוהב-ישראל, אַז מיר זיינען גע-וואָרן צו חרפּה צווישן די גויים? קלייבט מען צוזאַמען אַלע קנייט-לעך פון בטחון און פון ישועות פון דור צו דור און מ'מאַכט אַ גרויסן, גרויסן פלאַקער:

לעבעדיק, לעבעדיק, חסידים, שושן-פּורים אויף דער וועלט!

איז מען צונויפגעזאַמלט אין שטיבל באַלד אין דער פרי, די שמחה וועט זיך ערשט אָנהייבן שפּעטער. זיצט מען דערווייל און ר' בינום קלאָדאָווער דערציילט פון פשיסכאַ און פון קאָצק. איז אַזוי געווען דער שטייגער פון רבי ר' בינום פון פּשיסכאַ:

ס'איז געקומען דאָנערשטאָג — אַ מאָרג-טאָג — טוט ער זיך אָן דעם שטריימל, נעמט דעם שטעקן אין האַנט און גייט זיך אַליין אַרויס אויפן מאַרק. וועט זיך טרעפן אַן עוף, אַ בינטל כריין אפשר אַ שיינער פיש, וועט עס זיין לכבוד שבת.

שטייט ער איין מאָל אַזוי און האַנדלט זיך מיטן פּויער. דער פויער פאַרלאַנגט כך וכך און דער רבי ר' בינום קאָן ניט מושוה ווערן. אין דעם טוט דער פויער אַ כאַפּ דעם רבי ר' בינומס האַנט, גיט אַ פּעסטן פּאַטש און שרייט: „פּאַפּראַוווטשע"! — זייט מוסיף הייסט דאָס וועט מען פאַרטיק ווערן...

ווערט פּלוצלינג דעם רבי ר' בינומס פּנים אָנגעשטרענגט-פאַרטיפט, לאָזט ער מיט אַ מאָל שטיין דעם פּויער, גייט אַהיים און פאַרשליסט זיך אין אַ באַזונדער חדר:

אַזוי, אַ חרפּה, בינום, אַ חרפּה! אַפילו דער פויער שרייט: פּאַפּראַוווטשע! — טו תשובה הייסט עס — בינום! — — — — —

און פּלוצלינג —

אַ געדעש, אַ געטראַמייטערי. לויפט מען דאָך קוקן. אין מיטן דרינען חיל גאַר? קיר"ה? זעט מען אין מיטן מאַרק רייט אויף אַ ווייס, שטאַרק פערד ר' אברהם ישראל וואַלד-שרייבער — אַ יונגער קאַצקער למדן און נעבעך פאַרוואָרפן אין דאָרף — אָנגעטאָן אינעם שטריימל מיט דער פונק-נייער אַטלעסענער יוביצע, וואָס בלאַנקט אונטער דער זון, ווי שוואַרץ זילבער, די בלאַנדע באָרד פלאַטערט ווי אַ וויכער, די אויגן פלאַמען און ער טראַמייטערט, טראַמייטערט. לויפט מען דאָך צו אים: האַ, אברהם ישראל? טוט ער אַ געשריי:

שקצים! שושן פורים, שושן פורים אויף דער וועלט, טראַ-טאַ-טאַ-טאַ. טראַטאַ-טאַ-טאַ — שושנת יעקב! — — — — — —

מאַכט מען אַ ריקודל אין מיטן מאַרק. דערנאָך, בינדט מען צו ס'פערד צו אַ וואַנט. ר' אברהם ישראלן פירט מען מיט געזאַנג אין שטיבל אַריין. מ'נעמט אַ קאָפּ משקה, דערנאָך ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל אַ ריקודל און ערשט שפּעטער גרייט מען זיך צום קריינען.

און אַז מ'האָט שוין נאָכגעזאָגט תורה פון רבי ר' העניכל פון אַלעקסאַנדער און פון חידושי הרי"ם און פון בעל-שם-טוב און ר' בינום האָט פּיפּקענדיק דעם לולקע-ציבוך זיינעם — אַ פּאַרצעלייענער געווען, אַ מין לזכרון-אַנטיק פון ברעסלוי — שוין אָנדערציילט פון ארבע פּנות העולם און פון ים אוקינוס — אַ ספרא רבה געווען און אַ באַרייזטער — טוט זיך האַסטיק אַ שטעל אויף העגעך מלאך — אַ יונגערמאַן אַ שוויי-געוודיקער, וואָס זיין קול פלעגט מען נאָר הערן בשעתן דאַווענען צי בשעת חדוה — דאָס פּנים זיינס איז איינגערעמט אין אַ שוואַרץ גע-וויקס, אַזוי אַז מען זעט אים קוים אַרוים זיינע בלאַנדזשענדיקע, שוואַר-צע אויגן, אויגן פון אַ מקובל — און טוט אַ קלאַפּ אין טיש:

— „יעמוד מורנו ר' משה אפרים ערשטער שושבינא, יעמוד מורנו ר' גרשון ליב שושבינא שני". ווערט אַ געטומל אַ געשפּרונג, אויגן לייכטן: קריינען!

ר' משה אפרים קווענקלט זיך. אַ ייד אַ בן שמונים, ניטאָ מער קיין כח, אָבער ס'העלפט ניט. חסידים הייסן! קריכט ער אהיים צו זיך — ס'שטיבל געווען אין זיין הויז — קומט צוריק אָנגעטאָן אין טונקל-ברוי-נעם שלאַפראָק, וואָס גלאַנצט פון אָפּגעניצטקייט, אין אַ פּאָר ווייסע זאָקן ביז צו די קניען מיט אַ פּאָר שווערע פּאַרצייטישע לאַטשן אויף די פּיס, וואָס ער קאָן זיי קוים דערשלעפּן. אויפן קאָפּ אָן אויסגעקראָכן שטריימל — אַ זכר פון קאָצק — דאָס אייגענע ר' גרשון ליב. דערנאָך פירט מען צו אין מיטן שטוב אריין דעם בעל-שמחה אליין. ר' ברוך ווישעגראָדער איז אַ ייד אַ ניינציקער. געפאָרן אַמאָל קיין וואָרקע, היינט קאָן ער זיך מער אין ערגעץ ניט צופּאַסן, איז ער בעל-מוסף אין שול צו ימים-נוראים און פּרנס אין דער קהלה, נאָר לכבוד דער שמחה ווייזט ער זיך אויך צווישן עולם.

דער יונגערמאַן שטייט אומדרייסט, בלאַסלעך, נאָך גאָר אַ יונגער און ערשט צוויי חדשים נאָך דער חתונה און פאַרן קריינען איז ער דאָך נאָך ניט מאַנשי-שלומנו, מילא קאָן דאָך פון קיין אָפּזאָג קיין רייד ניט

זיין. דערווייל גייען צו יונגעליטלעך געקריינטע פון פאַראיאָרן, פּאָר צוויי יאָר, שמירן אים גוט איין ס׳פּנים מיט סאַדעס און מען לאַכט: אַזוי בערל, ווער אַ חסיד!

דערנאָך ברענגט מען צוטראָגן פון בית-המדרש דעם בלעכענעם לייכטער, וואָס איז געמאַכט ווי אַ קרוין. מ׳טוט אים אָן אויפן קאָפּ, אין דעם לייכטער שטעלט מען אַריין קיילעכדיק אַרום קאָפּ ברענענדיקע ליכט. אויפן נאַקן בינדט מען אים צו אָן דער קרוין אַ גראָבן געפלאָכטענעם צאָפּ פון שטרוי. די אונטערפירערס נעמען אים אונטערן אָרעם, יונגעלייט האַלטן קופּערנע בראָטפאַנען מיט וואַלגער-העלצער און פּויקן צו און אַזוי מיט אַן אַלטן קאַצקער ניגון טאַנצנדיק אַרוים אין מיטן מאַרק.

אין מיטן מאַרק שטייט אַן אַלטע דריי-ברונע, וואָס קיינער געדענקט שוין ניט ווען מ׳האָט פון איר אויפגעהערט וואַסער שעפּן, און וואָס אַז מ׳גייט פאַר איר פאַרביי אום פרייטאָג צו נאַכטס מיט אַ פּסולער ציצה דאַרף מען שוין דערנאָך מונטערן אַ האַלבע נאַכט.

אַרום די דאָזיקע דריי-ברונע פירט מען אַרום דעם בעל-שמחה דריי מאָל. אין אַלע פענצטער פון מאַרק שטייען אַרויסגעשטעלט צו צוויי ברענענדיקע ליכט, ביי וועמען אין מעשענע ביי וועמען אין זילבערנע לייכטער — הגם ס׳איז ביי שיינעם העלן טאָג — און גאַנץ שטעטל בעלי-בתים, ווייבער, קינדער און גוים להבדיל שטייען אויף טרעפּלעך פון הייזער אויף טיש און בענק און מ׳פּאַטשט:

„מזל-טוב, מזל-טוב” — — — — — —

איי, איי, איי, איז דאָס היינט געוועזן אַ קריינען — — — — —

אַזוי איז געווען דער מנהג צווישן חסידים אין דער קהלה קדושה ליטאָמירסק מימים קדמונים.

י

ווי אַ שיפל, וואָס דער ווינט האָט אָפּגעריסן פון אַנקער און עס טראָגט זיך אָן תכלית איבער ימים אַזוי בין איך אַנטקומען פון מיין טאַטנס אמונה. איצטער גיי איך אין כמה-ערליי מקומות און זע מער ניט דאָס ליכט פון זיין לעבן.

בכל יום ויום קום איך אַריין מיט מיין שוואַרצן הולך אין

אומאַנער שטיבל, דריי זיך דאָרטן אַרום ווי אַ שאָטן, בין מעיין אין ר' נחמנס „לקוטים", לסוף גיי איך אַוועק מער טרויעריק ווי פריער:

„ווילן מיר הייסט עס דאָך נאָר איינס און דאָס אייגענע תמיד אַרויף און טיפער צום „אור הגנוז" און דאָך — ניטאָ מער דיך, רבי!?"...

אַ גאַנצע וואָך ווער איך בטל אין טומל און קאָך פון שטאָט און אין אייגענער וואַכעדיקייט און פרייטאָג צו נאַכט, בשעת פרייד איז צו יעדן יידיש הויז פון אַלט־שטאָט און פון שול־הויף פלאַטערט אַ טיף־נשמהדיק געזאַנג פון ברענענדיקע ליכט, פון דבקותדיקן קופּאַל און פון אַרום און אַרום גאַנצן געביי, שטרעקט איך אויס מיין האַלדז ווי אַ דורשטיק פערד און קאָן מער ניט אַריין אין תוך פון אָט דעם לעבן.

מיין עלטער־זיידע ר'ישראל דוד, אַן אָפּשטאַם פון די גולי אשכנז, וואָס האָט אַליין ניט זוכה געווען געהרגעט צו ווערן על קידוש השם, האָט זיך איינגעהזרט זיין גאַנצן לעבן לאַנג, אַז דער עיקר שליחות פון אַ בשר־ודם איז צו אכפּערן דעם בורא אי מתוך חדוה אי מתוך יסורים און איז ער נישט ראוי געווען צו קומען צו אַזאַ נסיון, האָט ער זיך תמיד מכין געווען דערהויבן צו ווערן צו אָט דער מדרגה און פון כסדרדיקן גרייט זיין האָבן זיך זיינע ווייסע פאַרפלאַנטערטע ברעמען אָנגעצונדן מיט פייער און פון ברענענדיקן קדשי קדשים און ער האָט געוואַרט, געוואַרט בקדושה: אָט, אָט שטרעקט זיך אויס אַ פייערדיקע האַנט נאָך די שליסלען —

און מיין זיידע איז אויך געשטאָרבן. ניין, ניט געשטאָרבן, מיין זיידע האָט געמיט זיך אַ לאַנגן ערב שבת און איז אַוועק נאָך טבילה אויף שבת אַ היים...

און איך, החוטא יוחנן, אַן איניקל פון ר' ישראל דוד, דער פלימע־ניק און תלמיד פון רבי ר' בינום פון פּשיסכאַ, דריי זיך אַרום אין אַ דור אָן אמונה מיט אַ פאַרלאָשענער האַלאַוועשקע פון מיין זיידנס פייער אין האַנט...

— „ווי צו מיר!"

אויף די קברים פון מיינע אבות גיי איך און לייען אַראָפּ פון דער אויפשריפט פון זייערע מצבות דאָס חשיבות פון זייער לעבן.

אַזאַ און אַזאַ קרקע האָט געקראָגן דער הרבני המופלג והחסיד ר' יוסף דן, ז"ל, ווייל ער איז געגאַנגען מיילן ווייט צו פוס קיין

קאָצק, און ווייל ער איז אויף ימים נוראים געקומען אין שטעטל (אַ וואַלד־שרייבער געווען) מיט אַ פולן בייטל געלט פאַר אָרעמע לייט און אַפולן קופערט מיט קוויליטשן און גוטע, התלהבותדיקע אויגן און אַזאַ קרקע די באָבע איטעלע די צדיקת מיט די גרויסע יידישע אויערינגען, מיט דער רייכער מצוה פון הכנסת אורחים און מיטן נייעם זיידענעם קלייד אויף אַ פרוכת אין שול אַריין.

און אַזאַ דער פאַר די מעשים און אַזאַ — יענער. און איך — איך האָב פאַרשעמט אייך און בין אַנטלאָפן פון מיין שיינער היים, אַנטלאָפן —

און וועל ווידער אַמאָל צוריק קומען צו אייך צו פאַרשעמען אייך מיט מיין געלעגער — — — —

אויפן הימל פון מיין שטעטל, דער קהלה ליטאָמירסק, רוט אַ גרויסער טרויער, בלאָנקע איך זיך אַרום דאָרט און האָרך אויס, ווי ס׳דערציילן די פעלדער פון אַ לויה אין אַ טריבן טאָג, וואָס האָט זיך געצויגן דורך קויטיקע געסלעך און יידן געבויגענע זיינען מיט טרויעריקע אויגן נאָכגעגאַנגען אַ שוואַרצע מיטה פון עפּעס אַ חשובן נפטר. גייט אַרום טרויער אויף אונדזערע פעלדער און שטעטל איז אָן אבל עד היום הזה — — —

יא

איך בין אויסגעווען אַ האַלבע וועלט און איך האָב פאַרטראַכט אויפצוזוכן דעם שבת פון מיין היים. גיי איך עס איצט אויף שבת אַהיים — — —

די זון זעצט זיך באַלאָדנט מיט שפע פון איבערגעלעבטן טאָג און דער וועג, ווי אַ שבתדיק טישטעך, איז אויסגעשפּרייט איבער גאָטס ערד, גיי איך מיט אלולדיק פרידן אין הארץ צו מיין פאַרלאָזענער היים.

אויף די וועגן פון פוילן דער מדינה וואַקסן אַלטע טאָפּאָלן און ווי מ׳זעצט זיך לעם דיך פון אַזאַ טאָפּאָל ציט עס אַרויף צו דער בחינה פון תפארא‍ת שבגבורה.

ס׳איז פרייטאָג פאַר נאַכט.

אין פאַרמוחטן פעלד הערט זיך דער רויש פון דער מלכה שבתעס זיידענעם קלייד; די נאַכט טוט זיך געגענען הייליק און מילד, ווי די

אויגן פון בעל־שם און איך אייל זיך אַהיים. דערווייל זיינען מיינע פיס מיד. זעץ איך זיך אַפּרוען לעבן בוים און טראַכט:

„סאַרע יופי ס'איז אויף דער וועלט אין דער היים". —

אין אַ שבתדיקער מנוחה דערציילן די וועגן אַ מעשה פון מקדש־מלך, וואָס האָט אַמאָל צו קבלת שבת געבלאָנדזשעט אין וואַלד. איז אים באַפאַלן אַן אימה און אַ גרויסער צער צו מוזן האַלטן שבת צווישן ווילדע חיות חוץ לישוב. גייט ער אַזוי זייער טרויעריק און וויינט און בעט צום אייבערשטן. וואָרעם עס ווייסט דאָך דער מקדש מלך: אַז דער עיקר אכילה פון שבת איז נאָר כדי ס'זאָלן געבענטשט ווערן די איבעריקע זעקס טעג פון דער וואָך און דורך עונג שבת האָט דאָך דער שונא, דער בעל־דבר, קיין תקומה ניט און די בחינה פון שבת איז דאָך משפיע ליכט אויף אַלע וועלטן און אַלע מדרגות, היינט ווי זשע איז מען עס ממלא די קדושה פון שבת אין אַ ווילדן וואַלד?

גייט ער אַזוי טרויעריק און וויינט. אין דעם דערזעט ער ס'לייכט זיך עפּעס פון דערווייטנס, הייבט ס'האַרץ אים אָן זייער שטאַרק צו קלאַפּן: אפשר אַ פאַרפירליכטל? און ווער ווייסט, טאָמער טאַקע מן השמים? רבון העולמים! בזכות שבת און בזכות פון אַלע דיינע הייליקע געבאָט באַוויז רחמים צו דיין קנעכט!

און דאָ מיט אַ מאָל איז דאָס הייזל ווי אויסגעוואַקסן פאַר זיינע אויגן. ווערט דער פּחד נאָך גרעסער און ער קלערט אַלץ: וואָס טוט מען?

אָבער דער מקדש־מלך דערמאָנט זיך: שבת! טוט ער זיך אַ נעם אָן מיט האַרץ: שמע ישראל! און אַ פּראַל אַריין אין די טיר... און ווי ער איז נאָר אַריין אין שטוב האָט אים אַ שטראָם געטאָן אין די אויגן אַ כוואַליע ליכט און אין דער כוואַליע, אינעם ליכט האָבן זיך געשוועבט אין אַ הייליק חיות פייערדיקע אותיות: „זה השער לה', צדיקים יבואו בו", און טישן געדעקטע מיט גילדערנע כלים פון כל־טוב און גילדענע מנורות מיט ברענענדיקע, ווייסע ליכט אין גאַנצער שטוב און דאָס ליכט איז עפּעס אַזאַ וואָרעם, גרוים ליכט פול מיט נגינה, עפּעס גאָר ניט קיין דאַאיק ליכט. ממש „מאור של גן עדן", וואָס איז באַשאַפן געוואָרן נאָך פון ששת ימי בראשית אָן — און אויבן אָן ביים שלחון דעם מזבח זיצט אַ זקן מיט אַ ווייסער באָרד און זינגט מיט אַ וואונדערלעך געזאַנג שיר־השירים. די אויגן זיינע פול מיט

שירות ותשבחות, זיינען יונג און פלאַמענדיק און פון זיין מויל קוואַלן ווערטער מיט אַן אויסטערלישער מתיקות, ווי דאָס מתיקות פון דער תורה, וואָס נאָר דער אמתער צדיק הדור איז זוכה צו פארנעמען, כאַפּט דער מקדש-מלך זיך אויף פון זיין געפלעפטקייט:

— „איי, דאָס איז דאָך „אברהם סבא״! — צעוואַקסט זיך אין זיין האַרץ אַ שמחה של מצוה און ער שטעלט זיך דאַוונען מיט גרויס כונה:

„לכה דודי לקראת כלה, שבת מלכתא!״ — — — — — — — —

און תיכף ווי די ווערטער זיינען אַרויס פון זיין מויל האָט אָנגעהויבן פלאַטערן אַ געזאַנג אין דער הויך און אין דער טיף, אויף וועג און שטעג ווי די אָדלערס פון משכן און דער בנין האָט זיך געשפּאָלטן אויף טויזנטער חדרים פון ריינעם גינגאָלד און אין יעדן חדר אלפי אלפים גילדענע כלים און גילדענע שטולן, און פון יעדער כלי, פון יעדן ווינקל ציען זיך ניצוצות קדושים צום קאָפּ פונעם זקן, און דער זקן באַוועגט מיט די פינגער פון זיינע ווייסע הענט, און זיינע פינגער גיבן אַרויס אַ קול ווי אַ וואונדערלעכער כלי ניגון, אַז ס׳פלעכט זיך צוזאַמען דער גאַנצער געביי אין שבתדיקער נגינה און אין דער נגינה אין געשטאַלטיקער שמחת הנפש באַווייזן זיך אין בגדי שבת נאָך צוויי זקנים און הינטער די צוויי צוועלף יונגעלייט און אלע ציען זיך צום זקן און דער זקן איבער זיי און מיט זיי, אין אויסגעוואַקסענעם, אויסגעצויגענעם יחוד צום אָנהויב און סוף: שבת!

קומט פריינד אַנטקעגן דער מלכה שבת!

אַנטקעגן דער מ-ל-כ-ה ש-ב-ת!

טראָגט זיך עס אַזאַ בענקעניש אויף די וועגן פון אונדזערע שטעטלעך נאָך „אַ יום שכולו שבת״. גיי איך און האָרך אויס דעם רוף נאָך שבת אין מיין היים — — —

יב

בין איך אָפּגעזעסן ביי ווייב און ביי קינד אין אייגענער שטוב מעת לעתן און חדשים דורך אַנאַנד און האָב צוגעהערט צו די רייד פון די חכמים: „אַז איינער זיצט אָן אַ ווייב איז ער אָן ברכה, אָן שמחה און אָן שלום״.

איך האָב אַריינגעקוקט אין די אייגעלעך פון מיין קינד און האָב

געשפּירט ווי מיין בליק דרייט זיך דאָרט, שנירלט זיך אַרום און ציט זיך צוריק אין אייגענעם מקור, פון מיר — צו אים, פון אים — צו מיר, ווי אַ ליכט, וואָס שטייט צווישן צוויי קעגן איבערליגנדיקע פענצטער —

אײן ליכט!

געהערט עפּעס:

ערגעץ אין ווייטער וועלט גייט די נשמה פון אַ דור קרוע ובלוע. מאַנסבילן ווערן הפקר און ווייבער זײנען זיך מטמא צו יעדן פאַרביי־גייער, אַריבערטרעטנדיק לעצטן גדר פון שאַנד —

עפּעס האָב איך געהערט, נאָר איך בין געזעסן, ווי אַ ייד אַ מיושב אין מיין הויז און — אָן אַ שיעור מאָל אין טאָג געטראַכט אויף אַ קול:

„איך האָב דיך ליב מיין קינד! — אָ, ווי שוואַך איז בין צו זאָגן דיר דאָס אַזוי ווי עס צאַפּלט אין מיין האַרץ — וואָרעם, מיין טאַטן האָב איך ניט צייט געהאַט ליב צו האָבן, ער איז מיר הינטער מיין ליבע אַוועקגעשטאָרבן און דערנאָך — אַז מיין הרגשה איז אויסגע־וואַקסן, האָב איך שוין אָנגעטראָפן אַ ליידיק אָרט מיט אַ קופּעלע ערד „פּה נקבר". —

און מיין מאַמען קאָן איך זיך קיין מאָל ניט אַריבערוואַקסן ליב צו האָבן, ס'איז צו הויך און איך בין נאָך ניט געוואַקסן. אָבער דו, דו מיט דיינע איידעלע הענט, מיטן ריח פון מיין זיידנס געלייטערטער יידישקייט, וואָס שלאָגט פון דיר. אָ, איך האָב דיך ליב ווי חסידות, ווי מיין שוואַרץ־אויגיקן, בלאָנדזשענדיקן טאַטן, ווי אַ מאַמע, אליש!" —

אַזוי האָב איך זיך געהזרט טאָג איין טאָג אויס. נאָר איין מאָל, סתם אַזוי — ס'איז געווען גראָד „בייז געבוירן" און פּריש־געפאַלענער שניי האָט געברענגט מיט זיך דעם ריח פון איינזאַמע, פון שטרויכלענ־דיקע ווייטן, און פינקלענדיקער פראָסט האָט געאָטעמט מיט כח, מיט איינשטעלעניש פאַר אומדערזאָגלעכן זוכעניש, האָט מיך אָנגעהויבן ציען דער סוד פון פאַרוואָגלט, און ס'איז מיר געוואָרן אָרעם די שמחה פון מיין הויז, בין איך אויפגעשטאַנען און האָב זיך געזאָגט:

„גיי, זיי אַ משולח ביי צעוואָרפענעם האַרץ!" — — — — — —

בין איך אָנגעקומען מנחה־צייט אין בית־המדרש אין ערגעץ אַ שטעטעלע — קיין נפקא מינא וואו — האָבן זיך געפעדערט יידן

אָנגעזאַפּטע מיט ריח פון פרק משניות, קאַפּיטל תהילים און „ברכת טל ומטר", האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום קאַכל-אויוון און ס'איז גע־גאַנגען אַ פּלוגתא מכח דעם: צי יידישקייט שטאַרקט זיך אָדער נייַן". די זקנים צווישן זיי — וואָס האָבן נאָר נאָך געזען איין איינציקן תכלית און זייער פאַרלעבטע שעה, וואָס מער אָנצוקלויבן „צידה-לדרך" — האָבן געטענהט: „ביטער יידן! יידישקייט גייט אונטער, תורה ווערט בטל". די יינגערע צווישן זיי אָבער, די טוישער, קרעמער און סתם קאָפּ-מרויחער האָבן געהאַלטן פאַרקערט: יידישקייט באַנייט זיך. והא ראיה: דער רבי פון דאַנען און יענער רבי פון דאָרט און אַ סך אַנדערע גוטע יידן און רבנים האָבן אַלע פּה אחד מסכים געווען: „ווידער צונויפזאַמלען דעם „ועד ארבע ארצות" און זיך אַנטקעגנשטעלן, קנסנען יעדן איינעם, וואָס וועט עובר זיין על דין תורה". בין איך צוגעגאַנגען נכנעדיק אַזוי, ווי איינער, וואָס האָט נאָך ניט פאַרלוירן יעדן ספק אין דער אומגערעכטיקייט פון צד שכנגד און האָב שטיל אַ פרעג געטאָן: „זאָגט זשע מיר, יידן: וואָס איז אַזוינס יידישקייט?" — „יידישקייט, יידישקייט" — זיינען אַלע דערצערנט געוואָרן — „הם — ווי ווייס דאָס ניט אַ ייד, וואָס ס'איז אַזוינס יידישקייט?...."

„אויב אַזוי" — האָב איך זיך אָנגערופן — „טאָ הערט זשע רבותי: כל ימי האָב איך געדענקט, וואָס עס לערנט רבן גמליאל דער זון פון ר' יהודה הנשיא: „ס'איז גוט תורה מיט אַ מלאכה, וואָרעם די מי פון ביידן מאַכט פאַרגעסן זינד, און יעדע הוילע גע־לערנטקייט — אָן מלאכה — ווערט צום סוף בטל און שלעפּט נאָך, נאָך זיך זינד".

און ר' נחמן פון בראַסלאַוו זאָגט: „זוכה צו זיין צו אַט אַזאַ שכל, וואָס זאָל קענען משיג זיין דאָס אלקות, קאָן מען ניט אַנדערש, ווי דורך פיינט האָבן דאָס געלט, תכלית, שנאה". האָב איך בתמימות געגלייבט אין אַט דעם חלק יידישקייט, אָבער מיינע שכנים, מיינע שכנים האָבן מיך אָנגענומען פאַר מחוץ למחנהניק און האָבן זיך געקלאָגט: אָט אַ ייד, וואָס ווייס ניט פון יידישקייט!

„און ווידער זיינען פאַראַן טויזנטער יידן, וואָס זייער איינציקע עובדה איז: נאָכיאָגן זיך און באַשירמען פאַרשוועכטן יושר און זיי טענהן, אָן אַלטע יידישע טענה — אַז עס מוז זיין אַזאַ סדר עולם, וואָס זאָל ניט זיין געגרונטפעסטיקט אויף גזילה. איז אָט די דאָזיקע

יידן הייסן ביי אַלעמען: אחרס, אחדות-לייט, אַפּטריניקעס, טאָ וואָס זשע איז אייער יידישקייט?"

אַ שלעכטער קוק און פול מיט ביטול האָט מיך אַרויסגעבראַכט פון מיין פּלאָנטערן איבער פאַרשוועכטן אמת, דאָ האָב איך זיך געזאָגט: מוז זיין אַז אמתע יידישקייט איז דאָס אייגענע, וואָס אמתע ניט יידישקייט און אויפן שפּיץ באַרג שטייט ר' נחמן און טענהט: „מלא כל הארץ כבודו!"

„וואָרעם אין אַלע גשמיותן און אַפילו אין אַלע גוייִשע לשונות איז דאָ אַ חלק אלקות, מחמת אָן אלקות וואָלטן זיי קיין שום חיות און קיין קיום ניט געהאַט". אם כן — אויב דער צער פון טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס — טאָ הער זשע, יוחנן מבקש: מוז זיין אַז צווישן אומאָן און רוים איז פאַראַנען אַ וועג, וואָס פירט צום תכלית פון אַלע תכליתן דאַרף מען ניט מער, ווי זיך אַנגורטלען מיט כח און דער עמוד האש ביי נאַכט וועט באַלייכטן דעם וועג.

יג

איז אָנגעקומען שטילער טאָג אויף וועלט. שטיל ווי בליענדיקער שניי און טרויעריק ווי שניי. די וועגן פאַרשאָטן מיט טרויער — מיט שניי און פויערשע הייזלעך צונויפגעשרומפּן און אָן נחמדיקער פאַרגליווערטקייט. בינו לבינו הויב איך ערשט אָן גיין אויסגעקנאָטן פון שטילן לעכצנדיקן צער און מיט עפּעס אַ מטושטש געדרענג נאָך שווייגנדיק, פאַרגליווערט ליכט. דאָ קומט אָן אַ שליח און זאָגט: „היי, נודר, אַ צרה רבה איז דיר געשען: דיין בן יחיד, דיין העלן בכור האָט גאָט דיר אַוועקגעגזלט, וואָס זשע לויפסטו עס מיט ווילדן בטחון צו אים"?

רוף איך מיך אָן, אויפגעשפּרונגען און מיט פאַרלוירן געמיט, איז וואָס, שליח, מיין בראָך גרעסער פון דער בראָך פון אַ כלל? — איך — באין ברירה —נאָך אויסגערייפטן ווייַ, רעד אין זיך אַריין: „טוב שלא נברא משנברא" און — דעריבער: פאַרגאַנגען אַ נפש — בטל זיין צער. אָבער אַ כלל, אַ צבור מיט פאַרלוירן חיות, וואָס טוט צבור מיט נאָך געזונטן, ליידיקן גוף...? קוקט ער מיך אָן דער שליח מיט אַ משונה-מאָדנעם חוזק: „איז, זאָל עס די צרה פון כלל זיין גרעסער פון דיין אייגענער צרה, היתכן? סיידן — און דאָס איז

אוודאי אמת — דיין אייגענע צרה איז אויך די צרה פון כלל, וואָס זשע מיינסטו עם ווייטער צו טאָן, גייער, אַז — אָן דין און אָן רחמים ?"

זאָג איך צו אים, צום אומרחמנותדיקן שליח:

„גיי שליח און רוף אוים אויפן קול: אַ מת אין שטאָט !"

דערנאָך גיי ווידער ארוים און רוף: „אַ מת אויף דער וועלט !" וועט אפשר עמעץ דערהערן און זאָגן: „קום. מירן גיין צו דער לויה פון לעצטן מאמין"... וועל אויך איך מיטאויפגיין און קלאָגן: „וויי אויף דער אמונה וואָס איז פאַרלוירן !"

„וויי אויף די יאָרן פון מיין קינד !..."

האָב איך פאַרלאָזט אָן אַפּשייד דעם טרויעריקן מבשר און בין פאַרעקשנט אַוועק איבער וועלט:

איז וואָס, יוחנן, מיינסטו עס צו מעסטן מיט דער מאָס פון אַ בשר-ודם די וועגן פון כביכול ? האָט מען דאָך אין בראַסלאַוו גע־לערנט: „ס׳איז אסור זיך מיאש צו זיין. אַפילו ווען דער מענטש איז געפאַלן ביזן שאול-תחתית רחמנא ליצלן זאָל ער זיך דאָך אַלץ ניט מיאש זיין פון השם יתברך, וואָרעם פון אומעטום קאָן מען זיך דער־נענטערן צו אים, — איז טאָמער איז דאָס אַלץ בלויז מעשי בעל-דבר ? הוילער נסיון ? וואָרעם דער תכלית פון ירידה איז דאָך סוף כל סוף נאָר — עליה ?"

גיי איך אַזוי פאַרשלונגען פון דער טרויעריקער שטילקייט פון ווייסע וועגן און בין מהרהר אויף די עולות פון אכזריותדיקער השגחה. און דאָרטן, דאָרטן גייט דער גוזמהדיק גרויסער עולם מחוץ פון יעדער שכינה, צונויפגעפלאָכטן אין עולם-הזההדיקן טפלן גערודער און פאַרשאַלט זיין הייזעריק קול אויף אַלע ווייטן, אַלע הייליקייטן, ביז סאַמע כסא הכבוד:

„מיר, טאַנצנדיקע ארום עגל — דער שארית-יעקב !"

— „אַ, פאַלשע נאמנה !"

דערנאָך בין איך נאָך איין מאָל, אַ לעצט מאָל אריין צו קבלת־שבת אין שול, ס׳איז געווען אַ גרויסער, האַונדיקער עולם ממש אַ פול געפּאַקטע שול, נאָר טרויעריק און אָן הדרת האָבן געברענט די ליכט און אַ פּאָר געציילטע נאַפט-לאָמפּן האָבן פאַרשפּרייט אַן אוים־טערליש אומעטיקע וואַכעדיקייט — אַן אויסזען פון אַ בית-המדרש אין אַ ליטוויש שטעטל צו וואַכעדיקער מנחה — דער גאַנצער

גרויסער עולם איז מער די מלכה שבת ניט געקומען מקבל זיין, נאָר סתם אַזוי, פאַר היימלעכקייט וועגן, אָדער אויסרומען זיך מיט אַנגעקליבענעם פאַרמעג. די אויגן זייערע האָבן ניכטער, אָן שום התרוממות אַ קעגן געבליקט די אָרעמע אַנקומענדיקע שבתדיקייט און דער חזןביים עמוד האָט נאָר נאָך געדאַוונט ווי אַן אויסגע־לערנטער —

און יאָ — אַ חשובער מנהג איז געווען אין ירושלים:

אַ טישטעך איז געלעגן אויסגעשפּרייט פאַר יעדער טיר: כל זמן דאָס טישטעך איז אויסגעשפּרייט קומען אורחים אַריין... אַוועקגענומען דאָס טישטעך, גייען מער ניט קיין אורחים, — און דאָ שטייען זיי די אורחים ביי טיר פון שול און בעטן: „נעמט אַהיים אַן אורח אויף שבת!" נאָר — ס'ענטפערט קיינער... ניטאָ מער קיין שמחה של שבת!

פאַרלוירן געגאַנגען די מלכה. די רייכע ירושה וואַלגערט זיך אין טריבן ווינקל. האָב איך צו זיך געזאָגט: „אַוועק, אַוועק מבקש!"

ר' נחמנס תלמידים זיינען כלה — כלה — — — — — —

יד

— ווי פּראָסטיק אין אַלער ווייט!

אין פאַרוואָרפענע אַבסניות זיצן יידן מיט אויגן געווענדטע צו איינזאַמע מרחקים און שרייען פון טיפער העלקייט, מיט אַלטן לעכצנ־דיקן ניגון פון גמרא: „דמאי" — איי, איי, איי, פאַר וואָס איז אַזוי באַנג אויף דער וועלט. דאָ — מאי — וואָס איז עס אַזוינס? — הערט זיך ניט מער דער פרי־יאָרישער פלעסק פון וואַסערן אין רחבותדיקן פעלד, נאָר פון הינטער פאַרפרוירענעם אייז ריזלט דורך שמאָלן, מופּת־דיקן אייז־שפּאַלט אַ שטילער קוואַל. זיצט זיך אַ ייד ביי פאַרפרוירע־נעם אייז, לעבן וואונדערלעכן קוואַל און וויינט: „דאָ — מאי...?"

און איבער ווייטן, איינזאַמען וועג קלינגט אָפּ אַ גלעקל פון אַ שליטן מיט איינזאַמען פאָרער: דין־דין־דין — אל מלא רחמים! —

זע איך ניט דעם פאַרהוילענעם גאָרטן אין פּאַרוס, נאָר ווי אַ שאָף פאַרבלאָנדזשעט פון הערט זוך איך אַ מקום־מנוחה אין שוים פון אייגענעם אומרו, וואָס יאָגט פאַר די אויגן געשטאַלטן פון מנובלדיק מענטשלעכער פּיין —

אין א פינצטער מקום פון אַ פאַרשייטן כרך לעבן נאָך ווייען פון אַ געשטאָרבענער יולדת — דער מאַן אירער איז פונעם הונגער אַוועק, אַנטלאָפן מעבר לים, נאָר זי אַליין האָט דעם הונגער ניט געקאָנט פּטור ווערן, ווייל ס׳האָבן זי נאָכגעיאָגט די געשרייען פון צוויי בלאָנ-דע מיידעלעך: „מאַמע!" האָט זי זיך געבערעוועט, געבערעוועט ביז ר׳האָט זי אַנידערגעוואָרפן דער הונגער אויף אַ צעבראָכענעם קאַסטן און האָט פון איר טראַכט אַרויסגעריסן אַ דריט עופהלע. האָט זי גענו-מען ווייגען, וויינען, האָבן זי די טרערן דערוואָרגן — איז שוין שטיל ביי איר אין זעל, שטיל. נאָר אויף איר מיד פּנים שרייט נאָך דער אומבאַהאָלפענער ווייַ, פאַר וואָס? — אירע בלאָנדע האָר ביז צו די קני טונקען זיך אין בלוט פון אייגענעם געעפנטן לייב און די צוויי יתומימלעך שרייען: „מאַמע!" נאָר זי איז שטיל, שטיל. איר הונגער שווייגט שוין — און לייט שווייגן אויך — און וואָס איז געשען...?

— אין אַ שפּיטאָל —

אונטער אַראָפּגעלאָזטע גאַרדינען בלייכע ווי טויט קרעכצט אַ קינד. זיינע ליפּעלעך בעטן אָן אויפהער: „מאַ-מאַ-מאַ!" און די אייגעלעך קוקן פרעגנדיק און פאַרחידושט: „מאַ?" בלויז אויף זיין איידעלן מיוחסדיקן שטערן לייכט אַ בלאַס, דערהויבן ליכט, דאָס ליכט פון אַלטן מענטשלעכן ווייַ און ס׳איז אַזאַ שאָד דאָס קינד. מיין שיינער אַליש! און אָפּשר ניין, ניט דאָס קינד, נאָר אַלעמענס צער אין מיין קינד. און פלוצלינג: „טאַ-טאַ!" און ער וויינט און ער לאַכט: „טאַטע!" נאָר איך קען גאָרנישט, גאָרנישט העלפן און ער וואַרט ווידער טרויעריק: „מאַמאַ!" אָבער אויך מאַמאַ קען גאָרנישט, גאָר-נישט —

— אַ מענטש אין מיטן וועג —

ס׳האָט געהאַט דער מענטש אַן אָרעמע שטוב, קינדערלעך צוויי און אַ ווייב מיט ליבע אַ ים. און תמיד געאַרבעט, געדינט דעם בעל-הבית געטריי און געקראָגן דערפאַר ברויט פאַר קינדערלעך צוויי און געגעבן דערפאַר זיין יונגן כח דעם בעל-הבית אַוועק. האָט בעל-הבית זיך הייזער געמויערט, בנינים געשטעלט און צופרידן, שטיל האָט גע-לעבט זיך דער מענטש. ניט געפרעגט, ניט ווידערשפּעניקט דעם בורא פון וועלט. אַז וואָס איז דאָ צו פרעגן וואָס? אַז אַ האַרץ מיט ליבע פול און קינדערלעך שיינע צוויי, האָט געלעבט זיך צופרידן דער מענטש — אָבער —

אין מיטן, אין מיטן דרינען ווערט אסתר, דאָס ווייב, קראַנק און קיין געלט אויף אַ רפואה ניטאָ, און בעל־הבית איז האַרט, בעל־הבית איז קאַרג און גאָט דער בורא וויל ניט דערהערן ס׳געוויין, נעמט קיין תפילה ניט אָן. איז וואָס זאָל אָרעמע אסתר דען טאָן? שטאַרבט אָרע־מע אסתר אַוועק —

און קינדערלעך יונג אָן מאַמען — קינדערלעך קאָנען אָן מאַמען נישט זיין. איז איין טאָג געוויינט, דעם אַנדערן טאָג געוויינט, דעם דריטן טאָג קראַנק: ניטאָ מער קינדערלעך צוויי!

גיט אַ זעץ דעם מענטש אין מוח אַ בראַנד:

נישטאָ מער — נישטאָ — גאָרנישט נישטאָ!

גייט ער איבער וועגן און פרעגט: „ניט גענוג מיינע קינדערלעך ליבע צוויי? און אסתר מיין אסתר האָט קיינער געזען?

אַ געריירטער מענטש אין וועג...

און נאָך און נאָך און נאָך, איבלדיקע, לעסטיקע געשטאַלטן ווי בליי.

און איר, וואָס זאָגט איר, ר׳ נחמן, זיינען עס יסורים פון אַ תמע־וואָט־זינדיקן בשר ודם? „נאָר אַלע יסורים איז השם יתברך פאָרט מטיב מיט אונדז, הגם די יסורים זיינען שווער, דערנענטערט מען זיך דורך זיי און מ׳איז זיך מתדבק אָן גאָט ברוך הוא. וואָרעם ווער נעמט צו פון מיר מיין געזונט? השם יתברך. ווער נעמט פון מיר אַוועק מיין קינד? השם יתברך! אויב אַזוי איז אדרבה קום איך דאָך דערמיט אליין נענטער צו אים״!

אַזוי, האַ? אַ ליגן, אַ ליגן ר׳ נחמן! מיר זאָגן צו דער בין: „ניט דיין שטעכן און ניט דיין האָניק.״ מיר ווילן וויסן פאַר וואָס, פאַר וואָס? ניט ספקות נאָר קלאָרקייט. קלאָרקייט, קלאָרקייט שרייען מיר! —

טז

אָפּגעקומען און פאַראָרעמט ווי די שטוב פון אָן אבל אין שלושים ציט זיך דער ווינטערדיקער טאָג —

ניטאָ מער קיין אחיזה אין אייגענעם האַרץ!

גרויע רו, גרויע פאַרשוויגנקייט — און דאָ בענקט זיך לעבן, לעבעדיק לעבן — אַ חמימה!

היי, אַלץ וואָס איז עלול צו ווערן געגלייבט איך גיי פרא אדם צו יעדן מין כישוף...

זיין אַ מאמין, האָבן די אמונה אין כפירה — אַלץ איינס אמונה!

איך אָבער ווייס שוין דעם אָפּשטאָם פון יעדן מין גלייבן און — אַזוי וויסנדיק לײדיק...

פאַר וואָס, פירן אַלע גענג צום גרויסן גאָרניט, אָבער דערגיין ביז אַהין הויל איז טײַטש: „טאָג-טעגלעכע יציאת-נשמה" . . .

ווי אַזוי זשע בכן, אַרויס פון פינצטערן געוועב ?

איך האָב אַדורכגענישטערט די ספרים פון בעל-שם און פון מוהר"ן און פון אַ סך אַנדערע הייליקע געמיטער. איך בין אָן שיעור מאָל געגאַנגען אין דמיון אויפן קבר פון ר' נחמן מיט אַ תפילה: „עפן! " נאָר גאָרניט האָב איך מיטגעבראַכט פון אַ גלויבן, וואָס זאָל זיין אָנגעמאָסטן פאַר מיין צייט און מיין אָרט, אַ חוץ סודותדיקע, דעם שכל דערווידערדיקע ראשי תבות און גימטריאות און איצט בין איך געבליבן שטיין ווי אַ פּרוכנע געוואָרענער וועג־ווייזער אויפן מיטן וועג, וואָס פון אַלטקייט איז פון אים די אויפ־שריפט „וואוהין" געוואָרן אָפּגעמעקט... יעדן טאָג צו בלייכער שקיעה גייט אַרויס א בת-קול פון באַרג חורב און רופט אויס:

„ווײ צו די קינדער, וואָס זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון פאָ־טערס טיש". בלאָנקעט זיך אַרום דאָס קול אָן תיקון איבער וועלט און יעדער איינער, וואָס פאַרנעמט די ברומענדיקע טויב ווייסט מער ניט קיין רו אויף זיין געלעגער, עסט מער ניט צופרידן זיין ברויט, נאָר ווי אַ וואָגלענדיקער וואַנט-קריכער שטרעקט ער בלייכע הענט צו ווייטער לבנה, צו ליכט: באַווייז זיך...!

איז איין מאָל אַזוי אין א שטילן בין השמשות אויף פאַר־שטויבטן וועג דערגאַנגען צו מיר דאָס בלאָנקענדיקע קול און איך בין דעמאָלט נאָך געגאַנגען סתם אַזוי פון תענוג לשם גיין און איך האָב נאָך ניט געוואוסט, וואָס טייטש: „אַ מענטש אָן אַ היים", האָט אויפגעשוימט דאָס קול דעם אומרו אין מיין געביין און איך האָב אָנגעהויבן גיין, גיין, גיין — — — — — — — —

און ס'איז מיר אַזוי טרויעריק און איך ווייס ניט וואו איין און וואו אויס האַלט איך ס'תהילימל אין האַנט און בעט: תפלה לעני כי יעטוף ולפני ה' ישפוך שיחו" — טייטשט דער בעל-שם-טוב: „אַ משל צו אַ מלך, וואָס האָט געמאַכט אַ מאַלצייט פאַר זיין מדינה, האָט ער געלאָזט אויסרופן: אַז אין טאָג פון דער שמחה קאָן יעדער איינער פון די בני המדינה בעטן פון מלכות וואָס זיין האַרץ גלוסט, וועט מען אים די בקשה ממלא זיין".

האָט איינער געבעטן: כבוד, דער אנדערער: הערשאַפט, אדריטער ווידער: עשירות, האָט זיך אָבער אין שטאָט געפונען איינער אַ חכם, וואָס האָט געזאָגט: זיין איינציקע בקשה איז: מ׳זאָל אים לאָזן רעדן מיטן מלך דריי אין טאָג...

דעריבער: „תפילה לעני כי יעטוף — אז רק — לפני ה׳ ישפוך שיחו״.

שטייען זיך פאַרלאָזענע שייערן אין פעלד און טוען צובייגן זייערע אלטע ווענט צום מידן גוף פון יונגן ייד, וואָס חזרט אהין און צוריק און ווידער נע ונד איין איינציקן, האַרציקן פסוק:

„תפילה לעני כי יעטוף ולפני ה׳ ישפוך שיחו״. — — — — — —

לאָדזש — 1923.



אויסצוג פון מיין ברודערס אַ בריוו צו מיר

דערציילונגען

שמאַטעס

פון יידישן לעבן אין פוילן

ווער קען ניט די יידן, וואָס קויפן אויף די אַלטע שמאַטעס? אין דער גרויסער שטאָט גייען זיי איבער די הויפן און שרייען: „אַלט־וואַרג קויף יאַך, אַלטע שיך, אַלטע הויזן, אַלטע קאַפּעליושן." אין קליינעם שטעטל גייען זיי איבער די געסלעך איינגעשפּאַנט אין אַ טאַטשקע און שרייען „שמאַט", "שמאַט"!

זיי גיבן פאַר די שמאַטעס אַ טעלער, אַ בייטשל קרעלן, אַ לעפל און אַ קעמל, אָדער סתם אַ רויט צאַצקעלע, וואָס לאָקט די ווייבער.

ווען דער „סמאַטשאַרזש" קומט אין שטעטל, איז עס פּונקט אַזאַ געשעעניש ווי ווען עס קומט דער קאַטאַרינאַזש מיט דעם פּאַפּוגיי, וואָס ציט אַרויס גליק־צעטלעך, אָדער דער גוי מיט דער מאַלפּעלע.

דער שמאַטע ייד איז אַ טייל פון דער אָרעמער יידישער לאַנד־שאַפט און זיין יחוס ציט זיך מי יודע פון ווי לאַנג...

צווישן די דאָזיקע שמאַטע־יידן זיינען פאַראַן כל ערליי מינים: מעמדות־יידן און תהלים־יידן, יידן מיט בערד און אָן בערד, מיט ווייבער און קינדער און אָן — **אָבער אַלע האָבן זיי איין דאָליע,** איין גורל: עס איז זיי באַשערט אויפצוהייבן דאָס, וואָס אַנדערע וואַרפן אַוועק, צו לעבן פון אָפּפאַל און פון שמאַטעס צו מאַכן . . . ברויט.

טרוקן ברויט און ניט מער, און ניט זעלטן — אויך דאָס ניט.

אין וואַרשע זיינען די דאָזיקע שמאַטע־יידן, די הויזירער, פאַ־ראַן אין די טויזנטער און זייער צאָל וואַקסט כסדר.

די גזרות און עקאָנאָמישע נגישות זיינען ווי מיסט אויף די

פעלדער פון יידישן לעבן, אָבער עס וואַקסט אויף זיי ניט קיין ברויט, נאָר שמאַטעס, שמאַטעס, שמאַטעס...

די גזרה קעגן די דראָשקאַזשעס האָט פאַרמערט די צאָל הויזירער און דאָס זעלבע די גזרה קעגן די מאַרק־שטייער, וועגעלעך פירער און סתם גזרות.

עס קומען צו די שמאַטע־קלייבער, אָבער עס קומען אָפּ די ערטער, וואו מען קען די שמאַטעס קריגן. די שונאי ישראל מאַכן ניט קיין אונטערשייד צווישן יידישן אַרבעטער, סוחר, פאַבריקאַנט און... שמאַטע־קלייבער. אויך זיי טרעפט די רוט.

אין די קריסטלעכע גאַסן קען שוין קיין יידישער הויזירער ניט אַריינקומען; דאָרט איז פריי דער צוטריט נאָר פאַרן גוי, וואָס פאַרנעמט איצט מיט ברען דעם יידנס אָרט.

דער שמאַטע־האַנדל איז די לעצטע קאָרט, די לעצטע פּאָזיציע; פון דאַנען קאָן דער אַרויסגעשטויסענער יידישער אַרבעטער פון פאַבריק, דער אַרויסגעשטויסענער און אָפּגעשוואָנקטער יידישער בעל־מלאכה זיך מער ניט לאָזן אַרויסשטויסן, סיידן אין אָפענעם קאַלטן קבר.

ווען מען קוקט זיך צו נענטער ווי די דאָזיקע יידן לעבן, צו זייערע שבתים און ימים־טובים, ווי אַזוי זיי האָדעווען אויס און דער־ציִען קינדער און צו די דירות, אין וועלכע זיי וואוינען, — ווייס מען ניט וואָס פריער צו באַוואונדערן: צי דעם כח, בטחון און לעבנס־אָפּטימיזם פון די דאָזיקע אָרעמע, פאַרשטויסענע מענטשן, אָדער שפּינוועבס פון אַ פּאָלקס־לעבן וואָס איז אַריינגעקוועטשט גע־וואָרן אין די דאָזיקע פאַרראָסטעטע ראַמען.

דער הויזירער גייט אַרום פון גאַנץ פרי ביזן אָוונט אין די הויפן, ער נעמט מיט אין טאַש צידה־לדרך, אַ טרוקן שטיקל ברויט, און ווען ער קלעטערט זיך אָן אַ גאַנצן טאָג שטאָק־אויף, שטאָק־אָפּ און קומט צום סוחר מיטן פּעקל שמאַטעס אויפן פּלייצע מיד און הונגעריק, באַקומט ער פאַר זיין טרחה דריי־פיר גילדן. דאָס איז דער פאַרדינסט פאַרן טאָג און מיטן דאָזיקן פאַרדינסט דאַרף ער דערנערן אַ גאַנץ הויז־געזינד און צאָלן דירה געלט.

אָבער ניט אַלע הויזירער האָבן אַזאַ מזל. עס קאָן טרעפן, אַז

נאָך אַ גאַנצן טאָג אַרבעט זאָל דער הויזירער פאַרדינען קוים, קוים אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט.

אויף דער באַרימטער „וואָלובקע״ (דער וואַרשעווער האַנדלס-מאַרק פאַר אָרעמע מענטשן, וואו מען קריגט פון אַ שנוראָוואַדלע ביז אַ ראַדיאָ-אַפּאַראַט, אַלץ איבערגעניצעוועט און פאַר גראָשנס), געפינען זיך אַן ערך דרייסיק שמאַטע-געוועלבער, וואו די הויזירער זעצן אָפּ די איינגעהאַנדלטע סחורה פון טאָג.

די סוחרים פון דער „וואָלובקע״

דער סוחר איז, ווי אַ סוחר. ער וויל ניט וויסן פון גאָרניט. ער קוקט צו פאַרדינען און וואָס מער און באַרייסט דעם הויזירער אויף וויפל ער קאָן נאָר.

אָפט מאָל גיט ער פאַר די שמאַטעס ניט קיין געלט, נאָר אַ קוויטעלע צום פאַיאַנס-סוחר. דער הויזירער, וואָס קויפט אַלטוואַרג פאַר פאַיאַנס, האָט אַזוי אַרום ווידער מיט וואָס צו קויפן שמאַטעס. אָבער ער האָט ניט מיט וואָס צו קויפן קיין ברויט...

אַנדערע סוחרים גיבן גראָד פאָרויס דעם הויזירער עטלעכע צענדליק גילדן ער זאָל פאָרן אין ווייטערע שטעט ברענגען „סחורה״ אויף אַן אָפּגערעדטן פּרייז, און ווען ער ברענגט די סחורה און די פאַר גילדן זיינען פאַרטאָן, שעמט זיך ניט דער סוחר צו ענדערן דעם פּרייז און דעם הויזירער בלייבט גאָרניט.

— „איך האָב באַקומען״ — דערציילט מיר אַ הויזירער, אַ יונ-גערמאַן, מיט אַ פאַרחושכט, פאַרדאַרט פּנים, — פון אַ סוחר זעכציק גילדן צו פאָרן נאָך שמאַטעס אין דער אומגעגנט אַרום וואַרשע, צום פּרייז פון פערציק גראָשן אַ קילאָ. כ׳בין אונטערוועגס געוועזן צוויי וואָכן און געבראַכט אַ שיין ביסל סחורה. דער ריוח מיינער האָט באַטראָפן פערציק גילדן, צו צוואַנציק גילדן אַ וואָך. אָבער ווען כ׳האָב געבראַכט די סחורה, האָט דער סוחר חרטה געהאַט און מיר געוואָלט געבן נאָר דרייסיק גראָשן פאַר אַ קילאָ. ביי אַזאַ פּרייז האָב איך פאַר מיינע איינגעהאַנדלטע שמאַטעס געקאָנט באַקומען קוים דעם קערן. בין איך אַוועק צו אַ צווייטן סוחר — וויל ער ניט קויפן. צו אַ דריטן — דאָס אייגענע; הכלל, איך בין געלאָפן פון איינעם

צום אַנדערן — קיינער האָט פון מיר די סחורה ניט געוואָלט קויפן... דאָס איז געשען לויט אַ וואונק פון מיין סוחר...

וואָס זאָל דער הויזירער אין אַזאַ פאַל טאָן? דער יד־אחת פון די וואָלובקער שמאַטע סוחרים צווינגט דעם הויזירער אָפּצוגעבן די סחורה צום געענדערטן פרייז. ער האָט אַזוי אַרום אָפּגעאַרבעט צוויי וואָכן אונטערוועגנס און ניט אַהיימגעבראַכט דעם ווייב און קינדער קיין גראָשן פרנסה.

אָפּגעלערנט זיך פונעם יד־אחת פון די סוחרים, זיינען אויך די הויזירער, אונטער דער אָנפירונג פון זייער פאַראיין (אומפּאַרטייאישער אַרבעטער ביי די פועלי ציון — צ. ס.) צוגעטראָטן צו שאַפן אַ קאָאָפּעראַטיווע איינקויפס־שטעל פון שמאַטעס.

דער פאַראיין האָט צוגעשטעלט אַביסל געלט, מען האָט אָפּגעדונגען אַ געוועלב און די הויזירער ברענגען איצט די סחורה אין זייער אייגענער קראָם. דאָ זיינען זיי קודם כל זיכער, אַז די וואָג איז אַן ערלעכע און אַז דער פּרייז פון מאַרק ווערט געצאָלט. די סחורה נעמט אָפּ זייער אייגענער פאַרשטייער, וואָס איז דער בעסטער פאַכמאַן אין דער בראַנזשע און דערנעבן שטייט דער סעקרעטאַר פון פאַראיין און גיט אַכטונג, אַז דער הויזירערקע צי הויזירער זאָל אַוועקגיין פון געוועלב מיטן באַוואוסטזיין, אַז ער האָט געקראָגן אַן ערלעכן גראָשן פאַר דער ערלעכער פּראַצע.

יעדן טאָג נאָך מיטאָג הייבן אָן קומען די הויזירער מיט די זעקלעך שמאַטעס אויפן פּלייצע אין זייער אייגענער איינקויפס־שטעל. עס קומט אַריין אַ הויכע יידענע אין אַ פאַר שטיוול. דאָס איז די חברטע מלכה. זי גיט איבער איר זעקל צו דער וואָג. זי איז פול קוראַזש און דערלאַנגט דעם חבר יאָסל אַ ברייטע, מענערשע האַנט:

— „חבר יאָסל, זע מאַך מיר ניט איין אויף דער וואָג, יאַך וועל זיך ניט לאָזן אָנפּרייערן...".

די וואָס שטייען אַרום לאַכן. די חברטע מלכה קריגט גיך די פאַר גילדן פון פאַראיינס־קאַסירער און גייט אַוועק מיט פעסטע, מענערשע טריט. עס שיט אויס זיין ביסל סחורה דער חבר מאָטל. ער איז אַ געוועזענער בערשטער־אַרבעטער פון טערניטש. ער איז היינט צופרידן: ער האָט פאַרדינט אַ גאַנצן פינפער זלאָט. הלואי מאָרגן ניט ערגער.

— „יעמוד מורנו ר' יאַנקל־דוד", — רופט אויס דער חבר פאַר־

זיצער. אָבער דער הויכער יאַנקל־דוד גייט צו מיט אַ שווער געמיט. ער האָט צוזאַמען מיטן אַלטן ר׳ שבתאי איינגעהאַנדלט אַזש פאַר צוועלף גילדן סחורה און ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיי האָבן דערבײַ בשותפות פאַרדינט צו זיבעציק גראָשן... דער חבר יאָסל

(דער סוף פעלט)

פ ר נ ס ה

ווען יחזקאל איז אין דער נאָך סכות־צײַט אָנגעקומען מיטן פורל מעבל פון פאַנטשע קיין לאָדז און איז פאַרפאָרן אין אייזנערס לאַנגן הויף אויף דער פראַנט־גאַס, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט און לאַנג זיך אַרומגעקוקט אין גרויסן הויף, זיך געצופּט אין פאַרלעגנ־הייט די באָרד ביז ער האָט צום סוף געהייסן דעם פורמאַן צופאָרן צו זיין שטוב וואָס לעבן אַפּטריט..

אייזנער, דער חסידישער גביר האָט דעם אַנדערן האַלבן הויף פאַרבויט אין דער „האָסע״־צײַט אויף בלויז געוועלבער און גרויסע פיר־צימערדיקע וואוינונגען; ער האָט דעם גאָרטן מיט די אַלטעביימער געלאָזט אויסהאַקן און אַוועקגעשטעלט אויף זייער אָרט אַ רויטן ציגל־מויער, געמויערט און פאַרמויערט ביז אַ שפּאַרע. האָט דער גרויסער הויף מיט זיינע הונדערטער לאָקאַטאָרן ניט געהאַט קיין אָרט פאַר אַן אַפּטריט, האָט מען עס אַריינגעפּאַקט צווישן צוויי געוועלבער, וואָס אין עק הויף און אַט פאַר איינעם פון די דאָזיקע געוועלבער וואָס האָבן איצט אין דער קריזיס־צײַט געפּוסטעוועט, האָט עם יחזקאל באַצאָלט „אַפּטרעט געלט״ דעם ווירט, דעם ייד מיט דער לאַנגער, ווייסער באָרד, צוויי הונדערט דאָלאַר, ס׳הייסט פוי־לישע גילדנס באַרעכנט אין פעסטער אויסלענדישער וואַליוטע און אויף דעם חשבון האָט ער פאַרקויפט דעם ווייבס „קעפּ״ מיטן האַלדזבאַנד.

יחזקאל האָט געהאַט זיין אייגנם דאָרט אין פאַנטשנע אַ נחלה אין מיטן מאַרק, וואָס ער האָט געהאַט בירושה פון זיין שווער דעם חסידישן שטעטלדיקן נגיד און א געוועלב מיט שניט־סחורה, איז

געקומען „גראַבסקי" און יחזקאל איז געבליבן מיט לײדיקע פּאַלי־צעס. האָט ער זיך געדרייט וואָכן און חדשים אין מאַרק, פון מאַרק אין שטיבל און צוריק און זיך דורכגעשמועסט מיט סוחרים, אַז דאָרטן אין דער ווייטער פאַבריק־שטאָט, אין לאָדז מאַכט מען נאָך אַ לעבן. מ'האַנדלט מיט גאַרן, מיט סחורות, מיט „מאַץ", דער נאָך אַז גאָט העלפט, דערשלאָגט מען זיך אַפילו צו אַן אייגן פאַבריקל און מען האָט גראַבסקין אין דער אדמה; אלא וואָס דען, מ'דאַרף נאָר האָבן אויף הוצאות. — „ווען איך" — האָט דער הויכער וואָלף צו אים געטענהט, — „זאָל געווען האָבן, יחזקאל, דיין פאַרמעגנס, וואָלט איך עס געווען פאַרקויפט און וואָלט זיך איינס צוויי אַ כאַפּ אַריבערגעגעבן קיין לאָדז".

האָט יחזקאל אויסגעשטעלט זיינע תמימותדיקע אויגן, גע־צופּט זיך די בלאָנדע באָרד, געקלערט און נאָכגעקלערט שווער, האַרט, ניט אַרויסצודרייען זיך פון ענין אויף אַ האָר, ביז ס'זיינען דעם יידן באַפאַלן זיינע געוויינלעכע סוחרישע דמיונות און ער איז אַוועק איבעררײדן מיטן ווייב, די שלאַנקע מיוחסטע, דעם שטעטלדיקן נגידס טאָכטער, וועגן ציען זיך קיין לאָדז.

האָט זיך די יידענע געטראַכט, אַז יאָקעלען דעם פּאַטשנער אייער־הענדלער, דעם דאָרפס־גייער, דעם פּויער פּאַסט זיך צו ציען קיין לאָדז, פּאַסט עס איר אודאי און זי האָט ניט געזאָגט ניט יאָ, ניט ניין, נאָר אַזוי סתם אין דער וועלט אַריין: — „אודאי, אַ בעל־הבית מוז זאָרגן פאַר פּרנסה, פאַר ווייב און קינדער. גייט ניט דאָ, מוז מען זוכן אַנדערש־וואו און שוין." יחזקאל, אַז דאָס ווייב הייסט, פּאָלגט ער. האָט מען פאַרקויפט דאָס צירונג און מען האָט זיך גע־צויגן.

אָבער ווען יחזקאל איז נאָכן איבערנעכטיקן די ערשטע נאַכט אין דער נייער לאָדזער דירה אַוועק אין דער פרי מיטן טלית און תפילין אין שטיבל, וואָס אויפן אייגענעם הויף, איז אים געוואָרן אַביסל קאַלאַמוטנע. דאָ, אינעם לאָדזער נגידישן גערער־שטיבל, האָט יחזקאל צום ערשטן מאָל געזען חסידים „גאַליבראָדעס", מיט גראָבע בייכלעך, מיט גאָלדענע זייגערס, האָט יחזקאלן פאַרפּעלט קוראַזש דורכצושמועסן זיך וועגן עפּעס אַ געשעפט, האָט ער זיך געדרייט אויף אַראָפּ און יענע, די „חסידים", האָבן צומאָל קיין קוק

ניט געטאָן אויף אים, דעם קליין שטעלדיקן קבצן. האָט ער אָפּגעדאַוונט און איז מיט אומדרייסטע טריט אַוועק אַהיים.

יחזקאלס אַלט אָפּגענוצטע מעבל, וואָס מען האָט אַמאָל פאַר דער מלחמה געקויפט אַלס העכסט מאָדערן, איז איבערן וועג טייל־ווייז צעשיט געוואָרן. די שטוב איז געווען קליין און ס׳האָט געפעלט דער קילער, גרויסער קעלער, וואו מען זאָל קענען אַוועקשטעלן אַ טינדל באַרשט, אַ טאָפּ זויער־מילך, האָט זיך די יחסנטע אַביסל אָנגעטוישט אין די לאַדזשער גליקן שוין טאָקע באַלד ביים ערשטן אָריינפאָר, און ווען יחזקאל איז מיטן טלית און תפילין אונטערן אָרעם אַריין אין שטוב און געזאָגט גוט־מאָרגן, האָט זי שטיל אַן ענטפער געגעבן „גוט־יאָר" און עס האָט זיך געפילט דער שטילער ספק פון דער אייגענער ארויסגעזאָגטער ברכה. ניין, עפּעס גלויבט זיך דאָ ניט אין קיין גוט־יאָר.

דאָס קליינוואַרג יחזקאלס, זיבן יונגן און איין מויד, אַלע מיט אויגן ווי בלויע קאָרן־בלומען, קינדער, וואָס וועלן דוכט זיך אייביק מיינען, אַז ברויט ליגט ביים טאַטן אין שאַנק, האָבן זיך דאָ אין לאַנגן הויף דערשפּירט אָפּגעשניטן פונעם שטעטלדיקן פעלד, פון די באַך. ס׳האָט אויסגעזען ניי און פרעמד, אַזאַ רויט הויך הויז און לאַנג, לאַנג און פאַרשטעלט. האָט מען געקוקט, אַביסל זיך געשראָקן, געשטאַנען אויסגעסדרט איינס לעבן אַנדערן, ווי קורטשאַקעס גרייט אַ פּיק צו טאָן. ביז מען האָט זיך מיט אַמאָל אַנגענומען מיט כח, געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט חברים פון הויף און עס איז אַ שפּילעריי, אַ קונדעסעריי מיט קולות פון וועלכע עס האָבן זיך געטראָגן דער עכאָ פון די פּאַטשנער פעלדער און וואָס זיינען אַזוי ניט ענלעך געווען צו דער סטאַטעטשנעקייט פון גרויס־שטעטישע קינדער.

האָבן זיך פון די פענצטער פון די ערשטע און צווייטע שטאָקן באַוויזן די אַרויסגעשטעקטע קעפּ פון פאַרשלאָפענע מאַדאַמען, וואָס האָבן בייז און פאַרוואונדערט זיך אַרומגעקוקט, וואָס דער ווירט האָט זיי דאָ אָפּגעטאָן, אַהערגעבראַכט „באַלוטער" און דאָ און דאָרט האָט אַ פּאַטש געטאָן אַן ענטבלויזטע, ווייסע פרויען־האַנט דראָענדיק די קינדער: „טשיכאָ באַלוטשאַזשי"! נאָר זיי, די קינדער, ניט פאַרשטייענדיק וואָס יידישע ווייבער שרייען צו זיי דורך די פענצטער, האָבן ווי פאַרחוצפּטע גמרא־יינגלעך אָפּגעענטפערט מיט אַ הויך געלעכטער. זיינען די מאַדאַמען, די אויפגעקומענע

סוחרישע ווייבער, חסידישע טעכטער, וואָס ווערן רויט פון כעס ווען מען רעדט צו זיי יידיש, וואָס דאָס איז אַ באַוויז, אַז מען האַלט זיי נאָך ניט פאַר קיין גאַנצע מאַדאַמען, אַוועק פון די פענצטער און האָבן געשריגן צו די מאַנען, אַז די מינוט, שוין ציען זיי זיך פון דאַנען אַרויס. זיי וועלן ניט וואוינען צוזאַמען מיט באַלוטער. און ווען יחזקאל איז נאָך מיטאָג אַהיים געקומען פון גאַס, וואו ער האָט גע־זוכט פרנסה און האָט דערהערט די קולות פון זיינע יונגען, זיינען זיי אים עפּעס אויסגעקומען פרעמד, ווי איז מען עס דאָ אַזוי דרייסט אַזוי הויך צו שרייען?

ער, יחזקאל, האָט זיך געדרייט אַ גאַנצן טאָג אין גאַס, גע־פּרואווט צו גיין צו איינעם, צו אַן אַנדער ייד פון זיינס גלייכן, יידן מיט פיר־קאַנטיקע היטלעך, מיט באָרד און פאות. האָבן אים די יידן אָנגעקוקט תמעוואַטע און מיט בפירושן ביטול און זיי האָבן גיך אַוועקגעאיילט. איז ער אַזוי געגאַנגען יחזקאל פון איין טויער אין אַנדערן אויף דער סוחריש־באַלעבטער גאַס. און וואָס מער ער איז געגאַנגען אַלץ מער שטילער איז ער געוואָרן. עס האָט אויסגע־זען, אַז מען טאָר דאָ ניט און מען קאָן דאָ ניט העכער רעדן, נאָר לויפן, איילן, איילן, ווי די אַלע דאָ, ווי די ראָל וועגן, דראָש־קעס, אויטאָס און וואוהין? וואוהין? וואוהין צו איילן האָט יחזקאל ניט געהאַט און ער האָט זיך שוין אין ערשטן טאָג פאַרלוירן אין טומל פון דער גרויסער שטאָט, ווי אַ אַרויסגעוואָרפענע פלעווע אויפן ווינט.

(דער סוף פעלט)

הונגער

חיים בענדער איז אויפגעשטאַנען אין דער שפּעטער פרי־מאָרגן־שעה און זיין ערשטער בליק איז געפאַלן אויפן גרויסן שטיק הימל, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן ווי אַ קאָשמאַר און אָנגעפילט זיין פיר איילנדיק שטיבל. ער האָט אַ זיפץ געטאָן. ווידער דער נודנער דראָבנער רעגן וואָס גייט שלעפנדיק און אין פאַרשלאָפענער פאַמע־לעכקייט: טיף — טיף — טיף — — —

פון דער גאַס האָט זיך דערטראָגן אַ געדעמפטער רעש פון די טראַמווייען און אויטאָס, וואָס איז היינט געווען איינגעהאַלטענער און ניט אַזוי נערוועז ווי תמיד. עס האָט זיך געדוכטן, אַז די טראַמ-ווייען קלינגען פויל, שלאַבסיק. די קאָנדוקטאָרן און מאָטאָר-פירער האָט מען מיט אַ טאָג פריער געריסן די לוינען. קריזיס — האָבן די טראַמוויי-דירעקטאָרן דערקלערט. מיר אַרבעטן מיט אַ דעפיציט...

חיים בענדער האָט זיך אַ מידער אַוועקגעזעצט ביים טיש און גענומען לייענען דעם אומפּאַרענדיקטן טייל ראָמאַן פונעם לעבן פון די קוילן-גרעבער, אָבער די אותיות זיינען געשפרונגען פאַר די אויגן און דער קאָפּ האָט שווער באַנומען דעם אינהאַלט: בילדער טונקעלע, שוואַרצע ווי קוילן האָבן אויפגעלעבט אין זיין געמיט; בילדער פונעם שווערן, האַרטן און אחריות-פולן לעבן פון די קוילן-גרעבער, פון וועלכע עס האָט געאָטעמט מיט גרויל, מיט אייביקע סכנות און גרויזאַמען טויט, און אַ כעס האָט אים אַרומגענומען: אַט זיינען זיי די מאַרטירער פון אונדזער צייט — די הייצער און וואַ-רעמקייט-באַזאָרגער פון אונדזערע שטובן, פון אונדזערע וואַר-שטאַטן, וואָס אליין ווערן זיי געפּרווירן און געשוואָלן פון הונגער און קעלט. ברררר! ווי מוראדיק!

חיים בענדער האָט בייז אַוועקגעשליידערט דאָס בוך און איז אַרויס אין גאַס. קיין פּרוטה אין טאַש איז ניט געווען. ווידער האָט ער גענומען דרייען זיך אין פריען רעגנדיקן האַרבסט-טאָג אויפן טראָטואַר פון דער הויפּט-גאַס און אַריינגעקוקט אין פּנים יעדן פאַר-בייגייער, אפשר וועט ער פּאַקן אַ באַקאַנטן ביי וועמען צו נעמען אַ פּאָר גראָשן. אויף אַ מאָלצייט.

שוין צוויי יאָר, וואָך נאָך וואָך אָן אַרבעט.

צוויי יאָר נאָך אַנאַנד, טאָג פאַר טאָג פלעגט חיים בענדער לייען מיט גרויס מי אַ פּאָר גראָשן אויף אַ בידנעם מאָלצייט אין דער יידישער אַרבעטער-קיך. איצט האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזן. ניטאָ מער קיין באַקאַנטע ביי וועמען צו לייען. אַלע זיינע חברים, אַרבעטער פון קליינע פאַבריקלעך, אָנגעשטעלטע אין די קראָמען אויף דער יידישער האַנדלס-גאַס זיינען אָן אַרבעט. טייל סוחרים האָט דער קריזיס געצוואונגען צו ליקווידירן זייערע געשעפטן, אַנדערע אַר-בעטן בלויז מיט ווייב און קינדער, אָדער באַנוגענען זיך מיט האַלב-קוואַליפיצירטע אַרבעטער, וואָס אַרבעטן פאַר האַלבע לוינען —

טפוי, פאַרשאָלטענע ווערטער, ווערטער ווי פאַרגליווערט בליי, וואָס פרעסט דעם קאָפּ מיט זייער מעטאַלענער שווערקייט.

חיים בענדער האָט פאַרטראַכטערהייט צוגעשפּאַנט צו אַ שויפענצטער פון אַ דעליקאַטעסן־געשעפט און זיך איינגעקוקט אין די שיינע דרום־פּרוכטן, וואָס זיינען געווען אויסגעלייגט צום פאַרקויף פאַר די רייכע קונים. ער האָט געקוקט אויף די פעטע שווייצער־קעזן, לאַקסן, וואורשטן, אויף די צירלעכע קרוינען פון די אַנאַנאַסן, וואָס האָבן דערמאָנט אין פריילעכע פורימס און יידישע נגידישע הייזער. די סלינע איז ביי אים גערונען פון מויל, וואָס האָט זיך געקרימט אין וויטאָגלעכע גרימאַסן: ברויט, אַ ביסן ברויט...

ער האָט ניט געפילט ווי די פיס טראָגן אים גלייך אין געשעפט אַריין, ער האָט ניט געזען דעם בייזן בליק פון דער דאַמע ביי וועלכער ער האָט אין זיין פאַרחושטקייט אָנגעטראָטן אויפן פוס שטופנדיק זיך, ווי אַ וואַנזיניקער דורך דער שמאָלער גלעזערנער איינגאַנגס־טיר גלייך צום פאַרקויפער־טיש, ער איז געגאַנגען, ווי אַ לונאַטיקער מיט פאַרמאַכטע אויגן און אויסגעשטרעקטע הענט צו נעמען...

— „וואָס פאַרלאַנגט דער הער?" — האָט ער דוכט זיך ווי אין חלום דערהערט די שטרענגע שטים פונעם געשעפטס־אייגנטימער, וועלכער האָט אים אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פוס מיט אַ בייזן צאָרנדיקן בליק, וואָס האָט מער גערעדט ווי ווערטער: „וואָס טוט דאָ דער שלעפּער?" אָבער חיים בענדער האָט ניט געענטפערט, נאָר אָנגעוויזן מיט דער אויסגעשטרעקטער האַנט אויפן וואורשט, פעטן, יידישן סאַלאַמי־וואורשט, וואָס האָט גערייצט זיין גומען און אויפגעוועקט אין אים דעם אַפּעטיט, ווי ביי אַ הונגעריקער חיה.

דער געשעפטס־אייגנטימער איז צומישט געוואָרן: ער האָט אַ ווײַלע געקלערט: יאָ געבן, צי ניט געבן? אָבער באַלד האָט ער זיך געכאַפּט מיט וועמען ער האָט צו טאָן און ער האָט אַ געשריי געטאָן: — „אַרויס, שלעפּער, דאָ איז ניט קיין אָרט פאַר שנאָרער. מאַרש!"

חיים בענדער האָט עס ניט געהערט. מיט אַ קראַמפּהאַפטער באַוועגונג האָט ער אַ הויב געטאָן דעם גלעזערנעם צודעק פון טיש און פעסט איינגעקלאַמערט אין דער האַנט אַ שטיק וואורשט, אָבער איידער ער האָט באַוויזן דערלאַנגען דעם וואורשט צום מויל, האָט

ער דערפילט אַ פעסטע האַנט אויף זיין קאַרק און גלייכצייטיק דער־הערט אַ מוראדיק געשריי: — „פּאָליציי! אַ גנב! אַ גנב! כאַפּט אַ גנב!..״

חיים בענדער האָט זיך אַרומגעקוקט מיט ברייט אויפגעריסענע אויגן. זיין געזיכט איז געוואָרן ווייס ווי קרייד. הם, דאָס איז עס. אָט צו וואָס ער איז דערגאַנגען. אַ גנב גאָר! — און פּלוצלונג האָט ער זיך אָנגעצונדן. אַ שווייסיקע רויטקייט האָט באַדעקט זיין שטערן ער האָט גענומען ווערן זיך:

— „אויב אַזוי, טאָ שטעלט ניט אין די שויפענצטער קיין אַנאַנאַסן. ברויט, ברויט לייגט אויס אין די פענצטער, ברויט, גיט ברויט די אַרבעטסלאָזע...״

חיים בענדער האָט קוים באַוויזן צו פאַרענדיקן די לעצטע ווערטער און פאַר אים האָט זיך באַוויזן אַ פּאָליציאַנט — — —

⁂

ביינאַכט אויפן האַרטן געלעגער אין פּאָליציי־אַרעסט האָבן זיך חיים בענדערן געחלומט גרויסע, גרויסע לאַבנס ברויט, מיט קרוינען פון אַנאַנאַסן, מיט פעטע יידישע וואורשטן און פאַרוויסטע קוילן־גרעבער, וואָס שפּאַצירן געאָרעמט מיט רייך געקליידעטע און שיינע פרויען אויף דער הויפּט־גאַס פון דער רוישיקער אינדוסטריע־שטאָט. — — —

דער כעס פון אַ גוטן יידן

(ר׳ מענדעלע פון רימינאָוו האָט געוואָלט מזכה זיין די דאָרפס־לייט מיט יידישקייט און האָט זיי צוגענומען די פרנסה... איז אין הימל געוואָרן אַ גערודער. כביכול האָט געטענהט: רימינאָווער נאַר, איך קאָן אויסשטיין דעם היזק און דו ניט?...)

(נאָכדערציילט איש מפּי איש פון אַלטע חסידימס מיילער)

ר׳ מענדעלע פון רימינאָוו איז געווען אַ שטיקל קנא ונוקם. ער האָט פיינט געהאַט חכמהנען זיך מיטן רבונו של עולם, אַרויסדרייען זיך מיט הינטער וועגלעך, זוכן זיך אַ היתר — דאָס האָט ער ניט געקאָנט סובל זיין.

חסידים האָבן זיך געוואונדערט: היתכן? דער עיקר איז דאָך כונה און פון בעש"ט הקדוש האָט מען בקבלה „ושמרתם את מצוותי", מיינט נאָר בכל לבבך. דאָס איז דער יסוד... הייגט ווי קומט דאָס גאָר צו ר' מענדעלע אַזאַ קנאות? ר' מענדעלע אָבער האָט געטענהט „הוה זהיר במצוה קלה כבחמורה" און ער האָט זיך געהאַלטן פעסט ביי ס'זיינע.

אַ שיטה געוועזן אַזוינע. אַ מין זיווג צווישן חסידות און מתנגדיש־קייט...

און צו וועמען מיינט איר האָט זיך ר' מענדעלע דער עיקר געטשעפּעט? צו די דאָרפסלייט. אַלערליי אָרענדאַרן, ישובניקעס, פאַרגרעבטע לייט.

געקומען צו אים אַ ישובניק, גיט ער אים ס'קאַלטע און ס'וואַ־רעמע. „ווי לאַנג נאָך וועסטו קלעפּן אין דאָרף, מגדל זיין עמי־הארצים, ניט דאַווגען מיט קיין מנין? ניט גיין אין מרחץ. אוי, אוי, וואָס וועט דיין סוף זיין?

„אָט זעסטו לעבן אין שטאָט קיין עין־הרע אַזויפל יידן און אַלע זיינען זיך מפרנס בלויז פאַר דיר קלעקט ניט דעם רבונו של עולם קיין מזונות?"

דערהערט דער ישובניק אַזוינע דברים דערגייט עס אים צום האַרץ. ווערט ער שפּלדיק ביי זיך. פאָרט ער אַהיים, כאַפּט ס'ביסל בעבעכעס און — היידאַ אין שטאָט אַריין. דער רבי ר' מענדעלע האָט דאָך געהייסן!

אַזוי טוט ער מיט איינעם, מיט אַן אַנדערן, אַ דריטן, אַ פערטן — ס'ביסל יידן אין די דערפער ווערן וואָס אַמאָל אַלץ ווייניקער. ס'בלייבן אָבער פאָרט איבער אַ גרויסער טייל עקשנים וואָס האָבן ליב דעם פּריצס ברויט, איז ר' מענדעלע דערפון מלא חימה און בשעת כעסו פועלט ער אויס אין דער פמליה של מעלה, די פאַר־עקשנטע דאָרפסלייט זאָלן מבוזה ווערן אין די פריצימס אויגן...

מילא, ווערט פלוצלינג אַ געלויף פון די דערפער. מיט פערד און מיט אייזעלעך, צופוס און אויף וועגן — ס'בלייבט קיין זכר ניט פון זיי. הידושט מען זיך אין די שטעטלעך: וואָס יעקל, וואָס האַצמאַך, טודרוס, וואָס ווילט עטץ מיט אַמאָל ווערן סוחרים צו וואָס?

ווייזט זיך אַרויס להד"ם. זיי ווילן יאָ בלייבן אין די דערפער.

נאָר וואָס דען, די פּריצים, ימ״ש, האָבן פּלוצעם אויף זיי אַן אום־חן געוואָרפן...

ווערט עס דאָך קשהדיק, וואָס זאָל דאָס עפּעס זיין? רעדט מען. מען חוקרט, מ׳זוכט טעמים, ביז, ביז מ׳שטויסט זיך אָן. דעם אַלטן, ז״לס, מלאכה. אַ קפדן דער אַלטער. ס׳איז דאָך יודע...

ווערן זיי נעבעך צעמישט די תמעוואַטע דאָרפסלייט. וואָס זאָלן זיי טאָן אין שטאָט. ניט זיי קענען די מנהגים, ניט זיי ווייסן זיך ווי צו פירן. עס ווערט זיי נמאס ומאוס ס׳לעבן. היינט מיט פרנסה, אוי, פרעגט שוין גאָרניט. קענען אַזוינע לייט האַנדלען מיט אַ פּויער אויפן טאָג?

אַ ייד אַ חסיד, אַז ער גיט אַ גיי אַרויס אויפן טאָרג, מיטן שטעקעלע אין דער האַנט, גיט אַ טאַפּ אויף דעם וואָגן, אויף יענעם וואָגן, קייט בעת מעשה אַ שטרוי, ס׳היטל אַרויפגערוקט מעשה גאון. דערזעט דער פּויער אַזאַ איינעם ווערט ער ביי זיך בטל. אַ גמרא־קאָפּ, שיט ער מיט ווערטלעך, מאַכט מיטן פינגער. ס׳הייסט נאַדיר, פּויער כאַם, דאַ האָסטו אַ קל־וחומר, אַ גזירה שוה און אפילו אַ... זה התרנגול ילך למיתה... אַז דו מעגסט פאַרקויפן אַ טשווערטקע ווייץ פאַר צוויי גילדן, אָבער אַזאַ האָצמאַך וואָס קאָן ער דאָ? סיידן מעלקן אַ קו. ניט איבערדברן אַ פּויער...

איז טאַקע געהאַקטע צרות.

היינט, רופט מען אַזאַ איינעם אויף צום ספר... נאַ, ווערט דאָס רויט און טויט, ער ווייסט ניט צי מאַכן שהחינו צי גאָר להניח תפילין... פּסח צום סדר שטעלן זיך לצים אונטערן פענצטער און מ׳זעט ווי יעקל אַרענדאַר שטעלט זיך אַרויף די קערה מיט רויע אייער אויפן קאָפּ... דאָס ווייב טוט אַ זעץ...די אייער רינען איבער דער באָרד... עפּעס אַ ליץ האָט אים געלערנט דער סדר אָפּרכטן. ווערט אין דרויסן חוכא ומלולא. יעקל שפּרינגט אויף, וויל דורסן. אָבער קיין ילוד איש זעט מען מער ניט.

הקיצור, ס׳איז זיי ניט מקנא צו זיין.

וואָס טוט מען? לויפן זיי צו גוטע יידן. צו דעם רבי, צו יענעם, ס׳העלפט ניט.

דאָ מישן זיך שוין חסידים אַריין. מ׳זאָגט די אַרענדאַרן: איר זאָלט ווויסן, דאָס איז דעם אַלטנס, ז״ל, מלאכה. ניט בחינם האָט מען אייך

פון די דערפֿער פאַרטריבן. לכן, איז אונדזער עצה: פאָרט צום ראָפּ־שיצער, זאָל ער זיך פאַר אייך משתדל זיין ביי ר׳ מענדעלען.

און כך הוה.

דער צדיק פון ראָפּשיץ איז, כידוע, געווען אַ חכם עולם. אַן אויפטוער, אַ ווערטל־זאָגער, אַ קונדאַס, אַ שטייגער ווי זיין חבר דער ר׳ בינום, ז״ל, פון פשיסכאַ. יאָ, און דער עיקר אַ מזג טוב געווען. אַ לאַכעדיק פּנים, אַ מעורב עם הבריות.

דערהערט דער ראָפּשיצער אין וואָס עס גייט. שמייכלט ער:

— „פאָרט אהיים יידן. השי״ת וועט העלפן".

קריגן די דאָרפסלייט הבטחה, הייבן זיי ערשט אויפסניי אָן צו לויפן קיין ראָפּשיץ, שמייכלט ער ווידער, אָבער מען מוז דאָך עפּעס טאָן. כאַפּט ער זיך אויף אין א קאַלטן ווינטער־טאָג און לויפט אַריבער קיין רימינאָוו.

אַ שווערער שליט־וועג געווען. און באַלד קריגט מען דאָס אַ ווע־געלע. פּאַרצייטנס, קיין באַנען זיינען ניט געווען, קיין שאָסייען, קיין גוטע בריטשקעס. ווערט מען פאַרשוואַרצט.

אָנגעקומען קיין רימינאָוו, איז ר׳ נפתלי ראָפּשיצער גלייך אַוועק צום אַלטן, ז״ל, אין זיין חדר מיוחד. אַ תלמיד מובהק געווען אין רי־מינאָוו און זייער געליבט, אַ מין בן־יחיד. גייט ער ניט שלום נעמען, נאָר גלייך אַריין אין רבנס חדר, טוט זיך אוים די בגדים און פּאַקט זיך אין בעט אַריין...

ר׳ מענדעלע קומט אַהיים פון בית־המדרש. זעט ער אַ ייד ליגט אין זיין בעט. גייט ער צו, גיט אַ קוק — נפתלי!

— ראָפּשיצער רב, וואָס איז דיר? — פרעגט ר׳ מענדעלע.

— די ביינער טוען וויי, די פיס ווי אָפּגעשטאָרבן. ניט גוט, רבי, — זאָגט דער ראָפּשיצער.

מילא, הייסט ר׳ מענדעלע אים דערלאַנגען אַ גלאָז טיי, מ׳נעמט ווייטער שמועסן. זאָגט דער ראָפּשיצער: דער רבי וואונדערט זיך — איך בין קראַנק, ווי אַזוי זאָל מען ניט קראַנק ווערן? אַ פראָסט אַ קרירה — מען פאָרט מיילן ווייט. אָפּרוען זיך איז ניטאָ וואו. פריער פלעגט מען אַריינגיין צו אַ יידן, אַ קרעטשמער כאַפּן אַ גלאָז טיי. אַ ביסל אָקאָוויט, אויסטרוקענען זיך די אָניצעס ,פאַרן קאַכל־אויוון. אָבער איצט, אַז קיין ייד זעט מען ניט אין דאָרף אויף אַ רפואה?...

לאָזט דער אַלטער, ז״ל, אַראָפּ דעם קאָפּ. טרערן רינען אים אי־

בער זיינע גרויע ברעמען אַריבער און ער האָט גרוים שברת הלב...

געמיינט מזכה צו זיין את הרבים און צום סוף — איז ער גאָר אַ מסייע צו יידישע אָרעמקייט... האָסטו ניט גוט געטאָן מענדל. אַז מען הייסט אַנטלויפן פון די דערפער מוז מען קאָנען געבן פרנסה — קאָנסטו ניט איז א סימן, האָסט אַ טעות געהאַט...

אַזוי רעדט דער אַלטער, ז"ל, צו זיך. קלאַפּט זיך על חטא.

זעט דער ראָפּשיצער ווי ס'האַלט .. זאָגט ער: — „ס'איז דאָ אַן עצה, רבי... רחמנא ליבא בעי... און יידישע פרנסה איז אויך אַ גרויסע מדרגה...

און דער ראָפּשיצער גיט אַ שפּרונג אַרויס פון בעט. אויס קראַנק, די פיס טוען ניט וויי און ער טוט אַ געשריי לעבעדיק, פול מיט בטחון: — „רבי, לא אלמן ישראל. איר זענט מנהג — זייט גוזר די גזרה זאָל בטל ווערן..."

ר' מענדעלע האָט דעם ראָפּשיצער אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ: — „ביסט אַ אוהב־ישראל, ראָפּשיצער רב..."

ס'האָט ניט לאַנג געדויערט. זיינען די פריצים געקומען צו לויפן אין יידישע שטעטלעך און האָבן זיך געבעטן רחמים ביי די קרעטש־מער און אַרענדאַרן, זיי זאָלן צוריק אין דאָרף אַריין... זיי קאָנען מיט זייערע גויישע אַרענדאַרן ניט אויסקומען, בהמות, קאַליקעס, שכורים...

וואָס איז ס'געאייל?

(נאָכדערציילט איש מפּי איש פון אַלטע חסידימס מיילער)

אַז די נייעס האָט דערגרייכט אין יידישע שטעטלעך וועגן די באַנען וואָס זיינען אויפגעקומען אויף דער וועלט, זיינען דאָרטן אָוועקגעגאַנגען הייסע מחלקות. בעת מנחה און מעריב, האָבן חסידים פאַרזאַמלטע אין די שטיבלעך פשוט מרעיש עולם געווען: „היתכן? עפּעס אַזאַ חידוש? ווייסט, ס'איז דאָך עפּעס ניט דערהערט געוואָרן זינט די וועלט שטייט, מ'זאָל ניט דאַרפן פאָרן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער מיט בוידן צי מיט אַ וואָגן, נאָר מיט עפּעס אַזאַ מאַ־שין, וואָס פליט אַז ניט צו דערזען זי מיטן אויג און מניה וביה,

קאָנסטו זיין אַזש אין פּייטערסבאָרג, הפלא ופלא! אַנדערע ווידער, ווי למשל, ר׳ זכריה שוחט, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן אַ בן־תשעים און האָט נאָך געדענקט די שאַרפע, שטאַרקע רייד פון ר׳ ברוך מעזשיביזשצער, אָט דער ר׳ זכריה האָט סתם חוזק געמאַכט. — „זעט שוין, זעטס״ — פלעגט ער זאָגן — „זייערע גוישע אויפ־טועכצן. אין חדש תחת השמש. שלמה המלך האָט אפילו שיחת־חיות ועופות אויך געקענט און וואָס? לסוף האָט ער געזאָגט: הכל הבל — אַלץ איז הבל, דער עיקר איז צו האָבן אמונה אין השם יתברך״.

אַנדערש אָבער, גאָר אַנדערש האָט געטראַכט וועגן דעם ענין ר׳ דן יערוועניצער, אַ ייד אַ תלמיד־חכם, וואָס האָט געהאַט אַ מנהג צו גיין מימים ימימה צו פוס נאָך קאָצק. אָט־אָ־דער ר׳ דן — דער הויכער געזונטער ישובניק מיט דער גרוילעכער ברייטער באָרד, וואָס האָט אָפּגעלעבט אַ האַלב מענטשלעך לעבן אין די דערפער און האָט אַלס וואַלד־שרייבער געהאַט מחזקותן מיט אַלערליי פּריצים און פּריצעמלעך, ער — ר׳ דן האָט שוין אפילו געוואוסט, אַז ס׳זיינען פאַראַן זאַכן אויף דער וועלט, וועגן וועלכע מ׳האָט פריער ניט גע־וואוסט. אָט, למשל, די פּויערים. דער סדר־עולם איז געווען, אַז דער פּויער מיטן ווייב, מיט די קינדער, מיט הכל באשר לכל האָבן אָנ־געהערט דעם פּריץ. און היינט: פּויער — אַ בל־הבית פאַר זיך. נו וואָלט דאָס עמעץ מיט צען יאָר צוריק געקאָנט גלויבן, אַז מ׳קען גאָר אַ זעלכעס געמאָלט זיין? אלא וואָס דען, ניט דערין איז עס אים געגאַנגען, ר׳ דנען. פּשוט די זאַך גופא האָט אים עפּעס ניט געפעלן. „וואָרעם, משלט אייך״, — פלעגט ער דעם רעדל צוהערער געבן צו פאַרשטיין — „ס׳אַרא טעם האָט עס אַזאַ נסיעה נאָך קאָצק מיט דער באַן? ״ און דערביי האָט זיך אויף זיין פּנים געמאָלט אַ גוואַלדיקער צער, וואָס אָט אַזאַ יופי שבי יין וועט מיט דער צייט ווערן אוועקגע־נומען און אַלץ צוליב אָט דער מאַשין.

איצט אַ שטייגער, אַז דו גייסט דיר אַזוי צו פוס צום מנהיג הדור און דו קוקסט זיך אַזוי איין אין די דרימלענדיקע פעלדער און אויסגעשפּרייטע הימלען איבער דיין קאָפּ, קומט דיר ממילא אין האַרצן אַ הרהור־תשובה. — „וואָרעם וואָס, — זאָגט ר׳ דן, — וואָס איז עס אַזאַ מין מענטשל ווי איך, אַזאַ חרס הנשבר, חשוב אין אָט־אָ־דער גרויסער פלאַימדיקער וועלט? און אַז דו גייסט דיר אַזוי ווייטער

און טוסט דיך רייניקן ס'האַרץ פאַרן אב־הרחמים, קומסטו דערנאָך אָן צום צדיק גרייט מקבל צו זיין זיין השפעה און דו שפירסט טאַקע, אַז דו האָסט אָנגעטאָן אַ כוח, ביזט געגאַנגען מבטל מאַכן דעם קטרוג פון דיין אייגענעם יצר. אָבער אַז דו פאַרסט מיט דער באַן, פליט אַלץ, זען זעסטו גאָרניט, ווארום ס'איז ניטאָ קיין זמן עפּעס צו זען. אַלץ פליט און אין איינעם פליט אויך מיט אַרויס דער הרהור התשובה".

„צי אָט אַ שטייגער אַזאַ מין גאַנג" — ווערט ר' דנס התלהבות גרעסער, — „ביינאַכט, גייסט איינער אליין אין וואַלד, אַ געדיכטער חושך איבער דער וועלט, וואו ניט וואו פינקלט אַ ווייטער, איינזאַמער שטערן. די אימה איז גרויס, חיות רעות זאָלן דיך חלילה ניט פאַרצוקן, גזלנים זאָלן דיך ניט באַפאַלן. און דאָ קומט דער אמתער הרהור־תשובה, באַהיט מיך, כביכול, פון אַלערליי מיתות משונות, כדי איך זאָל זוכה זיין צו דינען בלב שלום. און זאָגסט זיך אליין: „מיר האָבן דאָך עפּעס בקבלה, אַ „שליח מצוה ווערט ניט געניזוקט", — און גיין צום צדיק הדור צו קריגן התעלות איז דאָך אַודאי אַ מצוה. ווערסטו ביי זיך תקיפדיקער און — פּלוצלונג, הערסטו זיך איין: עפּעס ווי אַ געזאַנג וואָלט זיך געטראָגן אין וואַלד. ס'פרייט דיך און ס'שרעקט דיך, ווער קען דאָס איצט זינגען ביי נאַכט אין וואַלד יידישע ניגונים און מיט אַזאַ דבקות און ברען? „הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל", איז דאָס געזאַנג שוין גאָר נאָענט, און דו טוסט דיר אָן אַ כח און פרעגסט: ווער גייט?"

— „איך, ר' בעריש קוואַלער", — קומט אַ תשובה.

— „איי, איי ר' בעריש?"

— „וואוהין גייט דאָס אַ ייד אַזוי שפּעט?"

— „נאָך קאָצק, ר' דן, נאָך קאָצק!"

„היינט ערשט ס'אַראַ תענוג ס'איז דאָס צוזאַמענזיין אין דער אכסניה מיט יידן חסידים וואָס קומען פון אַלע עקן מדינה, די בשותפותדיקע מאָלצייטן מיטן ביסל משקה און דאָס תורה זאָגן, וואָס די „זקנים שבחברותא" זאָגן נאָך מפּי הקדוש. איי, איי, איי! און ווער שמועסט נאָך, אַז ס'כאַפּט דיר ניט קיין צייט אָנצוציען אויף שבת נאָך קאָצק און דו קומסט אָן קורץ פאַר קבלת שבת צו אַ ייד אַ ישובניק, און טרעפסט זיך דאָרטן מיט נאָך אַזעלכע פאַרשפּעטיקטע יונגעלייטלעך און זקנים, — איז דאָך דאָס התרוממות ממש אין

לשער! מ'גיט זיך אַ לאָז אָן אָטעם צום טייך אויף טבילה בשעת די זון רויטלט זיך אין קדושה לקראת מלכתא דשבתא, און די ערד און דאָס געפליגל און די בהמות, וואָס אויף איר, ווערן הכנעדיק שטיל אויפנעמענדיק בחוש דאָס ציטערן און דאָס הייליקן זיך פון די דרי מעלה, און דער נאָך דאָס מתיקות פון קבלת שבת אין שטילן דאָרף וואו דאָס פרישע היי שמעקט פון די פעלדער מיט אַזאַ אויסטערלישן ריח".

„נו זאָגט זשע איר אַליין, קען זיין עפּעס שענערס? טפּשים, אַ באַן אויסגעקלערט! צו וואָס זשע טויג עס די באַן, צו וואָס?" בשום אופן האָט ר' דן ניט געקאָנט מושוה ווערן מיטן געדאַנק, אַז אַזוי, סתם אָן קעגנשטעלן זיך און אָן קווענקלענישן זאָל טאַקע דער עולם נעמען פאָרן נאָך קאָצק דווקא מיט דער באַן.

און אַז ס'איז דורכגעגאַנגען אַ שטיקל צייט און די ידיעה איז אָנגעקומען אין שטעטל וועגן דעם, אַז די באַן זאָל שוין אָנקומען אין אונדזערע מקומות, האָט ר' דנס צער זיך אַזוי פאַרמערט, אַז ער פלעגט כסדר ארומגיין אין עצבות. וואָלט ער כאָטש געוואוסט, וואָס עס זאָגט וועגן דעם דער רבי. ער, דער קאָצקער זקן, וואָס איז שוין יאָרן לאַנג אַ פרוש מן העולם, ער מוז דאָך אַודאי האָבן זיין דעה איבער דעם? איז אָבער אויף להכעים, האָבן די אַלע וואָס זיינען אָנגעקומען פון קאָצק נאָר געהאַלטן אין איין דערציילן: — „די באַן, די באַן — חידושים".

— „און וואָס זאָגט דער רבי, דער רבי וואָס זאָגט?" — פרעגט אומגעדולדיק ר' דן.

— „דער רבי? מ'ווייסט ניט. מ'דערציילט, אַז ר' זונדל לע־לעוועך, איינער פון די נאָענטסטע מקורבים זיינע, האָט געפּרואווט דערציילן דעם רבין וועגן נייעס, האָט ער נאָר טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ און מער גאָרניט, און מען ווייסט דעריבער עד היום ניט זיין דעה, און דערווייל פאָרן חסידים נאָך קאָצק וואָס ווייטער אַלץ מער טאַקע מיט דער באַן, און גאָרניט. די וועלט שווייגט".

און אַז ר' דן האָט שוין מער ניט געהאַט קיין געדולד צו וואַרטן, איז ער געקומען צו אַ ישוב, אַז מ'דאַרף אַליין אַריבערגיין נאָך קאָצק. ער וועט שוין געוואויר ווערן. ער מוז דעם רבין פרעגן: — „וואָס זאָגט ער דערויף?" ממה נפשך, אויב ס'איז אַ גזירה מן השמים, איז פאַרפאַלן, מוז מען זיך אונטערגעבן.

און אַז דער עולם האָט איין מאָל נאָך שחרית אַרומגעקוקט און דערזען, אַז ר׳ דן פעלט צווישן די מתפללים, האָט מען שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער, ר׳ דן מסתמא „עולה רגל״ געווען נאָך קאָצק.

און ווי פשוט ס׳האָט ניט געזאָלט אויסזען אין אַלעמענס אויגן ר׳ דנס נסיעה האָט מען אָבער דאָס מאָל געוואוסט, אַז עס האָט אים ניט געלאָזט רוען, דעם אַלטן ר׳ דנען, אַז דאָס איז ער עס געלאָפן געוואויר ווערן מפי הקדוש זיין דעה וועגן דער באַן. עס איז שוין דעריבער קיין חידוש ניט, אַז אַ לאַנגע צייט האָט מען זיך געקאָכט און געאַמפּערט, צי ר׳ דן וועט שוין ברענגען אַ תשובה אָדער ניט? און ווי נאָך קיין מאָל ביז איצט האָט דעם עולם גענומען אַרן די קשיא, — „טאַקע, טאַקע, וואָס זאָגן דערויף די גדולי הדור?״ ס׳איז עפּעס אַלעמען פּלוצלונג אויסגעקומען משונהדיק-אַפּיקורסיש אָט דער גאַנצער אויפטו מיט דער באַן, און מ׳האָט זיך נאָר געחידושט, ווי אַזוי האָט מען עס ביז אַהער ניט באַמערקט ר׳ דנס גערעכטן צאָרן, און ס׳האָבן זיך פּלוצלונג געפונען אפילו אַזעלכע, וואָס האָבן אויפגעוויזן, אַז אפילו על פּי דין וואָלט מען די באַן געדאַרפט אסרן. — „וואָרעם, משלט אייך״ — האָבן די מחמירים געטענהט — „אַז איינער גייט אין וועג צופוס צי ער פאָרט מיט אַ פור און ס׳פאַלט צו דער שבת, נעמט ער זיך רוען באותו המקום וואו דער שבת טרעפט אים אָן. אָבער מיט דער באַן אַז מ׳פאָרט, וועט זיך דאָך די באַן ניט אָפּשטעלן, איז דאָך דערפון געדרונגען אַ בפירושער חלול שבת״.

מיט אַ געוואַלטיקער געשפּאַנטקייט האָט מען דעריבער אָפּגעוואַרט ר׳ דנס אָנקומען, און ער ר׳ דן האָט טאַקע ניט פאַרזוימט. גאָרניט ווי זיין שטייגער, האָט ער זיך דאָס מאָל געאיילט נאָך קאָצק אין ערגעץ זיך לאַנג ניט אויפגעהאַלטן, און קוים האָט ער באַוויזן אָנצוקומען אין שטאָט אַריין, איז ס׳ערשטע געווען גיין „שלום נעמען״.

ס׳האָט ניט געהאָלפן דעם משמשעס טענה, אַז דער רבי נעמט קיינעם ניט אָן שוין אַ לענגערע צייט, — ר׳ דן האָט ס׳זייניקע געקאָנט אויספירן, וואָרעם דער דרך ארץ צו אים אין קאָצק האָט אַלעמען די מיילער פאַרמאַכט, און ר׳ דן האָט זיך טאַקע דערשלאָגן אויף שלום באַלד נאָך זיין אָנקומען.

שווער איז דעם אַלטן קאַצקער אָנגעקומען צו ענטפערן אַ וואָרט. ס׳האָט עפּעס אַזוי ניט געלוינט דאָס גאַנצע מין רעדן! — נאָר אַז ר׳ דן האָט ממש אַ געבראָכענער דערציילט וועגן דער נייעם מיט דער באַן, ס׳אַראַ חידוש די מאַשין איז, ווי זי לויפט און פליט, און חסידים אַפילו פאָרן צום רבין אויך שוין אויף דער באַן, האָט ער, דער אַלטער קאַצקער נאָר אויפגעהויבן זיינע טרוי־עריקע אויגן און מיט אַ טיף עצבותדיק קול האָט ער געפרעגט: — „און וואָס איז אַזוי ס׳געאיל? וואָס איז אַזוי ס׳געלויף?״...

און מער האָט ר׳ דן ניט געברויכט. אַ ליכט איז אים אויפגע־גאַנגען אין די אויגן. איצט ווייס ער שוין, אַז דאָס, וועגן וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געקלערט און געמאַטערט זיך, איז בעצם ניט געווען קיין קליינִיקייט, וואָרעם אַזוי איז אויך די דעה פון רבין: „וואָס ס׳געאייל...״ איצט וועט ער זיי שוין ווייזן, די שוטים״.

דער פּעטריקאָווער דאָקטאָר

(פופציק יאָר האָט די באָבע געוואַרט אויף איר אמתן באַשערטן, און ר׳ דוד לעלעווער איז געקומען און האָט פון ד״ר בערנאַרד געמאַכט ר׳ חיים דוד, ז״ל, פּיעטריקאָ־ווער דאָקטאָר און אים געבראַנגט אין דער שטוב אַריין)

(נאָכדערציילט איש מפּי איש פון אַלטע חסידימס מיילער)

אבל־הירש האָט אַ פעסטן שניף געטאָן פון זיין בורשטינער טאַבאַק־פּושקעלע און ער האָט געמאַכט אַפּט־ששש־יק! —

דאָס האָט ער געמיינט אַ ביסל השתפכות הנפש אויף אַמאָליקע יאָרן. כע, כע, איר האַלט אַלץ אין איין רעדן וועגן די היינטיקע דאָקטוירים, אויפטוער זיינען זיי, גאַנצע מאַדימס, פּלאַי־פּלאַים, — און איך זאָג אייך לא מניח ולא מקציח, עס איז גאָר קיין דמיון ניט... ר׳ חיים דוד איז געווען אַ דאָקטאָר! מיט איין קוק האָט ער געוויאוסט וואָס דעם חולה פעלט, און אַז ער האָט פאַרשריבן אַ מעדיצין האָט ער פון הינטן צוגעשריבן אין לשון־קודש: פלוני בן פלונית לרפואת

הנפש ... און וואָס קלערט איר צי ס'האָט געהאַט אַפּעולה ? שוטים ! און וואו איז „צדיק גוזר וכו' " ?

איי, איי, איי, מה נאמר ומה נדבר, אַז ר' חיים דוד, דער פּיעט־ריקאָווער דאָקטאָר איז געקומען קיין פּשיסכאַ, האָט דער רבי ר' בינום, ז"ל, געזאָגט : ס'איז עקבתא דמשיחא. שוין, די גאולה קומט. אַז אַזאַ איינער קאָן תשובה טאָן און דער עיקר ער וויל, דאָס חיות גייט אים אוים פאַר תשובה, נו איז עס ניט אַ סימן, אַז ס'איז אַ סוף צו די „בערלינטשיקעס"?

און ס'איז טאַקע דעמאָלט אַ גרויסע שעת רצון געווען, אַ כח געהאַט אַביסל אין זיך דער ר' חיים דוד, וועלטן מיטגעריסן, אַ דור מחזיר למוטב געווען, און וואו אַ בעל־עבירניק, אַ חוטא איז ער צום פּעטריקאָווער דאָקטאָר געלאָפן : רבי, העלפט, גיט אַ תשובה.

און ער האָט געגעבן, געוואוסט ווי אַזוי מקרב צו זיין ישראל למקום, אַ כשרון אַזוינער געווען צי אַ כח, צי כ'וויים וואָס, אָבער אַז ער האָט עמעצן אַ קוק אָן געגעבן און גענומען טענהן : — ווי הייסט דו קאָנסט ניט ! פאַר וואָס קאָנסטו עפּעס ניט ? אַזאַ קונץ תשובה צו טאָן ? און ד"ר בערנאַרד, דער גביר, דער גויטשיק, דער קרוב למלכות, איך, חיים פּעטריקאָווער דאָקטאָר, האָב יאָ געקענט ? יאָ, צי ניין ? וואָס קוקסטו, וואָס, — ט־פ־פ־־שש !

און יענער האָט שוין געקאָנט ... תשובה געטאָן און צו ר' חיים דוד געפאָרן ! ...

נאָר קוקט ניט אַזוי, שקצים,—פאַרריכט זיך אבל הירש, דער קלאָ־דאָווער חסידישער זקן, זיין אַלטן סאַמעטענעם קאַשקעט — קוקטס ניט אַזוי, שוטים ! —עטץ וואונדערט זיך, וועט עטץ ענק ערשט וואונדערן. כ'וועל אייך דערציילן ווי אַזוי ר' חיים דוד, ז"ל, איז גע־קומען צו דער מדרגה, — וועט עטץ פאַרשטיין דעם כח פון צדיקים.

וואָס מיינט עטץ עפּעס אַ קלייניקייט, נעמען מיר ניט דיר ניט, פאַרלאָזן אַזאַ עשירות, אַוועקוואַרפן דעם צילינדער־הוט אונטערן אויוון און אָנטאָן אַ שטריימל ?

און סתם עפּעס ד"ר בערנאַרד, גוואַלד און געשריגן ! אַ וועלט האָט פון אים געוואוסט, לייב־דאָקטאָר ביים גרויסן פירשט זאַיאָנ־טשיק געווען, און אַ שם געהאַט פאַר אַ גוי גמור, — אַ פּאָר אַרוים געגעבן שבת נאָך מיטאָג מיט דער קאַטש אין מיטן מאַרק, אַז יידן

האָט פּשוט דאָס האַרץ געשניטן. רשע! — האָבן זיי אין דער שטיל גע־זאָגט, — ירבעם בן נבט!

און אין מיטן דערינען נאָ דיר גאָר, — ד״ר בערנאַרד מיט אַ שטריימל אויפן קאָפּ, טאַנצט אַ ריקודהלע אויף אַ חסידישער מלוה־מלכה און מיט אַ ספר תורה צו תקופות אין מיטן מאַרק און שרייט: יידן, קערט זיך אום, קומט מיט מיט אונדז אַריין אין ראָד, אין קרענצל, צו אונדז בני ה־יכ־לא ד־כ־טי־פי־ן —

כע, כע, כע, ווי אַזוי ס׳איז געמאָלט געווען? שנעקעס! — אבל הירש גיט אַ פּאַטש מיט דער רויט־געבלימלטער פּאַטשיילע איבער די פּנימער פון די קלאַדאָווער חסידישע יונגע לייטלעך — ווי ס׳איז געמאָלט געווען! מ׳דאַרף אַרבעטן, האָרעווען, אַ מוח־וואַליע גע־געבן דעם בעל־דבר? פון זיך אַליין קומט עס, געבראָטענע טויבן אין מויל אַריין? האָסטו געזען!

געקומען ר׳ דוד לעלעווער, ז״ל, קיין פּעטריקאָוו. איר ווייסט דאָך, ר׳ דוד לעלעווער האָט גלות אָפּגעריכט, געגאַנגען מעיר לעיר און אין איין וועגס אַריינגעכאַפּט וואָס ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, — אַ קאַפּיטל תהילים פאַר אַ מקשת לילד געזאָגט, אַ ביסל מילך פאַר אַ קראַנק קינד צוגעטראָגן, צי כ׳ווייס וואָס.

הערט ער מסתמא, אַז ס׳איז דאָ פאַראַן אַזאַ ד״ר בערנאַרד, אַ קענער, אַ וואוילער קאָפּ, פּשוט דעם מלאך גבריאלס רעכטע האַנט. זאָגט ער: דו — נאַר, וואָס שטייסטו ווי אַ ליימענער גולם? אַריינ־קריגן עפּעס אַ יידיש שוסטערל אין דער חברותא איז אַ גרויסער קונץ? אַז יענער ציטערט אין גאַנצן פאַרן יום־הדין, און דו מאַכסט אים שוין אָן מורא מיטן „מנורת־המאורם״ לשון, מ׳הענגט פאַר דער צונג, מ׳בראָט, מ׳ברענט אין שרעקלעכן גיהנום — איז ער מיט דיר. וואָס זאָל ער טאָן, ווערט ער אַ חסיד!

אָבער דוד לעבן, אַזאַ איינעם ווען דו פּאַקסט אַריין, נע, דער וואָלט דאָך געקענט אַ מדינה אויפריכטן, חיילות פאַר ה׳ צבאות שאַפן!

רוקט ער זיך אַראָפּ דאָס קאַפּל טיפער איבערן קאָפּ, נעמט דעם שטעקן און — היידאַ! אַריין צו ד״ר בערנאַרד. און איבערן וועג טענהט ער מיט זיך: לעבעדיק, דוד לעלעווער, התעוררות, זיי אַ תקיף, „שלוחי מצוה אינם ניזוקין״, האָב קוראַזש, וועסט פּועלן, וועסט, וועסטו!

און שוין. ער זיצט שוין ביי ד״ר בערנאַרד אין פאַטעל, דער־
ציילט אים אַ תורה פון ר׳ בינום, פון לובלינער צדיק, ז״ל, פון
בעש״ט. מיינער, — גאַרניט, ער זאָל צומאָל אַ פּיפּס טאָן. שטייט אָן
אַ הוט און גלאָצט; וואָס וויל דער אַלטער קאַטשאַלאַפּ פון מיר
האָבן?

אָבער ר׳ דוד לעלעווער גיט ניט נאָך ער פאַלט אויף אַ המצאה:
פּאַניע דאָקטאָר, צי ד״ר בערנאַרד וויים, אַז דער רבי בינום איז אויך
אַ דאָקטאָר, אַ רופא מפורסם?

ניין, ער ווייסט ניט. ס׳ערשטע מאָל הערט ער אַזוינס, וואָס
טייטש, קענען אָט די יידן מיט שטריימלעך און בערד, אָט די פראַים,
אויך זיין דאָקטוירים?

ס׳איז גוט, נו, צי זיי קענען, אוודאי און אוודאי קענען זיי.
ר׳ דוד לעלעווער רייבט זיך די הענט. ער האָט׳ן שוין אויף אַ וועג.
ס׳וועט גיין, דוד, ס׳וועט גיין.

און ער נעמט זיך דערציילן דעם ד״ר בערנאַרד די מעשה נורא
מיטן רבין ר׳ בינום, ווי אַזוי דאָס מלכות האָט פאַרלאַנגט פון אים
ער זאָל זיך שטעלן פאַר דער ראַדאַ פון די דאָקטוירים אין לבוב
(לוואָוו). ממה נפש — האָט ס׳מלכות געטענהט, אויב אַלע טענהן
אין איין קול, דו ביסט אַזאַ גרויסער רופא, טאָ זאָל דיך די ראַדאַ
פאַרהערן, וועסטו קריגן פּאַפּירן.

מילא, האָט ער זיך געשטעלט, דער רבי ר׳ בינום און געטענהט
מיט דער ראַדאַ. זעען זיי דאָך, ס׳איז קיין קאַטאַוועס ניט, ער קען
דער ייד, — פרעגן זיי אים: — „און וואו האָסטו געלערנט, אין
וועלכן אוניווערסיטעט?״ — לאַכט ער, דער רבי ר׳ בינום, גמרא
האָט ער געלערנט, חכמת הרפואה קען ער אַ ביסל פון „ברכות״,
אַביסל פון „זרעים״ און אַפילו פון „טהרות״, נו, ער קען.

געבן זיי אים פינף רובל אַ מתנה ער זאָל קויפן עפּעס אַ
טייער דאָקטאָר־בוך און זיי געזעגענען זיך מיט אים.

גייט ער אַהיים, דער רבי ר׳ בינום, און אויפן וועג טרעפט ער
אַ מוכר־ספרימניק מיט אַביסל ספרים אויף די הענט.

שטעלט ער אים אָפּ, דער רבי ר׳ בינום, — ווייז נאָר עפּעס
אַ ספר, — און ער נעמט דעם ערשטן בעסטן ספר; וואָס איז עס
געווען, מיינט עך? אַ „זוהר!״

כאַפּט ער די פינף רובל, שטעקט זיי איין דעם ייד און אַנט־

לויפט ווי דער פעפער וואַקסט. אַזאַ מציאה, נע, ממש מן השמים צוגעשיקט...

ד"ר בערנאַרד ווערט בלייך, די אויגן פאַרדרייען זיך אים לא עלינו, אַ מלחמה אין הארצן — און ער הייסט גיין דעם ייד, נאָר ער בעט אים צו מאָרגנס, למען השם ווידער קומען, און ער איז געקומען, ר' דוד לעלעווער, מאָרגן אין איבער מאָרגן און אַ סך מאָרגנס, אתושב ביי אים אין שטוב געוואָרן, זיך אין פּיעטריקאָוו באַזעצט, ניט געגאַנגען מער איבער דער וועלט, אַז ס'האָט זיך אים געלוינט דאָס עסק — האָסטו געזען?

און אין אַ שיינעם העלן פרימאָרגן האָט זיך ד"ר בערנאַרד מיט ר' דוד לעלעווער אויף אַ קאָטש אויפגעזעצט און קיין פּשיסכאַ אַריבערגעפאָרן אויף אַ שבת. וואָס אין פּשיסכאַ האָט זיך אָפּגעטאָן, קאָנט איר זיך משער זיין, נאָר אַז ד"ר בערנאַרד איז פון פּשיסכאַ צוריק געקומען, האָט ער דאָס ווייב אַריינגערופן און צו איר געזאָגט: — „הער נאָר מיין טייער ווייב, אַזוי און אַזוי, דו מוזסט דאָס גאַנצע געפעס צעברעכן, וואַרפן אין די ווייסל אַריין און נייע כלים קויפן, כשרע, געטובלטע כלים. און איצט ווי דו ווילסט, אָדער אַזוי, אָדער — אַ גט".

זאָגט זי, די יידענע: —„אַז דו קענסט באַשטיין, קען איך אויך באַשטיין"... און שוין אוים ד"ר בערנאַרד, ר'חיים דוד, פּיעטריקאָווער דאָקטאָר געוואָרן.

נאָר ס'איז נעבעך ניט באַשערט געווען, דער יידענע, אויף לאַנגע יאָר, נעבעך באַלד דערנאָך פון דער וועלט אַוועק.

אָבער מיינט ניט, ר' חיים דוד, אַ ייד אַ חסד, וועט אָן אַ ווייב ניט זיצן. די באָבע פייגעלע, די פּיעטריקאָווער מיוחסת מיט דעם קופּקעלע אויפן קאָפּ און דעם ליבן שמייכל אויף די ליפּן, וואָס האָט אַ ים מיט צדקה צעטיילט און אַ שטאָט אָרעמע קינדער אויסגעהאַלטן, די צדקת, די באָבע פייגעלע, א ליכטיקן גן עדן זאָל זי האָבן, — האָט דערנאָך געטענהט, אַז 50 יאָר האָט זי אויף איר זווג געוואַרט, אויף איר אמתן באַשערטן, ר' חיים דוד, דעם פּיעטריקאָווער דאָקטאָר.

אַן אייגן הויז געהאַט, אַן עשירות, אַ גרויסן וויין-קעלער, נאָר זי איז געזעסן אַ וויסטע אלמנה און מעשים טובים געטאָן. אָבער ס'איז איר ניט אַוועקגעקומען. אויף באָרג געגעבן .. און דערנאָך

האָט מען עס איר אָפּגעגעבן, אַ שבת — שיינדל, דעם פּיעטריקאָווער דאָקטאָר! פּששש!

ר' אבל הירש האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דער חברותא, מער ניט גערעדט, זיך געגלעט די ווייסע באָרד און אריין אין התעוררות...

נאָר דערנאָך איז ער צוריק געקומען און מוסיף געווען: „ס'האָט ניט לאַנג געדויערט, האָט ער שוין געמוזט קוויטלעך נעמען, ניט געוואָלט, זיך געוועהרט, נאָר דער עולם האָט אים פּשוט דעם קאָפּ אַראָפּגעריסן".

„אַלץ ווייטער געווען אַ דאָקטאָר, שבת אַלע שעה געלאָפן אין דער אַפּטייק אריין און געזאָגט ס'אַרא רעצעפּטן צו מאַכן, ניט געוואָלט מחלל שבת זיין מיט דער פּעדער, און שפּעטער איז שוין זיין שם אַרויס אויף דער גאַנצער וועלט. טויזנטער חסידים זיינען קיין פּיעטריקאָוו געפאָרן ווער נאָך רפואות הגוף און ווער נאָך רפואות הנפש, נאָר ליידיק איז קיינער פון אים ניט אַוועק.

ר' זעליגל מלאָסנער

ביי דעם פאַרצויגענעם נאָמען ר' זעליגל האָט מען אים גערופן לפני כמה וכמה יאָרן, בשעת ער האָט נאָך געהאַט די גרויסע „גאָזשעלניע" אין מלאָסני, איז געווען אַ מקורב אין קאָצק און דער גרויסער עוסק בצרכי הצבור. נאָר דערנאָך, אַז ער איז געוואָרן אַ יורד האָט מען אים שוין גערופן בלויז ר' זעליג... און דער יונגער דור, וואָס האָט מער ניט געקאַנט זיינע אַמאָליקע אויפטועון פאַר כלל ישראל, האָט אים פּשוט גערופן ר' זעליג הערשפּינקל און פאַרטיק! אוים מחותנים..

ר' זעליג אָבער, וואָס האָט כל-ימי געטראָגן אין האַרץ דאָס השתוקקות צו קומען צו אַן ערלעכער מדרגה אין אהבת ישראל, האָט אפילו אָט דעם יונגן דור אויך ניט מוציא געווען פון זיין השגחה, פאַרקערט וואָס מער מען האָט זיך פאַרפאַרעמדט צו אים, ווייל מ'האָט אים שוין געהאַלטן פאַר עובר-בטל, אַ ייד איבער די אַכציק און דער עיקר — אַ יורד — אַלץ מער זיינען די דאגות זיינע פאַרן כלל געוואַקסן, און דעריבער, אַז ס'האָט אַ טאַטע געהאַט אַן

אָפּגעהיטענעם זון און ס׳האַרץ האָט אים ווי געטאָן דערויף, וואָס דער זון זאָל מוזן אַוועקגיין אויף פיר־פינף יאָר צו די זעלנער, איז ער מיטן זון געקומען צו ר׳ זעליגן. ס׳זיינען שוין פאַר דער צייט אויפגעקומען אַנדערע שתדלנים, יונגע און פיפיקע שתדלנים פאַר געלט, מאַכערס בלע״ז און שתדלנים צוליב כבוד, צו ר׳ זעליגן אָבער גייט מען נאָר דעמאָלט ווען דער קרבן איז גרויס און מ׳דאַרף האָבן אַ טרייסט־וואָרט און אַן ערלעך וואָרט, זאָגט דער טאַטע און ער פלאָנטערט זיך אין די רייד: „ר׳ זעליג... ר׳ זעליגל מלאָס־נער... זייט זשע מוחל, אַ זון, אַן אָפּגעהיטן קינד״... און דער זון ווידער: — „ר׳ הערשפינקל... ר׳ זעליג... אַן אַלטער טאַ־טע... ניטאָ מער קיין פאַרדינער אין דער היים״. הערט ר׳ זעליג אין וואָס דאָ גייט. ווערט זיין עצבות גרויס. יידן נעבעך ברויכן געהאָלפן צו ווערן און יעדער ייד איז דאָך טייער. טייער — האָט ר׳ פנחס מקאָריץ געלערנט — און ווי אַזוי זאָל מען זיך דאָ ניט משתדל זיין בצרות הרבים? זאָגט ער: — „נו, נו, מילא מ׳מוז זען צו טאָן עפּעס און השם־יתברך וועט צוהעלפן״. און תיכף ווי דער פאָטער מיטן זון פאַרלאָזן זיין שטוב, טוט זיך ר׳ זעליג אָן די „דו־כאָוונע״ אַטלעסענע יוביצע מיטן שטריימל און גייט זיך משתדל זיין צום נאַטשאַלניק.

דער נאַטשאַלניק, אַ גראָבער קאַצאַפּ מיט לאַנגע וואָנצעס איז אפילו אַ גרויסער צורר ישראל, נאָר ר׳ זעליגן וועט ער קיין טובה ניט אָפּזאָגן. ער האַלט אים פאַר אַ שטיקל אייגענעם, בבחינת מענטש פון „סלוזשבע״. האָט אַ מעדאַל... אַ חשוב אין פעטער־בורג. חוץ מזה, אַ בעל־הבית אין שטאָט — דאָס ראַטהויז אין מיטן מאַרק געהער אים, איז ניט כדאי איינצורייסן מיט אים. סיי ווי קומט דער אַלטער אַ מאָל אין אַ יובל, נאָר אַז ר׳ זעליג פּועלט דאָס אוים ווערט ער דער נאָך שטאַרק מיד. די עלטער לאָזט אים מער ניט טאָן פאַרן כלל. גייען שוין דערנאָך אַוועק וואָכן און חדשים פון זיצן אין שטוב און חורבנען ביחידות אויף צרות־הכלל און שאַ, שטיל. די שטאָט־לייט פאַרגעסן דאַכט זיך, אַז ס׳איז דאָ אַ ר׳ זעליג אויף דער וועלט.

דער עולם דערמאָנט זיך ערשט דעמאָלט אין ר׳ זעליגן בשעת ער גייט אין ראַטהויז אַריין ווייזן זיך פאַר די קרעמער, וואָס האָבן אין דער לעצטער צייט אַזוי ווייניק דרך ארץ פאַר דעם מענטש

זיינעם, דעם אַלטן קאַפּל, וואָס איז שוין מענטש ביי ר׳ זעליגן אי־בער פערציק יאָר, און זיי געבן אים אַזוי שווער די פיר רובל דירה־געלט. דעמאָלט טוט זיך ר׳ זעליג אָן דעםברייטן טוכענעם קאַש־קעט מיט דער שערשענער יוביצע און ער גייט פון געוועלב צו געוועלב דערמאָנען, אַז ס׳איז נאָך דאָ אַ בעל־הבית...

דעם גרעסטן טייל פון טאָג. פאַרברענגט ר׳ זעליג אין דער שטוב, אַריינקוקן אין אַ ספר קומט אים אָן שווער. די אויגן דינען ניט, איז דאָס איינציקע וואָס ער היט נאָך איז דאָס דאַווענען מיט מנין. דאָס שטיבל געפינט זיך אין זיין שכנות, נאָר נאָכן דאַווענען טוט ער שוין גאָרניט מער, זיצט בלויז האַלב אויסגעלייגט אין טיפן פאָטער־שטול, די לאַנגע, ווייסע באָרד זיינע איז איינגעהילט אינעם נעבל רויך, וואָס שטייגט אויף פון זיין דיקן אָנגעצונדענעם ציגאַר. די אויגן קוקן ווייט, ווייט — אַריין אינעם תוך און אינעם פלאָנטער פון גוטע טעג, וואָס זיינען פאַרגאַנגען און ער גיט אַלע ווײַלע אַ שווערן קרעכץ: שלעכטע צייטן אָנגעקומען אויף יידן, השם ישמרנו!

קומט אַריין ר׳ אליעזר ווייל, אַ חסידישער ייד, אַ שטיקל חוקר און ער דערציילט נייס. ר׳ זעליג הערט? ער האָט געלייענט אין דער „הצפירה״, אַז דער רוס גייט זיך שלאָגן מיט יאַפּאַן. שמייכלט ר׳ זעליג: ער ווייסט, וואָס דערפון וועט אַרויסקומען. יאַפּאַן מיטן רוס — אַ נעצוועריק קעגן אַ ריז... ער געדענקט נאָך די סעוואַסטאָפּאָ־לער מלחמה. דער טערק האָט זיך אויך געגאַרט... נאָר וואָס דען? מניה וביה זאָל נאָר יידן דערפון, חלילה קיין רעה ניט אַרויסקומען. ער ווייסט דאָס מפּי הנסיון. און פּלוצלינג דריקט ער פעסט צו די אויגן כאַפּט זיך מיט דער האַנט פאַרן שטערן און ער וויינט אַרויס בקול רם אַ שלעכט נביאות: איי, איי, שלעכטע גזירות, נעבעך, התמעט מען אויף יידן אין פּעטערבורג! — פריער אַז ער, ז״ל, פון קאָצק איז געווען צווישן אונדז, וואָלט ער מסתמא, ניט דערלאָזט, ער וואָלט מרעש עולם געווען, היינט אָבער איז ביטער, דער שפת אמת איז אויך אַ צדיק בדורו, ר׳ זעליג איז חלילה ניט מהרהר. נאָר וואָס דען? ס׳דור איז ניט ראוי.

און אַז ר׳ זעליג דערמאָנט זיך אָן אַלטן קאָצקער, ז״ל, ווערט ער מיט אַ מאָל שטיל. ער לאָזט זיך אַראָפּ טיפער אין פאָטער־שטול, דעם קאָפּ פאַריסן אין דער ווייט און ער גיט זיך אין גאַנצן איבער דער שפע פון זכרונות. מיט וויפל צער און בענקעניש ער דערמאָנט

זיך דאָס אָן יענער נאַכט! אין דרויסן האָט געברויזט אַ קנאַקעדיקער פראָסט. דער ווינט האָט געבלאָזן פון די פעלדער מיט אַ שרעקלעך געאייל און קיין לעבעדיק נפש איז ניט געווען צו זען אין מלאָסני. די גאָזשעלניע האָט גערוט פון די שווערע טאָג־ארבעט, בלויז ר׳ זעליג אַליין איז געזעסן און געלערנט. נאָך דעמאָלט אַ יונגערמאַן געווען — ס׳התלהבות צו עבודת הבורא האָט געגליט אין דער נשמה און פלוצלינג: סטוק, סטוק. מען קלאַפּט אין טיר. ווער קאָן דאָס איצט קלאַפּן אַזוי שפּעט ביינאַכט? — „ווער איז?״ — פרעגט ר׳ זעליג. — „מיר, חסידים״, — קומט אַ קול פון דרויסן. ר׳ זעליג ווערט נבהל ונשתומם, וואָסערע חסידים איצט אין מיטן נאַכט? נאָר אַז ער מאַכט אויף די טיר דערזעט ער דעם אַלטן, ז״ל, אַליין שטיין פאַר די אויגן און ער ציטערט אין גאַנצן פאַר קעלט: — „איי, איי, זעליגל, איז דאָס אַ קרירה אין דרויסן!״ ר׳ זעליג אָבער טראַכט ניט לאַנג — כאַפּט אַ שאַף בראַנפן, גיט עס אַ צינד אָן, אַז די פלאַמען זעצן נאָר אַזוי אין דער הויך. און דער אַלטער, ז״ל, מיט דער חברותא שטייען שוין אַרום פייער און וואַרעמען זיך... דעמאָלט האָט דאָס דער אַלטער, ז״ל, אים געגעבן די ברכה פון „זרענו וכספּנו ירבה כחול״... און די ברכה איז מקוים געוואָרן. ר׳ זעליג האָט זוכה געווען צו האָבן דריי הונדערט אייניקלעך און אוראייניקלעך און אַז ער האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, זיינען געשטאַנען אָנגעשטעלט אין דער שטוב שענק מיט געלט און די אשה זיינע איז ארומגעגאַנגען מיט אַ פולע שערץ זילבערנע רובלס און געטיילט אָרעמע לייט. חוץ מזה האָט מען אַ גאַנצע וואָך פאַר דער חתונה, כמנין שבע ברכות, געמאַכט מאָלצייטן פאַר אָרעמע ווייבער און די כלה איז געזעסן אויבן־אָן אָנגעטאָן אין בגדי החתונה אין וועלאָן און אין ווייסן זיידענעם קלייד און אין דער אַנדערער שטוב ווידער איז דער חתן געזעסן אויבן־אָן ביי אַ לאַנגן טיש באַזעצט מיט אָרעמע אורחים. אַז דער שם האָט זיך דערטראָגן אַז ר׳ זעליג מאַכט חתונה אַ קינד, זיינען די אורחים און אַלערליי כוללות־יידן אָנגעצויגן פון מי יודע ווי וויט. היינט ערשט די חתונה אַליין! אַלץ איז געפירט געוואָרן אויפן גרויסן שטייגער. כיד המלך. ביי ר׳ זעליגן אַ חתונה איז געווען אַ שמחה פאַר כל ישראל אין פוילן, נאָר היינט נעבעך איז ר׳ זעליג געבליבן ניט מער ווי ביים בלויזן ראָטהויז און קיין נחת פון זיינע קינדער האָט ער אויך ניט. איין זון, דער בכור, וועלוויש, איז אַ לומד

ואינו עושה, אַ גרויסער חסיד און אַ קמצן, דער אַנדערער ווידער איז אַ בעל-גאווה און אַ נצרך. ער טראָגט זיך אַרום מיט עפּעס אַ כתב-יד, אַ פּירוש אויפן סדור, און ער מיינט אַז ס'איז זיין גלייכן ניטאָ. פון די איבריקע זין און טעכטער איז אָפּגערעדט — אַלץ ניט לויט ר' זעליגס נוסח די אייניקלעך ווידער גייען שוין בחוקות הגויים, מ'רעדט גוייש און די ווייבער גיין אין די האָר, וויי, וויי, צו וואָס ר' זעליג האָט דערלעבט!

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז אַ גרויס איינזאַמקייט אָנגעקומען אויף ר'זעליגן. מיט זיינע אייגענע קינדער האָט ער וויי-ניק מגע ומשא און פאַר פרעמדע איז ער ווי ניטאָ מער. אַן אַנדער דור הייבט און דער דור געדענקט ניט זיינע מעשים פון אַמאָל. די איינציקע טרייסט ר' זעליגס איז: ער וועט נאָך איין מאָל כאַפּט זיך אַריבערכאַפּן קיין גער, אין דער לעצטער צייט אָבער שפּירט ער וואָס אַמאָל מער ווי זיין האָפענונג ווערט צערונען. אַלץ שוואַכער און שוואַכער ווערט ער אין געזונט און אין זיינע טונקעלע חדרים מיט דעם שווערן אַלט-פרענקישן מעבל פון מאַכאָגעָן-האָלץ, הערן זיך שוין די שטילע טריט פון טויט. ביינאַכט כאַפּט זיך ר' זעליג אויף פון שלאָף מיט אַ געוואַלד און אַז מען פרעגט אים: וואָס איז געשען? ענטפערט ער: גאָרניט! און ער בעט נאָר מ'זאָל אים ניט לאָזן אַליין...

אַז ער איז דאָס לעצטע מאָל, צוריק מיט אַ יאָר צען, געווען אין גער און דער שפת אמת האָט דערהערט, אַז ר' זעליגל מלאָסנער איז געקומען, איז ער פון דריטן שטאָק אַראָפּגעלאָפן אַנטקעגן ר' זעליגן, האָט אים אונטערן אָרעם אַרויפגעפירט צו זיך אין חדר און דער-לאַנגט אים זיין פאָטער-שטול צו זיצן... דער רבי האָט דעמאָלט מיט אים גערעדט ווי מיט אַן אַלטן ידיד.ביידע צוזאַמען געווען אין קאָצק... חוץ מזה, האָט דאָך דער שפת אמת נאָך געדענקט ר' זעליגס גרויסע מעשים, ווי אַזוי ר' זעליג האָט מציל געווען דריי הונדערט יידישע משפחות פון תפיסה:

ס'איז געווען דעמאָלט ווען מ'האָט אַוועקגענומען יידן די שענקן, זיינען טויזנטער משפחות געבליבן אָן ברויט. דער חורבן איז געווען גרויס — האָט אַ גרויסער טייל זיך געוואָרפן צו אַנדערע פרנסות און די ווידער, וואָס זיינען געבליבן ביים מסחר מיט בראָנפן און פאַר-שטייט זיך בגנבה. איז אַוועקגעגאַנגען אַ גרויסע מסירה צום קיסר:

אדוני המלך! יידן ווידערשפעניקן דיין רצון, האַלטן ניט דיינע גע־זעצן, דער אַלטער פּיזמון, וואָס שונאי ישראל האָבן שוין מימים קדמונים. האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן, צו מאַכן רעוויזיעס, ביז מ'האָט געכאַפּט אַ גרויסע טייל יידן ביים פאַרקויפן פאַרבאָטענעם בראָנפן. דריי הונדערט יידישע משפחות, מענער, ווייבער און קינדער האָט מען איינגעזעצט תפות. דאָ האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרוים געשריי. יידן זיינען געלאָפן צום רבין: — „גוואַלד, רבי, העלפט!" האָט דער רבי געשיקט אַ שליח מיוחד צו ר' זעליג. — „זעליגל, רו נישט. לויף, מי זיך!"

האָט זיך ר' זעליגל אויפגעכאַפּט אין אַ פּראַסטיקער, ווינטער־דיקער מיט־נאַכט און געלאָפן קיין פּעטערבורג. ניט געגעסן. ניט געטרונקען. וואַכן און חדשים דאָרטן אָפּגעזעסן. געגאַנגען אין שתדלנות צו גרויסע לייט, ביז ער האָט געפּועלט.

און אַז מ'האָט די יידן באַפרייט און ר' זעליג איז צוריקגעקומען קיין גער, האָט מען אים אויף די הענט אריינגעטראָגן אין בית־המדרש און דער שפת אמת, ז"ל, האָט געזאָגט: — „זעליגל, זעליגל מלאָסנער, שכרך גדול מאוד!..."

איי, איי, איי! — און וואָס איז ער היינט ר' זעליג? פאַרגעסן, פאַרגעסן!... ער זיצט אַזוי אין די שטילע חדרים זיינע און וואַרט אומגעדולדיק אויף דעם, וואָס מוז און דאַרף קומען און וואָס ער וואָלט דאָך אַזוי בשום אופן ניט געוואָלט ס'זאָל קומען... אַ הויכער, אַ ברייטער זקן, ווי ער איז, מיט ווילדע ווייסע ברעמען שטעלט ער זיך אָפּ פון צייט צו צייט אין מיטן שטוב און שרייט אוים מיט באַ־האַלטענעם פּחד: בידך אפקיד רוחי"! נאָר גרייט אָפּצוגעבן דעם פּקדון איז ער פאָרט ניט... נאָך איין מאָל כאָטש, ווען ער קאָן זען דעם שפת אמת!...

און ס'איז געשען אַזוי פּלוצלינג און אומגעריכט. די מתפּללים פונעם שטיבל האָבן עס באַהאַלטן פון ר' זעליגן, מ'האָט מורא גע־האַט, אַז דער אַלטער חסידישער זקן, וואָס האָט ליב געהאַט דעם רבין ווי אַ פאָטער זיין קינד, וועט דאָס ניט איבערהאַלטן. אָבער אין גאַנצן באַהאַלטן פון ר' זעליקן דאָס אומגליק האָט זיך פאָרט ניט איינ־געגעבן — וואָרעם איין מאָל אין אַ ווינטער־טאָג צו שחרית, אַז ר' זעליג איז אַריינגעקומען אין שטיבל און האָט דערזען, אַז דאָס פּרוכת אויפן ארון קודש פעלט, האָט דאָס אים אַ זעץ געטאָן אין מוח

ווי מיט אַ האַק. ר' זעליג איז אַ פאַל אַרויף געגעבן אויפן שולחן און האָט געקלאַפּט דעם קאָפּ אין פאַרצווייפלונג: — „ווײ, ווײ, יידן זעצט זיך שבעה! נטלה עטרת ראשנו! וואוהין, יתומים, זאָלן מיר איצט גיין?"

די שבעה נאָכן רבי איז ר' זעליג נאָך געזעסן. נאָר די גרויסע קריעה אין לאַץ, וואָס ער האָט שוין איצט געטראָגן האָט זיך איינגעשניטן טיף אין זיין חיות אַריין. — און אַ וואָך שפּעטער, אַז ר' זעליג איז געזעסן ווי זיין שטייגער אין פּאָטער־שטול און געקרעכצט אויף יידישע צרות, איז ער פלוצלינג ווײס געוואָרן ווי קרייד. ער האָט נאָך קוים, קוים צייט געהאַט אַ געשריי צו טאָן: „שמע ישראל!"...

רעפּאָרטאַזשן

סכך

די הויכע פירקאַנטיקע הויפן, דורך וועלכע די זון קריגט זיך מיט מי אַריין אויף געציילטע שעהן אין טאָג, שמעקן מיט וואַלד.

פרישע צווייגן פון נאָדל-ביימער, פון וועלכע עס שלאָגן נאָך די ריחות פון האַלץ-פּעך ווערן אַלע מאָל אַריינגעטראָגען פון גאַס. דאָס זאַפטיקע, מילדע גרינס פון צווייגן מיט די פאַררייסענע ריחות פון דער זשיוויצע פאַריאָגן די גרויקייט פון די פאַרכטיקע טעג.

אין גאַס שטייען פוערים מיט הויך געלאָדענע וועגעלעך סכך און קוקן אוים מיט באַהאַלטענעם ביטול אויף די יידעלעך פון די „קוצקעס" זיי זאָלן שוין קומען אָפּקויפן די רעשט און היידאַ, — אַהיים, אַוועק פון די דאָזיקע רינשטאָקן...

יידן מיט מידע ביינער פונעם טאָג ארבעט אין די ווערקשטעלן שטייען מיט העמערלעך אין די הענט, מיט אַרונטערגעשטעקטע בלייפעדערס הינטער די אויערן, מעסטן, זעגן און קלאַפּן טשוועקעס אין די ברעטער מיט דער הנאה פון מענשטן, וואָס נעמען אַ ליידיקן פּלאַץ און שטעלן אויף אים אַוועק אַ בנין...

אַלע ווייל קומט אָן אַן אַנדערער סוכה-עסער פון דער אַר-בעט, עסט אָפּ אויף גיך אין שטוב און קומט אַראָפּ העלפן.

יונגוואַרג שלעפּט די ברעטער, נייע ברעטער פון האַלץ-סקלאַד, איינגעקויפטע פאַר די צונויפגעלייגטע פּופּציקערס און גילדנס און די יידן זעגן און שניידן און שטעלן אַוועק איין וואַנט נאָך דער אַנ-דערער.

צו די לאַנגע ווענט ווערן צוגעשטעלט לייטערלעך און די גוטע „מייסטערס" קריכן אַרויף דעקן דעם סכך.

— „רב מענדל", — שרייט מען פון אינעווייניק, — „רב מענדל, אָט דאָ רעכטס דעקט צו, נאָך אַביסל אין דער זייט".

חברה קליינוואַרג נעמט באַלד שלעפּן טישן, בענק און שטולן, ווייבער קומען אָן מיט קאָלדרעס אין די הענט, מיט טישטעכער און פאַרביקע פּאַפּירן צו פּוצן, און ווען די זון נעמט זיך זעצן שטייען

שוין אין הויף דריי גרויסע, אויסגעוואַקסענע סוכות איינע לעבן דער אַנדערע און אין אַ זייט, אין די ווינקלען — קלענערע, אָפּגעזונדערטע, פון יידן, וואָס האָבן ניט ליב קהל זאָל זיי אַריינקוקן אין די שיסלען...

טאַטעס וואָס האָבן ניט מיטגעהאָלפן שטעלן די סוכות, אויף וועלכע די סוכה-שטעלער קוקן מיט אַ פאַרלוירענעם שמייכל צווישן די וואָנסעס, ווי אויף שלימזלען, קומען איצט פון די געוועלבער מיט זייערע יינגלעך ביי די הענט און טראָגן היטעלעך, פּאַלטענדלעך, שיכעלעך.

זעלדע רופט נאָך אין הויף מיט אַן ערב יום-טובדיק קול: — „ווייבעלעך, ווייבעלעך, פישעלעך, לעבעדיקע פישעלעך, דרייסיק גראָשן אַ קילאָ!" — אָבער עס קומען איר שוין אַקעגן אָפּגעצוואָגענע, אויסגעמלבושטע יינגלעך אין נייע אַנצוגלעך מיט רויטע עפּלעך אין די הענטלעך און זי דערמאָנט זיך אין אירע יתומימלעך.

זי נעמט רופן איר סחורה גיכער און ראַשער און פאַרשווינדט פון הויף.

ערשט ווען זי שטייט שוין ביים טויער, שרייט מען צו איר אַרויס פון אַ קעלער: — „זעלדע, זעלדעשי, אַ קילאָ פישעלעך." ביי אַזאַ זול זאָלן אירע קינדער ניט עסן נאָך אַ שטיקעלע פיש אין יום-טוב?...

פון הויף גייט אַרויס דער וואָכן-טאָג ווי אַ פאַרשעמטער אורח, אָבער אין גאַס שטייט דער יום-טוב ביים ראָג און קאָן ניט אַריין...

די טראָטוארן זיינען פול מיט יידענעס אין פאַרפעדערטע געשלייערס, אין פאַרפּעצטע קליידער, זיי האַלטן אין די הענט בינטלעך מערן, פּעטרישקע, כריין, ציטרינען, ליכט און אוגערקעלעך און קוקן מיט הונגעריקע אויגן צו פאַרדינען נאָך אַ פינפערל איידער די נאַכט פאַלט צו.

זיי שרייען אַריבער איינע די אַנדערע, רופן, בעטן, באַשווערן און ווינטשעווען צו די קונהטעס און די הערצער ווערן ביי זיי אַזוי ווייך פון דעם ערב יום-טובדיקן לייזעכץ.

די ווייבער פון די קעלער-שטובן, פינפטע און זעקסטע שטאָקן פאַרפילן איצט די יאַטקעס צו קויפן קאָפּ-פלייש, פאַנצן, לונג- און לעבערס און קישקעס. ביי די קויבערס מיט געבעקס קויפט מען אין גאַס ביליקע אָפּגעבראָכענע חלות. אין די הערינג-קראָמען שלונגט

מען אַראָפּ דאָס שפּייעכץ אין מויל פונעם פעט-געזאַלצענעם ריח פון לויג, מען פּאַקט אַריין די דורכגענעצטע פּאַפּירן מיט די הערינג אין די קייבערלעך. מען כאַפּט נאָך פיר ליכטלעך פּאַר אַ פינפערל, אַ שטיקל קנאָבל, אַ בוריקל און אַ הייפּטל קרויט, מען לויפט אַהיים פאַרסאָפּעטע און מען פאַלט אַריין אין שטוב מיט צעפּלאַמטע אויגן: בערעלע, חיהלע, קריינדעלע נאָט אייך אַ שטיקעלע ברויט מיט הערינג, אָן אוגערקעלע. אָט באַלד וועט די מאַמע מאַכן יום-טוב.

יידן אין יום-טובדיקע בגדים, מיט ווייסע בערד גייען צו פון איין געזעמל ווייבער צום אַנדערן און זאָגן אַריין אָפּשגצדיקנדיק:

— „נו, ווייבער, יום-טוב, יום-טוב, ליכט צינדן!...״

— „שוין, שוין ר׳ קלמנשי, ר׳ נחומשי״ — איבערבעטן זיי די ווייבער, — „וואָס זאָל מען טאָן, די וויסטע פּרנסה, נעבעך. מיינער האָט ערשט איצט אַהיימגעבראַכט אַ פּאָר גילדן אויף יום-טוב...״

ווייסלעך-בלאַסע פייערלעך פון די גאַז-לאַמטערנס פאַרטונקלען נאָך מער די שאָטנס אין די אומבאַלויכטענע ערטער. דער קלונג פון טראַמוויי ווערט הוילער; די טריט פון די דורכגייער שלאָגן זיך אָפּ אויפן טראָטואַר מיט אַן עכאָ.

עס פאַרשווינדן די לעצטע גאַסן-פאַרקויפערינס מיט זייערע קייבערלעך.

איינגעקלעמטע צווישן די מויערן, ווי אין אַ שמאָלן ליק שווימט פאַמעלעך אַ האַלבע לבנה ווי א זילבערנער שוואַן. אַ פאַרשפּע-טיקטער שמש איילט אין שולעכל מיט אַ נאַר וואָס געקויפטן לולב אין האַנט, אַ ציישונגס-פאַרקויפער רופט אוים זיינע לעצטע צייטונ-גען און שטיל קומט אָן דער יום-טוב. עס לייכטן אים אַקעגן די שטערן, די סוכות מיט אָנגעצונדענע ליכט און קינדער מיט אייגע-לעך פון פרייד.

עס איז איצט שטיל אין די הויפן, אָבער באַלד נעמט די סוכה זיך אָנרופן.

בעלי-עגלות, שוסטערס, טריקאָטאַזשניקעס און סטאָלאַרעס ציען אוים מיט ווידערשאַלנדיקע קולות פון יום-טובדיקער זעטי-קייט דעם „ורום-מנו״, ווייבער שטייען לעבן די טירן מיט שיסלען אין די הענט און יינגלעך זינגען אוים אַ פריילעכן אמן.

מען טראָגט די יום-טובדיקע מאכלים, מען רעדט מיט אָנגע-

פילטע מיילער און די ווערטער קומען אַרויס קיילעכדיקע, אָנגעבלאָזענע ווי געפילטע קרויט.

אין איין סוכה בענטש מען שוין, אין דער צווייטער מאַכט מען קידוש, אין דער דריטער זינגט מען יום־טובדיקע שטיקלעך. די קולות מישן זיך אויס. דאָ גייט אַ היום־תאמצני און דאָרט — „בר־כוכבא״; מען זינגט לאַנג, מען שמועסט הויך און מען לאַכט: יום־טוב, אוי, יום־טוב! ...

פייגן

אין די שויפענצטער פון די צוקערוואַרג געוועלבלעך ליגן אויסגעלייגט פייגן, טייטלען, באָקסער, און אין מיטן דער קופּע שטעקט אַרויס אַ שמאָל ברעטל מיט אַן אויפשריפט:

„חמשה־עשר״

דער טאָג איז אַ קאַלטער, אַ ווינטערדיקער; דער הימל זעט אויס, ווי אַ פאַרשמירטע שויב,— די זון געפינט זיך אין ווייטן וועג — מי יודע, ווי ווייט. ס׳גלויבט זיך גאָרניט, אַז עס קאָן אַמאָל זיין אַנדערש ווי ס׳איז, אָבער ווען די גלאַנציקע רויט־געלע טייטלען פון די שויפענצטער, די טונקל־ברוינע באָקסער און די זוניקע, ווייסלעך־געלע פייגן וואַרפן זיך אין די אויגן, דוכט זיך דיר צו פאַרנעמען אַ הויך פון וואַרעמע לענדער, עפּעס אַן אָנזאָג, אַז ס׳איז נאָך דאָ, נאָך דאָ די זון, און ס׳האַרץ טוט אַ צאַפּל פון פרייד.

די מאַמעס, וואָס זיינען שוין מיד פון דער זאָרג וועגן קוילן, וואַרעמע לייבלעך און פאַרשלעפּטע קאַטאַרן — כאַפּן אַ קוק אין די שויפענצטער, אַ קוק אין בייטעלע. כ׳לעבן, שבת געפאַלט חמשה־עשר — מען וואָלט געדאַרפט קויפן פאַר יעדן קינד אַ שקאַרמיצל מיט פירות. אָבער מען וועט מוזן אָפּקומען מיט אַ ביסל באָניקערן, אַ ביסל ארץ־ישראל־ניסלעך, אַ שטיקל באָקסער, און יעדן קינד צו איין טייטל און איין פייג...

די יינגלעך וואָס גייען אַהיים פון חדר און שולע, שטייען לאַנג ביי די שויפענצטער, באַלעקן זיך און רעכענען אויס, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען אַלע זאַכן וואָלטן דאָ געוואַקסן.

— „יאך האָב פאַראַיאָרן געגומען אַ קערל פון אַ באָקסער און אַריינגעזעצט אין דער ערד ביי אונדז אויפן הויף אויף דער ניזקע. אָבער עס האָט ניט „אָנגענומען”. דאָ וויל עס ניט וואַקסן”.

— „אין ארץ־ישראל עסן די ציגן באָקסער”, — זאָגט אַן אַנדער יינגעלע, — און די איבעריקע שטייען און וואונדערן זיך: פאַרשטייסט, אַפילו ציגן עסן באָקסער! ס׳אַראַ טייערע ערטער ס׳זיינען דאָ אויף דער וועלט...

זיי ווישן זייערע רויטע נעזלעך און גייען אַהיים מיט דער שטילער האָפענונג, אַז זיי וועלן נאָך היינט קריגן פון די מאַמעס אַ פינפערל.

די מאַמעס קויפן איצט איין אין די באַזאַרן פישעלעך־פלאָט־קעלעך אויף שבת, אַ שטיקעלע פלייש און אַ פּוס, ליכטלעך און אַ ציטרין, נו, און חמשה־עשר, — און ס׳איז היינט ניטאָ צו טיילן קיין פינפערלעך, ניטאָ!

די האָפענונג צערינט, און ביז מאָרגן איז אַזוי וויט, מען וויים, אַז מאָרגן איז חמשה־עשר. עס דערמאָנען וועגן דעם אַזוי פיל גע־וועלבלעך אין די גאַסן, און דאָ שטיי און וואַרט ביז מאָרגן! אוי, ווען זיי וועלן זיין גרויס, ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי שוין וויסן וואָס זיי האָבן צו טאָן אין חמשה־עשר...

עס איז אַ פריידן, וואָס לאָזט זיך קויפן מיט אַ ביליקער פרוכט פון די וואַרעמע לענדער. אָבער ניט די פרוכט איז אַלץ, עס איז מער דער פופּצענטער, אויסזיכטלאָזער שבת־טאָג, וואָס לאָזט זיך אַזוי שווער מיט עפּעס פאַרבייטן...

אין די יידישע געסלעך, אין די פאַרחושכטע שטעטלעך, האַלט מען די אָפּגעציטערטע חמשה־עשר־פרוכטן אין די הענט, ווי ליכטלעך אין אַ פינצטערער נאַכט, זיי זיינען ווי אַ דערמאָנונג פון אַ וויטן, וויטן אַמאָל און שמעקן מיטן לאַנד פון חומש...

פאַרצייטנס פלעגן טאַטע־מאַמע און דער רבי פאַרנאַרן די קינדער אין חדר אַריין מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, די ראָזשינקעס און מאַנדלען זיינען אויך געקומען פון יענעם לאַנד. פונעם וויטאַגלעכן יידיש־לאַנד, וואוהין מ׳האָט יעדעם יידיש קינד געוואָלט אַריינפירן. היינט לאָזן זיך גערן פאַרנאַרן אויך דערוואַקסענע מיט די יידישע ראָזשינקעס און מאַנדלען, ווייל קיין אַנדערע זיינען ניטאָ...

עס זיינען פאַראַן פריידן וואָס זעען זיך גאָרניט אָן, זיי פאַר־לײדן ניט קיין שום פאַרביקע טראַכטן, ניט אינעם שפּילן פון טייערע פידעלעך און ניט אינעם שוים פון געטראַנקען, — אָבער מיינט איר, אַז זיי זיינען ניט קיין פריידן?

אַ חוץ די שוי־פענצטער מיט די חמשה־עשר־פּרוכטן, וועט מען אפשר אין גאַס גאָרניט דערקענען, אַז ס'איז עפּעס אַ יום־טוב — זאָל זיין אַ קליינער, אַ וואָכעדיקער יום־טוב, אָבער פאָרט אַ יום־טוב, — אָבער אין די שטובן איז דער יום־טוב פאַראַן.

ווען אַפילו מען זאָל אַרויסלאָזן פון חשבון דעם מיסטישן ראש־השנה פון די ביימער, ווי מען פלעגט אַמאָל באַצייכענען דעם חמשה־עשר אין ארץ־ישראל, — איז ער פונדעסטוועגן אַ יום־טוב צווישן יום־טובים, די בריק צווישן חנוכה און פורים. דער יום־טוב, ווען די ביימער שמעקן און דאָך ווייסט מען, אַז באַלד וועט זיך די צייט אַ פאַרבייג טאָן, די ערד וועט דערוואַכן פון איר ווינטער־שלאָף, די טייכן וועלן ווערן פול און די לאַנג־געגאַרטע זוניקע טעג וועלן זיך ווידער שטעלן אויף דער וועלט.

וואָס פאַר אַ פּנים וואָלט דאָס לעבן געהאַט אָן יום־טוב? ניט נאָר היינט, ווען דאָס לעבן האָט פאַרלוירן אַלע גוט־אריינגעטייטשטע טייטשן פון ציטן און דורות און ביי מענטשן מישט זיך אין די קעפּ פון אַלטע לאַנג־פאַרלאָשענע באַבסקע געדאַנקען...

ניט נאָר היינט —

שטענדיק און אין אַלע ציטן, מוזן מענטשן האָבן דעם יום־טוב. וואָרעם ס'איז דען זיך פאָרצושטעלן די פרייד פונעם קוימענקערער, וואָס וואַשט זיך אָפּ ערב יום־טוב אין אָוונט פון זיין פאַררוסקייט, טוט אָן אַ וויים העמד און אַ וויים, לויטער פּנים מיט יום־טובדיקע אויגן?

אָדער זאָל זיין כאָטש אונדזער קוימענקערער, דער פאַרסמאַ־לעטער שוסטער, וואָס וואַשט זיך אָפּ און פוצט זיך אויס נאָך לאַנגע וואָכן זיצן אויפן פוס־בענקעלע איבערן באַרג אַלטע שיך, נעמט זיין יינגעלע ביי דער האַנט און לאָזט זיך אָוועק צווישן מענטשן, אין דער חברה, אין גאַס, אין קראַשינסקים גאָרטן?

חמשה־עשר איז אַ באַשיידענער יום־טוב, ביי פיל, וואָס קאָנען זיך ניט באַפרייען פון „רעוואָלוציאָנערן" איבערגלויבן, אָדער קאָמע־דיאַנטישער אסימילירטקייט, איז עס אפשר גאָר קיין יום־טוב ניט,

כאָטש זיי האָבן אויך ליב אין דעם טאָג צו נאַשן אַ טייטל, אַ פייג, און לאָזן דאָך ניט צו צו זיך די זכרונות פון די קינדער־יאָרן און פון שטעטל, וואו די פייג, די טייטל און דער באָקסער האָבן געשאַפן אַ וועלט.

אויפן פאָן פון ווינטערדיקן הימל זיינען די חמשה־עשר־פרוכטן אין די שוי־פענצטער דער פריידיקער שטראַל, אין די שטובן — אַ היימישע שמחה, בעת די מאַמע טיילט פון דער שערץ און די קינדער נעמען און כאַפּן און קוקן איינס אויפ'ס אַנדערע, ווער עס קריגט מער און ווער — ווייניקער...

חמשה־עשר — דאָס איז אַן אָנזאָג פון זוניקע טעג. אפשר דער־פאַר הענגען נאָך אַלץ די אויפשריפטן „חמשה־עשר" אין די שוי־פענצטער, כאָטש דער חמשה־עשר איז שוין אַדורך.

דראָזשקאַזשעס

אויף ליבערטאַ־געסל שטייען זעקס דראָזשקעס מיט אָראָפּגע־לאָזטע דישלעס, ווי אונטערגעהאַקטע פיס, מיט אויפגעשטעלטע קאַפּטורן.

אויף ליבערטאַ־געסל שטייען זעקס פאַרשטויבטע דראָזשקעס, די פערדלעך אויסגעשפּאַנט, און דערנעבן אויף די טרעפּלעך פון די הייזלעך זיצן אַלטע ליט, יידן מיט גרויע בערד, וואָס זיינען מיט די דאָזיקע דראָזשקעס אויסגעפאָרן אַ וועלט, און איצט האָט מען זיי „אַנידערגעזעצט" . . .

— „מיין טאַטע האָט געלעבט ביז איבער די ניינציק," — דערציילט איינער, — און ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער נאָך געמאַכט אַ „יאַזדע", און מיין זיידע, ווען ער האָט שוין ניט געקאָנט אַרויספאָרן מיטן קעטשל אין גאַס, האָט ער כאָטש געמוזט איינ־שפּאַנען פאַרן זון זיינעם דעם „שימעל"... און יאָך — עטץ פאַר־שטייט, — יאָך בין ערשט אַ זיבעציקער, ווען יאָך נעם אַ גוטן טרונק בראָנפן, גייט דאָס דראָזשקעלע ביי מיר ווי אַ קאַרוזעלע, יאָך קאָן

נאָך פֿאָרן און פֿאָרן, — ערשט נאָ, אָט האָסטו דיר, ערשט זיץ און קוק אין הימל אַריין!..״

— „יאָך האָב נאָך געקענט צונויפקלאַפּן די עטלעכע הונדערט גילדן אויפֿן „ליטשניק״ — רופט זיך אָן אַן אַנדערער, — „קום איך צוגיין זאָגן זיי מיר:

— „און די דראָזשקע האָסטו שוין אויפגעפרישט?״

זאָג יאָך:

— „ס'הייסט אויפגעפרישט? יאָך האָב ערשט ניט לאַנג גע־מאַכט אַ ניי ראָד, געקויפט צוויי נייע גומעס, פֿאַריכט דאָס געזעס״.

— „דאָס איז גאָרניט״, — ענטפערן זיי מיר, — „דו מוזט די דראָזשקע גוט אָפּפֿרישן, פֿאַריכטן, אָפּליאַקירן, אַז זי זאָל אויסזען ווי אַ נייע״.

„ווי איך האָב דאָס דערהערט, האָט מיר געגעבן אַ זבענק אין האַרצן אַריין. „יידל״ — זאָג יאָך צו זיך, — „אַ בראָך צו דיינע יאָרן, דו קראַפּירסט״.

— „און מיין זון״ — רופט זיך אָפּ אַ דריטער, — „האָט באַצאָלט פֿאַרן אָפּפֿרישן די דראָזשקע זיבן הונדערט גילדן, ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן — גאַנצע זיבן הונדערטערס. דער שווער האָט אים גע־באָרגט אַ ביסל געלט, צוויי שוואָגערס האָבן אים צוביסלעך גע־באָרגט און ער האָט געקויפט דעם „ליטשניק״.

— „עך, עך, עך! אַ צייטעלע אַ ביסל געקומען! ווער האָט עס פֿאַרצייטנס געוואוסט?״ — קלאָגט זיך אַ פֿערטער — „יאָך געדענק עס אַזוי ווי היינט. עס איז געווען מיט אַ יאָר דרייסיק צוריק, אין אַ קאַלטער ווינטער־נאַכט. דער פֿראָסט האָט געקנאַקט. עס האָט גע־קאָנט זיין אַרום צוויי ביי נאַכט. דאָס פֿערדל איז געווען איינגעהילט אין אַ ווייסן שראָן. פֿון זיין מויל האָט געזעצט אַ פּאַרע. פֿאַר יאָך מיר אַזוי אויף פּאָוואָנזעק, אין קעשענע האָב יאָך אַ גוטע מאַנאָפּאָל־קע און טו מיר יעדעס מאָל אַ זופּ. מיר ווערט וואָס אַ מאָל וואַרעמער אין די ביינער, כאָטש די יאַזדע איז אַ ביטערע. דער „פּאַרשוין״ האָט זיך געדונגען און געדונגען און אויסגעדונגען ביי מיר אַ נאַכט־קורס — זאָל אים ס'מזל אין קבר אַזוי לייכטן, יאָך פֿאָר פֿאַר וואו מען דאַרף און שטעל מיך אָפּ.

„יאָך האָב ניט באַוויזן צו נעמען די פֿאָר גילדן פֿאַר דער

„יאַזדע" — כ׳טו אַ קוק: עפּעס אַ גענעראַל מיט רויטע לאַמפּאַסן גייט צו צו מיין שליטעלע.

— „טי קודאַ ?" — גיט ער מיך אַ פרעג.

— „טודאַ," — זאָג יאָך, — „גאַספּאַדין גענעראַל".

— „ווּעסט צו פאָרן אויף פּאָווישלע ?"

— „וואוהין דו ווילסט אַליין, כאָטש אין עק וועלט", — ענט־פער יאָך אים.

„דער גענעראַל גיט אַ וואַרף אַ בליק אויף מיין פערדל — אַ פעסטע גניאַדע געוועזן; אויף מיין שליטעלע, — עס האָט אים ניט שטאַרק געפעלן. אָבער וואָס וועט ער מאַכן ? עס איז דריי ביי נאַכט, דער פראָסט ברענט — און דאָ זעט מען ניט קיין לעבעדיקן נפש".

— „נו, זאָגט ער, — היידאַ ! "

„און ער זעצט זיך אויף.

„איך טו אַ נעם די לייצעס אין האַנט אַריין, גיב ווידער אַ זופּ פון פלעשל און — פּאָשאָל. מיין פערדל פליט פייל אויסן בויגן, איי־דער כ׳קוק מיך אַרום, — מיר זיינען שוין אויפן אָרט.

„דער גענעראַל שפּרינגט אַראָפּ, נעמט אַרויס אַ פולן טייסטער מיט געלט און גיט מיר אַ דערלאַנג, — איר הערט, — אַ גאָלדן פינ־פערל, זאָל יאָך אַזוי לעבן ! נאַ, — זאָגט ער, דאָ האָסטו פאַר דער גוטער „יאַזדע". און לעגט מיר נאָך צו אַ „ספּאַסיבאָ".

— „יאָך בין געוועזן אין פאַראיין" — זאָגט איינער פון די מיט־שמועסער. — „האָבן זיי געזאָגט, אַז מען זאָל זיך צוזאַמענלעגן און קויפן אַ „סאַמאָכאָד". זיי וועלן צובאָרגן אַ ביסל געלט. האָב יאָך געלאַכט : וויפל סאַמאָכאָדן קאָן מען דאָס קויפן, אַז די דראָזשקאָ־זשעס, וואָס זיינען גיבליבן אָן ליטשניקעס, זיינען אין די הונדער־טער ? בלויז אויף ליבערטאַ־געסל קאָן איך אָפּציילן אַ צען מאָן; היינט אויף קראָכמאַלנע, אויף סטאַווקי, אויף סמאָטשע, אויף פּראַגע ?"

—„ ווער ס׳וועט קענען וועט מוזן ווערן אַ שמייסער ביי יענעם, ווי אַמאָל פאַרצייטנס, — געדענקסט לאָזער ? — אָבער מיר, אַלטע לייט, ווער וועט אונדז ווען נעמען ? מיר ז׳עמיר פאַרלוירן, ברודער־קע, אָפּגעפאָרן ס׳וועלטל, — קאָנסט אויסציען די קאָפּיטעס !"

די יידן קוקן שטום אויף די פאַרשטויבטע דראָזשקעס, דאָס

ליכט פון דער רויט-פאַרגייענדיקער זון וואַרפט אַ העלן שיין אויף זייערע פאַרזאָגטע פּנימער און גיט זיי צו די פייערלעכקייט פון אָפּשייד, פון אָפּגאַנג...

אויף ליבערטאַ-גאַסל שטייען זעקס דראָזשקעס מיט אַראָפּגעלאָז־טע שוואַרצע קאַפּטורן; אויף ליבערטאַ-גאַסל זיצן דראָזשקאָזשעס מיט ליידיקע הענט. פון זיי טראָגט זיך דער שאַרפער ריח פון פערד־מיסט, פון ווינט, רעגן און קעלט און — גרעניצלאָזן יאוש.

אויף די טרעפּלעך

סטאַווקי — ניזקע — לובעצקאַ — וואָלינסקאַ — אָסטראָווסקאַ — יעדע גאַס — אַ שטעטל. די וועלט איז דאָ קליין, די מענטשן — ניט אָנזעעוודיקע און דאָס לעבן — גרוי, ווי דער שטויב אין גאַס.

ווען דאָ קומט אַהער די זון, דערקענט מען גלייך, אַז זי האָט פאַרבלאָנדזשעט: ווער דאַרף דאָ האָבן די ברענענדיקע יוני-זון? די שטובן זיינען דאָ געבויט ס'זאָל קלעקן אַוועקצולייגן דעם קאָפּ ביי נאַכט, אויף צו קאָנען אָפּטאָן אין זיי זאַכן, וואָס מען היט זיך פאַר אַנדערע, נו, און אויף אַהיים. אָבער פאַר דער זון, וואָס גייט אַרום פראַנק און פריי אין דערפער, אויף פעלצער, אין מדבריות — וואָס פאַר אַ מחותנים איז מען מיט איר?

ווען די זון קומט אין די הייסע זומער-טעג אויף די דאָזיקע גאַסן, איז מען איר ניט קיין גוטער פריינד, ווייל זי טרייבט, יאָגט. זי שטויסט אַרויס פון די שטובן. אָבער וואוהין קאָן מען דאָ גיין? סיידן אויף די טרעפּלעך, צו די רינשטאָקן, צו די פּלויטן.

שטעטל — סטאַווקי זיצט ביי די רינשטאָקן, שטעטל — לו־בעצקאַ — ביי די פּלויטן, שטעטל — וואָלינסקאַ — אויף די טרעפּלעך.

די מאַמעס זיצן מיט די בריסטן אַרויס, די קינדער אויף די שויסן האַלטן פאַרוואָרפן די קעפּלעך און נאָגן פאַרחלשט. איין יידענע מאַטלט מיט דער אַנדערער פון טעפּלעך, געקעכטסן, איינגע־האַנדלטע מציאות ביי די וועגעלעך.

ס'גייען אַהין און אַהער מענטשן באַגאַסענע מיט שווייס, מיט

פאַרשטויבטע ברעמען, דורשטיקע נאָך אַ טרונק; דער שמאָלער פּאַס הימל אין גאַס האָט זיך אויפגעהויבן אויף אַ סך שטאָקן העכער און לאָזט דורכפליען אַן עראָפּלאַן, וואָס רוישט צו צום מידן מאָטאָר.

דער געררויש פון שטאָלענעם פויגל מאַכט די קעפּ נאָך צעד־חושטער און ס'דוכט זיך ווי אַלץ באַוועגט זיך און דרייט זיך. די היץ גיסט אָן אַ שלעפעדיקייט אין די גלידער און דער מוח איז ווי באַ־דעקט מיט קלעפּעכץ.

די ווייבער אויף די טרעפּלעך רעדן אַריבער צו די שכנטעס אויף דער קעגנאיבערדיקער זייט און די קולות זיינען הייזעריקלעכע, אָן עכאָס: געלע, געלע! אייער מיידל איז געלאָפן מיט די יונגען צו דער ווייסל!

— זאָל זי לויפן — ענטפערט אָפּ געלע און בעת מעשה פליט דורך אין איר קאָפּ עפּעס אַ מטושטש בילד פון יענע יאָרן: וויפל איז זי עם אַמאָל געלאָפן צו דער ווייסל!

היינט איז דאָ איר ווייסל, איר זומער־וואוינונג, איר „פרישע לופט".

די קינדער שפּילן זיך אויף די טראָטוארן, אין מיטן גאַס, אויף די הויפן. נאָר פון צייט צו צייט שיטן זיי זיך אַרויס און יאָגן זיך אויפן ברוק. פון די טרעפּלעך דערהערט זיך דעמאָלסט אַ געשריי:

— „בערל, יאַנקעלע, מנחם. — אַ „סאַמאָכאָד".

די ווייבער כאַפּן זיך אויף ווי פון אַ טיפן דרימל, די מידקייט פאַרשווינדט, די היץ טרעט אָפּ און אַלע שפּרינגען זיי אויף, וואָרענען די בערעלעך און די יאַנקעלעך. אָבער, אוי, וויי, זיי האָבן ניט באַוויזן אויפצושפּרינגען און שוין ליגט אַ יונג אונטערן „סאַמאָכאָד".

ס'קומען אָן צולויפן מאַנסלייט, מען נעמט דאָס יינגל אָפּער, די מאַמע פאַלט אויף אים אַרויף, האַלדזט אים, די אַרומשטייענדיקע ווייבער העלפן צו און פּלוצלונג צעלאַכט זיך דער אַרויסגעריסענער יונג פון אונטערן טויטס קאַסע מיט אַ שטיפעריש געלעכטער: ס'איז אים גאָרניט געשען!

לאַנג בלעזלט זיך נאָך דעם די גאַס, ווי אַ וואַסער נאָכן אַריינ־וואַרפן אַ שטיין. איצט וועט שוין ביזן שפּעטן אָוונט דאָס זיין דער שמועס אויף די טרעפּלעך, ביי די פּלויטן, ביי די רינשטאָקן.

גיך וואַנדערט די נייס פון איין געסל אין אַנדערן אַריין, און די ווייבער זיינען איצט דאָרט אומעטום וואַך, רופן צו די יינגלעך:

— „ס'האָט געהערט? אויף דער ניזקע האָט מען ערשט איינעם איבערגעפאָרן; אוי, איז ער געלעגן אונטערן „סאַמאָכאָד”!

אָבער די יינגלעך ווייסן שוין, אַז יענעם אויף ניזקע איז גאָרניט געשען. זיי האָרכן זיך קנאַפּ צו צו דער מאַמעס וואָרנונג און שפּרינגען ווייטער ווי פריער.

פּלוצלונג ווערט אַ פּריש געלויף. פון אַלע טויערן אַרויס, פון אַלע ווינקעלעך, אין מיטן גאַס און אויף די טראָטואַרן. אַ יונג מיט אַ קויש גאַלאַנטעריע-זאַכן, פאַרשווינדט ערגעץ אין אַ טויער און נאָך אים יאָגן זיך אַזש פיר מענטשן אויף ראָווערן. דער יונג איז ערגעץ ארויף אויף אַ שטאָק אין איינעם פון די פיל איינגענג פון די דריי אָפּיצינעס און די מענטשן מוזן אים לאַנג זוכן.

אַזוי לאַנג ווי מען זוכט אים איז די גאַס שוואַרץ. די ווייבער אויף די טרעפּלעך זיינען איצט אין גאַס. ס'קומען יעדעס מאָל אָן פרישע דורכגייערס און שטעלן זיך אָפּ, שטייען צו צו די קופּקעלעך. אַלע זיינען געשפּאַנט צו וויסן מיט וואָס דאָס געיעג וועט זיך ענדיקן.

און אָט פירט מען אים אַרויס. דער יונג איז ניט בלאַס, ניט דערשראָקן, צומאָל ניט פאַרצווייפלט פון זיין מפּלה. פאַרקערט, ער שמייכלט כיטרע, ווי איינער זאָגט: אָבער אַ שווער לייענען האָט עטיץ מיט מיר געהאַט...

דער יונג האָט אפילו נויטיק געהאַט היינט אויף דער נאַכט צו גיין וועגן קויפן עפּעס אַ ראַמשל, אָבער פאַרפאַלן. ער וועט עס מוזן טאָן מיט צוויי טעג שפּעטער. נע, דאָס יאָר גייט אים שלימזלדיק זינט ראש-השנה, ווען ער האָט געמאַכט דעם „פּאַטשאָנטעק”, איז דאָס שוין צום פירטן מאָל.

אויף די טרעפּלעך ווייס מען שוין ווער ער איז — „גוואַלד, סאַראַ היץ!” — שרייט אַ יידענע — „ער איז דאָך פון נומער 19. יענטע דער בייגלפּאַרקויפערינס זון!”

איצט זעצט זיך שוין די זון. אַ מיד, שוואַך, ווינטעלע, ווי אַ קראַנק קינד שלייכט זיך אַריין אין גאַס. שאָטנס לייגן זיך אויף די פאַרשטויבטע הייזער, וואָס זעען איצט אויס אָוונטדיק-פאַרקלערט און ס'טראָגן זיך פון אַלע טרעפּלעך מחיהדיקע קרעכצן: איי! איי!...

וואָס מער דער אָוונט פאַלט צו, אַלץ באַטעמטער, מיט מער

הנאה זיינען די קרעכצן. דער מאַטל גייט איצט אַזוי שטיל און פאַר־שלאָפן, ווי ס'זיינען די ווייכע שאָטנס. די טרעפּלעך ווייזן אויס צו הויך. מע דאַרף זיך אַראָפּלאָזן נידריקער, צו דער ערד, מיט וועלכער יעדעס לעבעדיקע באַשעפעניש איז פאַרבונדן מיט אַ שטומען, טיפן, אייביקן בונד....

אײַ, אײַ, ווי ס'שמעקט די לופט אויף די טרעפּלעך, ניזקע, סטאַוקי, אַסטראָווסקאַ און לובעצקאַ...

אײַ, אײַ, אַ ביסעלע לופט!...

אויף דער ליניע

די לופט ברענט ווי פייער; דער אַספאַלט אין דער הויפט־גאַס איז ווייך און ערטערווייז בלייבן די פיס אין אים שטעקן, ווי אין אַ ווייכער בלאָטע, די גאַסן זיינען שיטער, און די טריט פון די דורכ־גייער זיינען מידע און שטילע. עס הענגט איבער די קעפּ אַ גרויסע שפּאַנונג: אָט־אָט, וועט עפּעס געשען, עס וועט זיך איבעררייסן, אויפלייזן, פּלאַצן.

אין די ווילעס ליגן האַלב־נאַקעטע פרויען אויסגעלייגט אויף לעזשאַקעס און פאַרשטעלן זיך מיט געבלימטע קאָפּ־טיכלעך די פּנימער; די שווער־לייביקע — ליגן אין הייסן זאַמד, באַוועגן מאַט מיט זייערע אָנגעגאָסענע קערפּער־טיילן און פרייכן שווער; די יינגערע טאַנצן אַרום באָרוועס און זייערע קערפּערס בלאַנקען, ווי דורכזיכטיקע, פון די זון־שטראַלן.

ווי ווייט דאָס אויג גרייכט, זעט מען איבערן פעלד ליגן צע־לייגט האַלב־נאַקעטע מענטשן, מענער און פרויען שיצן זיך פון דער זון מיט שירעמס און זויגן אין זיך אַריין זשעדנע דאָס ליכט. עס זעט אויס ווי אַ גרויסער יום־טוב; אַלץ איז דין און לויטער און גרינג, ווי דאָס שטילע ווינטעלע, וואָס גיט פון צייט צו צייט אַ הויך איבערן פּנים. מענטשן האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די שווערע משא פון די קליידער און די ברוינע גופים ציען זיך אויס און צעוואַקסן זיך גרינג און שוועבנדיק.

די ביימער שטייען פאַרשמאַכטע און גיבן ניט קיין שאָקל מיט

די קעפּ. אַלץ אַרום שווייגט. דאָס גרינס פון די לאָנקעס איז ליכטיק און פאַנגט מילד דאָס אויג: עס ווילט זיך אַזוי ליגן אָן אויפהער און זיך צוזאַמענגיסן מיט דער זוניקער פייערלעכקייט פון אַרום.

אַראָפּ די דאגות — ווער האָט כח דערצו? איצט איז די גרעסטע דאגה איבערצוהאַלטן, נאָכצוקומען און מיטצוגיין אין דער שפּאַנונג פון דער הויכער היץ, און ווי אין אַ שיפל אויפן טייך — טראָגן זיך אויף די כוואַליעס פונעם ליכט.

שאַ, שטיל.

פלוצלינג, אָן צו שפּירן דעם מינדסטן איבערבּרוך, נעמען פאַלן גרויסע זילבערנע טראָפּנס אויף די פּנימער. קיין פּיצל וואָלקן אויפן הימל. קיין „שום גוואַלדזאַמע אויסלאָדונגען פון דער שפּאַנונג. עס ווילט זיך ניט אַנטלויפן. די זילבערנע טראָפּנס פרישן אָפּ די פאַר־ברענטע גופים. מענטשן עפענען די מיילער און שטעלן זיי אונטער גלייך אונטערן רעגן. איידער מען באַווייזט זיך אומצוקוקן, ווערט דער הימל נאָך העכער און ווייטער און עס ווייעט פון אים אַ בלויע וואַרעמקייט. די אַקאַציעס שמעקן מיט שאַרפע ריחות; פון וואַלד טראָגט זיך דער ריח פון זשיוויצע, און ערגעץ אין אַ ווילע נעמט הויך און לויטער שפּילן דער אָרקעסטער „ביי מיר ביסטו דער בעסטער".

עס קומען אָן די שוועבנדיקע פרויען אין פאַרביקע, לאַנגע און דרייקאַנטיקע הויזן; עס קומען יונגע בחורים מיט צעפלאַמטע בליקן; אַלט און יונג שלינגט די יידישלעכע שטייגער־טענער פון דער מעלאָדיע. דער רעגן האָט אומבאַמערקט צעזעצט די שפּאַנונג און עס אָטעמט זיך מיט פולער ברוסט. דער רעגנבויגן אויפן הימל צינדט אָן אין בלוט פאַנטאַסטישע פאַרבן: לעבן, לעבן, לעבן!

ביים וואָקזאַל שטייען מחנות מענטשן און וואַרטן אָפּ די אָנ־קומענדע אויף דער ליניע. די צוגן שפּייען אויס צעיאַכמערטע, אָפּ־געהאָרעוועטע מענטשן פון דער גרויס־שטאָט. זיי פאַלן דאָ אַריין אין די אָרעמס פון דער פרישער לופט, ווי אין אַ באָד און קרעכצן אין דערלייכטערונג:

— אײַ, אײַ — — — —

די זון לאָזט זיך אַראָפּ צום האָריזאָנט. אָט ווערט זי איינגע־קלאַמערט אין די אָרעמס פון טונקעלע בערג, וואָס זינקען ביז אין דער העלפט אין ימען פאַרביק ליכט. דער פּורפּור זעט אויס ווי דער

אָפּגלאַנץ פון ווייטע שרפות: דאָס רויטלעכע ליכט שלאָגט זיך אָפּ אויף אַלעמענס פנימער און דער אָפּשיין פאַרוואַנדלט זיי אין פאַר־ביקע לאַמטערנס, די פּיס הייבן זיך פון זיך אליין אין אַ טאַנץ.

עס טאַנצן די מענטשן פון דער גרויס־שטאָט, וואָס וועלן אָט באַלד מוזן צוריקקערן אין די דושנע וואוינונגען, און עס טאַנצן אויך די סטויגעס היי און בינטלעך געשניטענע תבואה אין פעלד, באַגאָסן פון פאַרביק ליכט. נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, וועט מען די תבואה אַראָפּנעמען. עס איז נאָכן שניט. די פעלדער וועלן ווערן ליידיק, גראַד ווי די ווילעס אויף דער ליניע, און מען וויל אַריינכאַפּן.

דער אָוונט פאַלט צו; דער אַב־הימל צינדט זיך אָן מיט מיליאָ־נען שטערן און ווייט שאַלן אין דער נאַכט די קולות פון ראַדיאָס און פּאַטעפאָנען. די „ליניע" זינגט...

מענטשן זיינען שיכור פון זון און נאַכט און לבנה, וואָס זיינען, אמת, אויך פאַראַן אין דער גרויסער שטאָט, אָבער זיי זיינען דאָ און נישטאָ... וויל מען זיך מיט זיי אָנטרינקען, שטילן דעם דורשט אויף לאַנג, לאַנג. עס זאָל קלעקן אויפן גאַנצן לאַנגן ווינטער.

גאַנדיס

גאַנדיס — גאַנדיס — גאַנדיס!

אין די הייזער, וואו עס וואוינען די שוסטער־כאַלופּניקעס, וואָס מאַכן „גאַנדיס" און אַנדערע מינים זומער־לאַטשן — טראָגט זיך דער ריח פון קויטשוק, מיט וועלכן מען שמירט די זוילן. איבער אַלע קאָ־רידאָרן, דרינגט אַריין אין אַלע שטובן און צווינגט די שכנים זיך צו פאַרשטאָפּן די נעזער קעגן איבלדיקן ריח.

פאַרטאָג וועקן זיך די שכנים אויף פון געשמאַקן פרימאָרגן־שלאָף, פאַרמאַכן גיך די פענצטער און בייזערן זיך:

— „אַן אָנשיקעניש אויף זייערע קעפּ, אויסגעקלערט אַ פּרנסה: גאַנדיס!"

דעם שוסטערס ווייב, וואָס שטייט אין קאָרידאָר און שמירט די זוילן אָטעמט אין זיך אַריין דעם דאָזיקן „לעבנס־באַלזאַם" און עס אַרט זי ניט, פאַרקערט...

מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל בעט זי איבער די שכנים. זיי זאָלן אויף איר ניט זיין ברוגז. עס איז איר שווער צו גיין פון פינפטן שטאָק אויפן הויף טאָן די דאָזיקע אַרבעט; דער סעזאָן וועט היי־יאָר דויערן אַ וואָסערע פינף־זעקס וואָכן.... בעת מעשה איילט זי זיך, זאָגט עס איז אַ שאָד אַ וואָרט אויסצורעדן, נאָך אַ פּאָר גאַנדים — נאָך עטלעכע גראָשן, נאָך אַ שטיקל ברויט און אפשר גאָר אַ פּאָר שיכלעך פאַר אַ קינד.

— אוי, ווען זי וואָלט אַזוי דעם קויטשוק געהאַט אַ גאַנץ יאָר אין שטוב!....

גאַנדים — גאַנדים — גאַנדים!

אַ גאַנץ יאָר וואַרטן די שוסטער אויפן „סעזאָן". אויף דער צייט, ווען די זון נעמט וואַרעמען, מענטשן דערפילן זיך אַזוי לייכט, זוניק און לופטיק אַז זיי וואַרפן אַראָפּ פון די פיס די שווערע ווינטער־שיך כדי צו טראָגן אָפענע, פלאַכע, לייכטע לאַטשן — גאַנדים.

און אָט איז דער סעזאָן דאָ און — סטאָפּ! שטרייק!

די מאַגאַזינען־אייגנטימער ווילן צאָלן וואָס ווייניקער; די אַר־בעטער און כאַלופניקעס קאָנען סיי ווי קוים, קוים האָבן אויף חיונה. טאָ — שלעפּט זיך טאַקע דער שטרייק אַ וואָך און צוויי. דער סעזאָן ווערט קאַליע, אָבער מיט דער מינוט, וואָס דער שטרייק ווערט פאַר־ענדיקט נעמען זיך די אַרבעטער אַרויסיאָגן פון זיך די נשמה, כדי צו קאָנען אָניאָגן כאָטש אַ טייל פון דער פאַרלוירענער צייט.

אין די שטעפּער און שוסטער־וואַרשטאַטן קלאַפּן די העמער־לעך; מען מאַכט פּאַרטיק ניט דער „גבירהטעס" נאָר דער „אביונ־טעס" טעכטערלס שיך; אין די דאָנערשטאָגס הילכן די העמערלעך די גאַנצע נעכט — גאַנדים — גאַנדים — גאַנדים!

און גאַס טראָגן מיידלעך די גאַנדים מיט געבלימלטע פּשישוועס פון רויטע לעדער מיט ווייסע פּאַסיקלעך, בלויע לעדער מיט רויטע פּאַסיקלעך, גרויע און ווישניאָווע; די לעטשעלעך זיינען לייכט; עס שטעקט אין זייערע פאַלדן און נעט דער אָפּגעהאַקטער אָטעם פון איילנדיקן שוסטער, וואָס האָט צוליבן שטרייק פאַרשפּעטיקט; דער אויסגעוועפּטער ריח פון קויטשוק, וואָס די שוסטערקע האָט אַריינ־געטאָן, און... זיי קאָסטן ביליק.

די לייכטע, לייכטע גאַנדים, וואָס קומען נאָך אַ שטרייק.

— „האָסט מיר געמאַכט אַ פּאָר גאַנדים, קוועלן זיי מיך צום

טויט", — זאָגט די כלה צו איר חתן, דעם שוסטער־געזעלן, און ער לאָזט אַראָפּ די אויגן און פאַרבייסט די אונטערשטע ליפּ: אַז ביי אַזאַ יאָגעניש איז דען אַ וואונדער, וואָס ניט אַלע פּאָרלעך קומען אַרויס גוט?

— „און מיינע גאַנדים זיינען לייכט ווי די פעדערלעך" — זאָגט איר חברטע. — איך האָב אַזאַ לייכטן גאַנג, אַז איך בין זיך פּשוט מחיה.

גאַנדים, גאַנדים, גאַנדים!

גאַנדים — היינט, גאַנדים — מאָרגן; נאָר איבערמאָרגן זיצן שוין די שוסטער אין פאַראיין, ווי נאָך אַן אָפּגעטאַנצטער חתונה און מען דערציילט זיך מיט שטילע זיפצן, ווי אַזוי עס איז אַדורך דער סעזאָן.

און וואָס ווייטער?

ביז צום ווינטער־סעזאָן איז נאָך ווייט; אין די אָוונטן אויף די פאַרזאַמלונגען אַמפּערט מען זיך לאַנג, ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די לוין־אַקציע צום נייעם סעזאָן; מען רעכנט אויס אַלע טאַקטישע פעלערן פון דעם דורכגעפירטן לעצטן שטרייק, און מען נעמט אַן באַשלוסן: עס מוז זיין אַנדערש!

ביי טאָג האָט מען גענוג צייט צו קוקן אין די גאַסן אויף די פיס פון די דורכגייענדיקע פרויען, ווי שיין, אָדער מיאוס עס ליגן די לעטשלעך, ווי עס פּרעזענטירן זיך די גאַנדים, און ניט איינעם טוט בעת־מעשה אַ טיאַכקע אין הארצן. זעט: דאָס איז דאָך מיין אַרבעט! איך דערקען לויט דער קאַפּיטע, לויטן פּאַסאָן, לויטן לעדער, נו, און לויט דער אַרבעט, — מיין אַרבעט!

און אַן אַנדערער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט און אַ שפּיי אין אַ זייט: ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיינע הענט די פאַרטיקע לעטשלעך, ווי אַ בוים די צייטיקע פרוכט; דער בוים וועט אי־בעראיאָר האָבן פרישע, די הענט וועלן ווידער מאַכן נייע גאַנדים...

גאַנדים, גאַנדים, גאַנדים!

ווען זיי ווערן באַשאַפן, ברענגען זיי דעם שעפער אַ שטיקעלע ברויט; ווען זיי ווערן געטראָגן, קאָנען זיי אפשר די טרעגער פאַר־שאַפן אַ ביסל באַקוועמלעכקייט; די אַנדערע — די, וואָס האָבן זיי באַשאַפן — זיצן שוין גרויע אין די פאַראיינען און וואַרטן שוין ווידער אויף אַ „סעזאָן"...

ליאָדעס

עס שרייט אַראָפּ פון אַלע געוועלבלעך, בודקעס, סטראַגאַנעס: ליאָדעס, שמאַנט-ליאָדעס, ליאָדעס מיט קרעם — מיר פאַרבעטן!

אין אַ טייל סאָדע-וואַסער-געוועלבלעך לייכטן אַראָפּ פון די ווענט גרויסע יידישע אויפשריפטן, געשריבן מיט הויכער, אַלט-פרענקישער מליצה פון הויף-זינגער און בדחנים; אין אַנדערע שרייען אויס די פאַטעפאָנען יידישע „שטיקלעך", וואָס צעגייען אין אַלע אברים; די עלעקטרישע לאָמפּן פאַרבלענדן די אויגן און פון ביידע זייטן פון דער איינגאַנגס-טיר שטייען רייען מענטשן, יינגלעך און מיידלעך און הערן זיך צו צום „מאָראַלישן" חזנשן געזאַנג, קוקן מיט הנאה אויף די כלות און חתנים ביי די טישלעך. מען זעט, ווי מען פונדעוועט דאָרט ליאָדעס און מען חלומט פונעם „גליק" אַליין אַריינ-צוקומען אינעווייניק.

ביי אַלע ראָגעס, פאַר עפנטלעכע פלעצער און הייזער, שטייען יונגע מענטשן אין גלאַנציקע היטלען ווי לאַקייען מיט אָנגעהאָנגענע קעסטלעך מיט אויפשריפטן פון אויסטערלישע נעמען, און פאַרקויפן די נייסטע מינים ליאָדעס דאָרטן. ערגעץ פאַרוואָרפן אין די עקן שטאָט, גייט יודל „סאַכאַרמאָראָזשניק", שטופּט זיין צוויי-רעדער-דיקן קעסטל און זינגט זיך אומעטיק: ליאָדי! ליאָדי, ליאָדי!

ווען איך זאָל שרייבן נאָטן, און אָנגענומען, אַז אויך די לעזער קאָנען לייענען נאָטן, וואָלט מען אפשר פאַרנומען די עלעגישע טע-נער פון אָט דעם זמרל, וואָס עס זאָגט דער לעצטער פון זיין פאַך, דער לעצטער מאָהיקאַנער, דער שארית-הפליטה.

איר געדענקט, ווי זיי האָבן אַ מאָל אויסגעזען, די לייט, וואָס פלעגן פאָרן איבער די גאַסן מיט פיר-קאַנטיקע גרינע קעסטלעך אויף צוויי גרויסע הילצערנע רעדער? אָנגעטאָן זיינען זיי געגאַנגען אין לאַנגע, ווייסע שירצן און מיט „טשאַפּעקעס" אויף די קעפּ — טייל ווי פּאַיאַצן, מיט אַכט, אָדער זעקס קאַנטן, און טייל אין „נגידישע קאַפּעלעך", ווי קעלנער אויף אַ חתונה; איר געדענקט דעם יחוס זייערן? — אַ קליינינקייט, אַזאַ אויסלענדיש פאַך, אַזאַ קונץ! — און זייער געדריידלט שלשלתדיק קול, ווען זיי האָבן זיך געגעבן אַ גלייך אויס אין זייער גאַנצן וואוקס און זיך צעזונגען מיט חשיבות:

— סאַכ — מאַ — ראַזש!

אַט אַזוי האָט עס אַמאָל אויסגעזען, ר׳יודל מיטן גרויען קמצל וואָס רופט איצט אַזוי אומעטיק און פאַראיינזאַמט: ליאַדי, ליאַדי, ליאַדי! — ווי די ווערטער וואָלטן געווען אַ שם נרדף און איינס וואָלט אויסגעטייטשט דעם טרויעריקן מיין פון צווייטן: ליאַדי, ליאַדי, ליאַדי!

ער גייט אַרום אַ ברוגזער איבער די גאַסן און קוקט מיט ביטול אויפן עולם-גולם, וואָס האָט ניט קיין פאַרשטענדניש פאַר אים, דעם „מייסטער" און פאַר זיין אַרבעט.

— וואָרעם נאָך אַזעלכע ליאַדעס, ווי ביי אים, וועט איר דען קריגן אין דער גאַנצער שטאָט?

„אַמאָל, מיט יאָרן צוריק, האָט מען געוואוסט, וואָס זיין אַרבעט איז ווערט. אָבער היינט, ווען עס גילט נאָר דער פוץ, ווען אַלץ איז ניט מער ווי אויפגעשמירט, אַבי די פאָר גראָשן אויסצונאַרן — ווער קוקט זיך היינט אום אויף אים?

„היינט שטייט זיך אין גאַס אַזאַ „יוקל" מיט אַ קעסטל אויפן האַרץ, ווי ער וואָלט פאַרקויפט האָרנאָדלען, פּאַפּיראָסן, צי ווייס איך וואָס, און ער גיט דיר אַ דערלאַנג אַ „ציגאַר", וואָס קאָסט נאָך אַמאָל אַזוי פיל, ווי ביי אים, ביי יודלען, און ניט יענער האָט די ליאַדעס געמאַכט ניט ער ווייס גאָר ווי אַזוי מען אַרבעט אוים מיט די אייגענע הענט אַ באַנקע ליאַדעס. אָט דאָס הייסט גוט און וואויל און פיין! אַז פאַרברענט זאָל ווערן אַזאַ נאַרישע וועלט!

„וואָרעם פאַרשטייט איר מיך, אַלץ איז היינט „פאַבריטשנע", „עלעקטריטשנע" — זיי ווייסן דען, וואָס עס הייסט ליאַדעס, געמאַכט מיט די הענט, ניט געדרייט אויף אַ מאַשין? איר זאָלט מיר מוחל זיין — עס האָט אַ טעם ווי פאַבריטשנע חרוסת!

— „איך געדענק ביי אונדז אין ליטאָמירסק, ווי דער אַלטער משה-אפרים פלעגט זיך אַוועקזעצן נאָכן בודק-חמץ זיין מאַכן חרוסת? דער קאַשקעט איז ביי אים געווען פאַרדרייט, דער לולקע-ציבוך אַוועקגעלייגט אָן אַ זייט, ווי אַן אָפּגעדינטער, די באָרד-און-פאות צעפלאַשעט, און אין גאַנצן האָט ער געקאָכט און געשוויצט, שטויסנדיק אין גרויסן מערזשער די ניס, און אַזוי איז ער אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט. ערשט האַרט פאַרן פאַרברענען דעם חמץ, האָט ער-

אויף גיך אַריינגעכאַפּט דאָס דאַוונען, עפּעס טועס געווען, און די חרוסת זיינען געווען פאַרטיק. אַ האַלבע שטאָט האָט ער דערנאָך מהנה געווען מיט זיינע חרוסת און אַלע זיינען געווען פול מיט התפעלות: אַ קלייניקייט, ר׳ משה־אפרימס חרוסת!

„היינט גייסטו אַריין אין געוועלב און מען פאַרקויפט דיר עפּעס אַ סלויאיקל מיט אַ צעטעלע „חרוסת כשר לפסח״, און דאָס איז מיר אויך אומשטיינס געזאָגט, חרוסת!

— „עך, עך, עך!״ — זיפצט ר׳ יודל מיטן גרויען קמצל, — איר הערט? ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקן״, — ווען איך וואָלט היינט געהאַט די פּאָר הונדערט גילדן, וואָלט איך מיר געעפנט אַ גע־וועלבל מיט שיינע טישלעך, מיט אַ פּאַטעפאָן און מיט אַלץ וואָס מען ברויך, און וואָלט זיך דווקא אַליין אַוועקגעשטעלט מאַכן ליאַדעס, און איך וואָלט דעמאָלט געוואָלט זען, וועלכע ליאַדעס עס וואָלטן בעסער געשמעקט: מיינע, צי די פאַבריטשנע?

— „אַז וואָס פאַר אַ טעם האָט דער גאַנצער „מן־המצר״, מיטן „כל־נדרי״, מיטן „היום תאמצנו״, וואָס דער פּאַטעפאָן שפּילט דיר אָפּ, אַז דו זיצסט בעת־מעשה און שלינגסט די ליאַדעס, ווי קאַלטע קליסקעס, שלינגסט אין זיך אַריין די שטיקער אייז ווי געסטאַיעטע פּיס חנוכה־צייט?״

— „ביי מיר לאַדעס — זיינען ליאַדעס!״ — פאַרענדיקט יודל און גייט אַוועק מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

פון דער ווייטנס טראָגט זיך זיין אומעטיק קול:

— ליאַדי, ליאַדי, ליאַדי!

די היץ איז גרויס, מענטשן גייען מיט מידע קעפּ און פאַרנעמען שוואַך דאָס „צדקה־תציל ממותדיקע״ קול פון אונטערגייענדיקן פּאָך און זיין לעצטן מייסטער.

ש נ י ט

נעכטן איז די תבואה געשטאַנען אָנגעפּוישט, געבויגן זיך פון באַלאָדענער פוילקייט און זיך געכוואַליעט אונטער דער זון, ווי אַ גאָלדענער טייך.

פון פעלד איז אויפגעשטיגן אַ לעבן, אַ שטום און פאַרבאָרגן

לעבן, וואָס איז דעם מענטש פון שטאָדט, דעם געוואוינטן צו שטיי־נערנע „קאַמיעניצעס”, ניט פאַרשטענדלעך.

נעכטן ווען דער מענטש פון שטאָט האָט זיך דאָ אַהער אַרויס־געכאַפּט אויף אַ שעה מיט דער באַן, איז ער געבליבן שטיין פאַרן דאָזיקן געהיימען לעבן, פאַרן דאָזיקן לשון פון זאַנגען, און עס האָט אים באַרוישט ווי שכרות. אין די חנעוודיק געשלענגלטע בייטן האָט גע־שלומערט די מיסטעריע פון אַ וועלט, פון וועלכער די שטאָט געפינט זיך ווייט ווי אויף אַנדערע מזלות.

דאָס איז געווען נעכטן —

היינט אין פריען מאָרגן, ווען די זון געפינט זיך נאָך ערגעץ ווייט אויפן ברעג הימל, און דער טוי פינקלט פון די קעפּ פון די זאַנגען, ווי קלאָרע אויגן, שטייט שוין דער שניטער צעשטעלט מיט די פיס און זיין קאָסע שניידט די שלאַנקע זאַנגען ביז צום וואָרצל, שניידט מיט אַ געפּיל פון אַ גרויסער פרייד וואָס די ערד האָט אים געגעבן פרוכט, ברויט פאַרזיך און פאַר דער וועלט.

די זאַנגען פאַלן אָן אַ קרעכץ, זיי פאַלן און פאַלן.

פון וויטנס זעט דער אומברחמנותדיקער שניטער אויס פאַר־קיילעכדיקט, מיט פולע ליניעס, זיין באַוועגונג איז ריטמיש, און אין גרויסן פעלד צווישן מיליאָנען זאַנגען איז דער שניטער מיט זיינע שפּילעוודיקע באַוועגונגען אויך נאָר ווי אַ טייל פונעם פעלד, ווי אַ באַוועגטע פלאַנץ צווישן פלאַנצן.

ס'מיניען זיך די געבלימטע קאָפּ־טיכלעך אויף די קעפּ פון די פויערטעס, וואָס שאַרן צונויף מיט די גראַבלעס די טויטע, אונטער־געשניטענע זאַנגען; די פאַרביקע טיכער אויף זייערע קעפּ, וואָס דערמאָנען אין יום־טוב פּאַסן זיך ניט צו דער דאָזיקער אַרבעט, פון וועלכער עס שלאָגט אַ שטילער טרויער.... באַלד וועלן זיי גאַרבן בינטלעך און זיי פּאַנאַדערשטעלן אין סטויגעס און דאָ וועט דער אומעט שוין ווערן רעדעוודיקער.

ווען מען גייט פאַרנאַכט צו אַרויס אין פעלד, וואָס האָט נעכטן געלעבט זיין געהיים, קרעפטיק לעבן, וואָס האָט אין דער פרי גע־פינקלט פון טוי ווי איידעלע שטיינער, זעט מען איצט די קעפּ פון די סטויגן איינגעהילט אין מאַטן ליכט פון זונען־פאַרגאַנג; די בינטלעך זאַנגען, צוזאַמענגעשטעלטע ביי די קעפּ, בילדן איין טויטן, צעשוי־

בערטן קאָפּ. דאָס פעלד אַרום איז באַרויבט פון זיין צירונג, זיין לעבן און זעט אויס ווי סטאַדעס געשווירענע שעפּסן, וואָס לאָזן אַראָפּ די קעפּ, ווייל זיי קענען ניט פאַרטראָגן די עוולה...

— שניט.

איצט, ווערט די זון זיך איבערקייקלען ביסלעכווייז אויף דער צווייטער העלפט; אין די פעלדער ווערט ביסלעכווייז פאַרשטומט ווערן דאָס געזאַנג פון די פייגל, נאָר אין די דאָרפישע שטובן ווערט רוישן דאָס נייע לעבן.

די גאַנצע פרייד פון דער וועלט וואַנדערט איצט אַריבער אין דאָרף. אין דער אויסגעליידיקטער שטאָט ברענט דער ברוק אונטער די פיס, די הויכע הייזער פרייכן שווער, אויף די באַלקאָנען ליגן צע־לייגט די פעט־לייביקע מענטשן ווי צעשמאָלצענע פון דער היץ, דער גרעסטער טייל איינוואוינער איז אַנטלאָפן אין שטעטלעך, אין דער־פער, אויף די זומער־וואוינונגען. די וואָס זיינען געבליבן שלעפּן אַדורך די טעג ווי כאַמעטן אויף די העלדזער.

די שטאָט איז אויסגעליידיקט פון יעדער פרייד. עס זיינען די טעג פון די שטאַרקסטע היצן, די צווייטע העלפט תמוז. אָבער אין דאָרף זינגט די פרייד.

פאַרן שניט — אין „פשעדנאָוועק" — האָט די פויערטע גע־מוזט שפּייזן דאָס הויז מיט אַ סך, אַ סך קאַרטאָפל און מיט קליינע שטיקלעך ברויט, געקויפטע אין שטאָט, לופטיק ברויט, אָנגעבלאָזן און אָנגעיורן. דאָס דאָרפישע הויז־געזינד האָט דאָס אָנגעבלאָזענע גרויס־שטאָטישע ברויט געשלונגען ווי גאַמעלקעס און איז קיין מאָל ניט געווען זאַט. איצט איז דאָ ברויט. — אַ חיות!

די מאַמע האָט אין אָוונט נאָך באַוויזן צוזאַמען מיטן טאַטן אויסצומלוטשען דאָס ערשטע ביסל קאָרן פון די אַהיימגעפירטע בינטלעך און, תיכף פאַרקנעטן אַ טייג. צומאָרגנס אין דער פרי האָט די מאַמע געבאַקן דאָס ערשטע געבעק ברויט, און פאַרנאַכט צו האָט זי געשניטן גרויסע לחמאס יעדן קינד באַזונדער און די אויסגעהונ־גערטע דאָרפישע מיילער האָבן עס געשלונגען, וואָרעמערהייט, מיט אַזאַ תענוג, וואָס מען קאָן אין שטאָט קיין מאָל ניט פילן.

שניט.

עס שפּילן די האַרמאָניעס פאַר די פענצטער פון די דאָרפישע כאַטעס, ס'זינגען מיט די שפּייכלערס, פון וועלכע עס טראָגט זיך

ווייט אַוועק דער ריח פון פרישן קאָרן, פון שפע, און שטילע דאַנקען צו דער מאַמע-ערד, וואָס האָט ניט אָפּגענאַרט.

עס איז די צייט, ווען יונגע פאַרלעך זעען זייער האָפענונג בליען: זאָל נאָר די תבואה זיין אויסגעמאָלן וועלן באַלד אָנקומען די דאָרפישע תנאים און דאָרפישע חתונות:

פריש, שמעקנדיק ברויט, יונגער מאָרגן, נייע היימען.

וואָס ווייסט די שטאָט פון אָט דער פרייד? שפירט מען דאָרט דעם טעם פון נייעם ברויט? פון שניט?

דער בעקער פון דער וואָלינסקאַ, וואָס האָט אייביק רויטע אויגן פון זיצן אין די נעכטביים בעקער-אויוון, פאַרקויפט היינט אַזוי גוט ווי נעכטן זיין לופטיק ברויט. דורך די פענצטער שאַלט הייזעריק אין שטיקנדע, שטויביקע פאַרנאַכטן דאָס קול פונעם ראַדיאָ, פון פּאַטעפאָן און גראַמאָפאָן. דאָ פילט זיך ניט דער אומעט פון די שטיינערנע, דושנע הייזער, אומעט פון טויטע ציגל.

נאָך אַ טאָג, נאָך אַ וואָך און מען וועט געוואויר ווערן, אַז דאָרט ערגעץ אויף די פעלדער איז שוין געווען דער שניט, מען וועט עס געוואויר ווערן דורכן געזאַנג פון די הויף-זינגער, וואָס וועלן דערלאַנגען זייערע סעזאָן-ניגונים פון ימים-נוראימדיקן מחזור.

שניט פון ברויט, פון פרוכט און די פרייד פון שניט, — איז דאָ אין דאָרף. אין שטאָט גליט דער אַספאַלט און איז ווייך ווי איבערגעזייערן טייג...

אויף זומער וואוינונג

אַוועקגעוואָרפענע און אַרויסגעריסענע פון זייער טעגלעכן ווינקל, ליגן די זאַכן אויף די וועגעלעך. די בעל-הביתטע האָט גוואַלטזאַם צעשטערט דעם גאַנץ-יאָריקן לעבנס-סדר, אַראָפּגעריסן פון די זאַכן זייער געפלעגטע אויסגעגליכנקייט, מיט ביטול זיי געלאָזט אַרויפוואַרפן אויפן וואָגן, אָן איבערצוקלייבן וואָס פריער און וואָס שפּעטער, וואָס ווייניקער און וואָס מער וויכטיק, און אָט ליגן זיי איצט ווי שטומע עדות פון דער גרויסער איבערקערעניש.

די שטוב, גראָד ווי די זאַכן, האָט פאַרלוירן איר איינגעשטעלט-

קייט; פון די פענצטער איז אַראָפּגענומען געוואָרן די קרוין — די גאַרדינען — און זיי קוקן מיט אויסגעהוילטע אויגן אין דער פוסטער שטוב.

שטובן — יורדים. ס'איז אין זיי ניט פאַרבליבן דער וואַרעמער הויך, וואָס עס פאַרשפּרייטן געדעקטע טישן; ס'טראָגט זיך אין זייער חלל בלויז נאָך דער ווידערקול פון די גערעדטע רייד, וואַרעמע רייד פון נעכטן און אייערנעכטן, — אָבער נאָך אַ טאָג און אַ טאָג, און אויך דער קלאַנג פון די וואַרעמע מאַמעשי־רייד וועט פאַרקלינגען און ס'וועט זיין הויל און ליידיק: אַ שטוב אין זומער אין דער גרויסער שטאָט...

די וועגעלעך גייען מידע. דאָס פויערל אויף דער קעלניע קוקט צעטומלט פונעם גערויש פון דער שטאָט, און אַנשטאָט זיך צו איילן, פאַרלירט ער זיך אין גאַנצן און שלעפּט, שלעפּט מיט זיך דעם איינציקן ציל — וואָס גיכער זיך צו דערשלעפּן אַהיים. אַרויס פון דער דאָזיקער שרעקלעכער פאַרכלינעטקייט.

פאַרנאַכט, ווען דאָס וועגעלע מיט די זאַכן וועט אָנקומען אויף דער זומער־וואוינונג, וועט שוין אַ גרויסע, גרויסע לבנה אַרויסקוקן פון צווישן די ביימער. די צווייגן וועלן רוישן דאָרפיש־פאַרבענקט און די רו וועט ליגן צעלייגט אויף די פייכטע פעלדער אַזוי שאַרף און רעדעוודיק, אַז די אויערן, וואָס זיינען געוואוינט צום אייביקן הו־הא פון שטאָט, וועלן ווערן ווי פאַרטויבט פון דער וועלטס פּלוצלינגער שטומעניש.

שטיל און פּאַמעלעך וועט דאָס פויערל אַראָפּקריכן פון וועגעלע, גראָד אַזוי ניט געאיילט און מיושבדיק אַראָפּלייגן די זאַכן אין דער ליידיקער זומער־וואוינונג־שטוב, וואָס האָט אַ גאַנצן לאַנגן ווינטער געמוזט וואַרטן אויפן לעבעדיקן אָטעם פון אַ מענטש. נאָך דעם וועט קומען די בעל־הביתטע און וועט רעדן גראָד אַזוי שטיל; זי וועט מורא האָבן אין דער דאָזיקער שווייגעניש פון די פעלדער אַריינצורעדן איר גרויס־שטאָטיש גערייִדעכץ, אויפּפּאַקן, וואָס ס'זאָל ניט זיין פון די זאַכן אויף צו האָבן אַ גלעגער אין דער נאַכט און זיך דרייען פאַרטאָגס אויפן גלעגער, געוועקט פונעם קרייען פון די הענער: וואו איז זי דאָס אין דער וועלט? וואָס ווילן די הענער אין מיטן דער נאַכט?

נאָך די הענער וועלן זיך אָנרופן די פייגעלעך, כלערליי מינים

פייגעלעך וואָס האָבן אויף יידיש נאָר איין איינציקן נאָמען — „פייגעלעך" — און דאָך הונדערטער לשונות.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ווען דער מענטש איז אויס בעל־הבית איבער דער נאַטור — דערהערט מען פלוצלינג, אַז עס זייַנען דאָ טויזנטער בעלי־בתים, וואָס קימערן זיך אַזוי ווייניק וועגן דער מענטשלעכער בעל־הביתישקייט: ס'בילן די הינט פראַנק און פריי, ווי די וועלט וואָלט געווען זייערע; ס'מעקען די קי מיט וואַרעמען, מילך־טריפנדיקן געמעקעריי, ס'טרילערן און צוויטשערן די פייגעלעך מיט אַזאַ געזאַנג און אַזאַ רעש, אַז דער גרויס־שטאָטישער מענטש פילט זיך עפּעס, ווי ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פרעמדער וועלט, וואו ער האָט גאָרניט וואָס צו זאָגן און קיינער וועט זיין זאָגעכץ ניט פאַרשטיין.

מיט אויפגעריסענע אויגן גייט מען אין אָנהויב אויף דער דאָזיקער ערד, וואָס געהער מער צו אַנדערע באַשעפענישן איידער דעם מענטש: מען אָטעמט שווער איין די לופט אָן שטאָטישן שטויב; די פאַרשטאָפּטע לונגען זיינען דערצו ניט געוואוינט, אַזוי ווייט, אַז דער קאָפּ דרייט זיך אַזש און מען ווערט פאַרשלעפּערט, ביז מען געוואוינט זיך צו, און דאַן ווערט מען נאָך אַ מאָל קינדער, קינדעריש; מען שפּילט זיך אין זאַמד, מען ברענט זיך אויף דער זון, מען באָדט זיך און מען וואַשט זיך און מען דערזעט מיט אַ מאָל, אַז מען האָט אַ קערפּער: הענט, פיס, אַ פנים, אַ האַלדז. פאַר וואָס האָט מען עס ניט געזען אין דער שטאָט? וואו זיינען זיי געווען ביז איצט?

איצט ווערט די איינציקע זאָרג פון טאָג — דער גוף, דער אָרעמער, פאַרנאַכלעסיקטער גוף, וואָס ווערט אַ גאַנצן ווינטער פאַרפּינצטערט אין די פייכטע שטאָטישע שטובן, אויף די פאַררויכערטע, פאַרשטויבטע שטאָקן.

מען טרינקט די מילך מיט גרויס הנאה, מילך, וואָס קומט ניט פון איינגעדאַרטן, געלן מילך־ייִד, נאָר פון דער קו, וואָס מען זעט מיט די אייגענע אויגן ביים פויער אין שטאַל.

ווער וואָלט דאָס אין שטאָט געקאָנט קאַווירן, אַז מילך שטאַמט פון אַ קו? ...

מען עסט גרינצייג, וואָס די פויערטע רייסט אויס פון גאָרטן; אָט שטייען זיי נאָך די מערן מיט זייערע קרוינען אין די בייטן, אָט

שמייכלען זיי פון פרימאָרגן־ טוי אונטער דער זון, און פּלוצלינג גיט מען זיי אַ רייס אַרויס און מען דערלאַנגט זיי דיר גלייך אין דער קיך.

דאָ קאָן מען שוין ניט וויסן און זען, אַז זיי קומען פון דער ערד, ניט די ערד, אויף וועלכער מען שטעלט אויף אַ ניי הויך הויז, מיט אַן ענגן הויף, ווי אַ קאַסטן, נאָר ערד, וואָס שפּייזט, פון וועלכער עס טראָגן זיך אייביק פּעטע ריחות פון וואַקסן און געדייען; די ערד פון דער קו, פון די הינער און הענער, פון פייגעלעך, ווערעמלעך און כלערליי ברואים. און דער שטאָטישער מענטש פאַרלירט זיין פאַר־ריסנקייט, זיין שטאָטישן יחוס, און הויבט אָן רעדן פשוט, ווי גלייך, מיט אַנדערע באַשעפענישן.

— אויף זומער־וואוינונג

מען וואָלט אַלע איינוואוינער פון דער שטאָט געדאַרפט אי־בערפירן כאָטש אויף עטלעכע חדשים, עטלעכע וואָכן אין יאָר צו דער ערד, אין שכנות מיט די באַשעפענישן, וואָס ווייסן ניט פון קיין פינפטע שטאָקן און פייכטע קעלער־שטובן. יאָ, מען וואָלט עס גע־דאַרפט, אָבער...

ס'פאָרן איבער דער שטאָט וועגעלעך מיט זאַכן, וואָס ציען אויף די זומער־וואוינונגען; פיל פאָרן מיט גרויסע קרבנות, אָבער נאָך מער מוזן ברענגען די זעלבע גרויסע קרבנות צו קאָנען בלייבן אין זייערע שטובן אין דער שטאָט...

אין קראַשינסקיס גאָרטן

איבערן גאָרטן הענגט אַ געדיכטע כמאַרע שטויב, וואָס דער־הויבט זיך פון טויזנטער פאָר פיס, וועלכע טאָפּטשען מידע איבער די זאַמדיקע שפּאַציר־וועגעלעך.

דער וואַסער־שפּיגל פונעם טייכל האָט אַ מאַטאָוון, פּעטן, גרין־גרוילעכן אָפּגלאַנץ, און די שוואַנען שווימען איבער אים מיט פאַר־שלאָפענע, אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

דער טאָג נויגט זיך צו ענד. אָבער די היץ איז נאָך גרויס. אַלע ווילע קומען אָן נייע מחנות מענטשן, יידן, ווייבער, פאַראיינצלטע און שורות־ווייז, און זוכן מיט פאַרחלשטע בליקן אַן אָרט אויף אַ באַנק. זיי געפינען ניט און שלעפּן זיך ווייטער.

די בענק זיינען באַזעצט פּראָפּן־פּול. יידן מיט בערד, מיט אַרויפגעשאַרצטע קאַשקעטן אויף די פאַרשוויצטע שטערנס, זיצן צוזאַמענגעקוועטשט איינער אויפן אַנדערן און קרעכצן: איי, אַ היץ! — און גיבן זיך איבער אין די אָרעמס פון דער שטילער, דרימלדיקער פוילקייט.

אויף אַן אַנדער באַנק האַלט אַ ייד אַ בלאַט־צייטונג פאַר צען גראַשן, וואָס גייט איבער פון האַנט צו האַנט. ווען דער לעצטער האָט שוין די צייטונג איבערגעלייענט, הויבט זיך אָן אַ שמועס פון „פּאָליטיקע”, פון יידישע צרות — הייסט עס...

האַרט פאַר די בענק לויפט פאַרביי אַ יונגערמאַן אין בלויזן קאָפּ, אין אַ לייטישן אַנצוג און מיט אַן אָנגעצונדענעם פּאַפּיראָס אין דער האַנט. ער רעדט הויך און טענהט זיך אויס מיט עמעצן גיך און נערוועז.

— דער קאָפּ! גיט אַ ייד אַ ווייז אויפן שטערן טייטלענדיק אויפן דורכלויפנדן, — דער קאָפּ איז ביי אים ניט מיט אַלעמען... געררירט נעבעך...

— מממאַ, מממאַ — זיפצט דער עולם — מ׳זאָגט: אַ רייך מענטשל געווען, געהאַט אַ געשעפט! איי, צייטן!

אַ יידענע אין אַ שייטל, מיט אַ פאַרדאגהט פנים, מיט אַ „שקאַר־מעץ” אונטערן אָרעם, קומט צו צו דער באַנק און גיט עפּעס אין דער שטיל ניט דרייסט אַ פרעג.

אַ ייד, וואָס די יידענע איז אים ווייזט אוים קענטלעך, גיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. די יידענע עפנט דעם „שקאָרמעץ” און נעמט אַרוים צוויי דאַרע, געלע קיכלעך פון זאַפראַן־קאָליר, און דערלאַנגט דעם ייד.

— „און ווי גייט עס איר?” — פרעגט דער ייד.

די יידענע פאַרשעמט זיך. אינעם קול האָט זי ערשט דעם יידן דערקענט. זי קאָן זיך שוין ניט צוריקציען:

— „איר זעט דאָך, ר׳ יודל! אויסגעאַרבעט זיך, האַ? געהאַט אַן אייגן געשעפט און איצט איז ד אָ ס די פרנסה, מ׳שטיינסגע־זאָגט!”

— „און וואָס טוט דער מאַן?”

— „וואָס זאָל ער טאָן? ער האַנדלט אויך אין גאַס; לויפט אַרום אַ גאַנצן טאָג, אָבער קיין פרנסה איז פון דעם אַלעם ניטאָ”.

— „און דאָס געשעפט איז ניט געווען קיין אופן צו דערהאַלטן?״

— „אַז עס גייט נישט—גייט נישט, כאָטש צערייס זיך. אין אָנהויב, ווען „יענער״ האָט זיך געעפנט דאָס געוועלב, האָט מען זיך נאָך געהאַלטן. אָבער דערנאָך, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו יאָגן, צו מסרן — איז געוואָרן שלעכט; וואָס האָט מען געקענט טאָן? האָט מען איינציקווייז אויפגעגעסן די פּאָר גילדן און פאַרמאַכט ס׳געוועלב״.

— „און עפּעס אַ מלאכה קאָן ער ניט, דער מאַן?

— „ער איז דאָך אַ חסידישער יונגערמאַן״.

— „נו, וואָס איז? איז אַ חרפּה צו זיין אַ בעל־מלאכה? האָסטו געזען!״

— „ניין״, — זאָגט די יידענע, — „אָבער פאַר דער חתונה האָט ער זיך ניט געלערנט, און איצט שטייט שוין ניט דער קאָפּ דערצו״.

די יידן שאָקלען שטיל צו מיט די קעפּ. די יידענע גייט אַוועק און עס יאָגן זי נאָך די שווערע זיפצן פון די פאַרמאַטערטע, פאַרשוויצטע יידן אויף דער באַנק.

דער אָוונט פאַלט צו. אַ לינד ווינטל גנבעט זיך צווישן די צווייגן און גיט יעדעס מאָל אַ הויך איבער די פאַרשמאַכטע פּנימער. קינדער וויינען אין די וועגעלעך. די מאַמעס, וואָס זיצן דערנעבן אויף מיט־געבראַכטע קליינע בענקעלעך, שאָקלען זיי צו און באַמיען זיך זיי איינצושלעפערן, ווערלנדיק אין דער טונקל־שעה כאָטש אָפּרוען אַ ביסל. ס׳דוכט זיך: אָט־אָט, נאָך אַ ביסל, וועלן די אָוונט־שעהן ברענגען די דערלייזונג.

אויף דער באַנק ווערט עטוואָס גראַמער: איינער איז אוועק־געגאַנגען און דער עולם צעריסט זיך. לעבן מיר זיצט אַ פרוי אין די יאָרן מיט אַ קאָפּ גרויע האָר. זי שטרענגט אָן דעם בליק אין דער אָוונט־טונקלקייט און זוכט, זוכט. וועמען זוכט זי?

זי באַטראַכט אַ ווײַלע איר נייעם שכן — מיך הייסט עס — און גיט מיר אַ פרעג, ווי שפּעט עס איז. איך ענטפער איר, אָבער איידער זי דערהערט נאָך פון מיר דעם ענטפער, — האָט זי שוין גרייט אַן אַנדער וואָרט אריינצוּוואַרפן. אין תחילת — וועגן דער היץ, וועגן דורכלויפנדן משוגענעם, און צו לעצט — וועגן די „יונגע קאָזעם״, די מינדעריעריקע מיידלעך, הייסט עס, וואָס טראָגן זיך אַלע מאָל פאַרביי ווי אַ וויכער, צוזאַמען מיט יינגלעך, וואָס באַגלייטן זיי.

— „ווער האָט עס מיט יאָרן צוריק געוואוסט פון אַזוינס?" —
„זי האָט חתונה געהאַט — פּאַרטרויט זי זיך מיר, — צו פופצן יאָר, און ווען זי האָט צום ערשטן מאָל געדאַרפט גיין מיטן חתן שפּאַצירן, האָט זי זיך שרעקלעך געשעמט, ניט געקאָנט אים קוקן אין פּנים אַריין. און — „אָט דאָס" — ווי דרייסט „דאָס" איז!

איצט גייט שוין דער שמועס גלאַטיק. איך ווער באַלד געוואויר, אַז זי איז אַן אלמנה. דער מאַן איז איר געשטאָרבן יונגערהייט — צו עטלעכע און דרייסיק יאָר. די קינדער געווען יונג; האָט זי גע־קאָנט האָבן אַ האַרץ צו נעמען אַ צווייטן מאַן? זי איז געווען שיין, יונג, געזונט. מען איז איר נאָכגעלאָפן. אָבער אַ מאַמעס האַרץ איז שטאַרק. זי האָט ניט געקאָנט פאַרגעסן אָן די קינדער. אַזוי זיינען די יאָרן געלאָפן. איצט האָט זי שוין די קינדער אויסגעגעבן — גיט זי צו מיט אַ פאַרשעמטן שמייכל און וואַרפט אַ בליק אויף מיין זייט — **אָבער זי וויל בעסער לעבן אליין, אָן דאגות.**

און באַלד כאַפּט זי זיך צוריק:

— „און אפשר... האָט זי שלעכט געטאָן. זי ווייס?" — רעדט זי, ווי צו זיך אַליין — אפשר האָט זי ניט געדאַרפט אַזוי טאָן? די היינטיקע ווייבער זיינען... קלוג, זיי ווייסן ווי זיי האָבן צו לעבן... ניין, אפשר האָט זי טאַקע שלעכט געטאָן, ווער ווייסט?...

פּויזע.

— „און איר האָט אַ ווייב?"

— „יאָ".

— „קינדער?"

— „יאָ".

— „שוין לאַנג נאָך דער חתונה?"

— „אַ יאָר פופצן".

— „נו, זיך שוין צוגעגעסן?"

— „ניין", — זאָג איך, — „פאַר וואָס?"

די יידענע ציט צונויף די ליפּן. אירע אויגן קוקן ווייט. באַלד גיט זי זיך האַסטיק אַ שטעל אויף און מיט אַ געמאַכטער יוגנטלעכ־קייט גיט זי אַ וואָרף דעם ברייטן קאָפּ האָר אין מיין זייט.

איך זיץ רואיק...

— „אַ גוטע נאַכט!" — זאָגט זי מיט אַ געבראָכן קול און גייט אַוועק מיט שווערע, אַלטע טריט...

אין דער לופט בלייבט העגנען איר טיף־רירנדע פראַגע: און אפשר האָט זי ניט גוט געטאָן?...

דער זייגער איז שוין צען. דער גאָרטן ווערט כסדר פולער. אויף די בענק דרימלען מידע, פאַרזאָרגטע יידן, אָפּגעוועלקטע, אויסגעדאַרטע, אָדער צעיורענע שווער־לייביקע ווייבער. דער ריח פון שוויים מישט זיך אוים מיטן ריח פון שטויב; פון צווישן דיביימער קוקט אַפער אַ שווערע קופּערנע לבנה. עס איז ענג. דושנע. דער גאָרטן אָטעמט שווער...

די ווילדע פליאַזשע

איבערן זאַמד וואַלגערן זיך האַלב־נאַקעטע אָפּגעבּרענטע קערפּערס פון מענער און פרויען, ווען מען קוקט פון ווייטנס זעט עס אוים ווי אַ בּעוועגלעך געפלעכט פון גלידער פון איין מעכטיק באַשעפעניש.

דער געקאַרבּטער וואַסער־שפּיגל, וואָס זעט אוים ווי אַ גרויסע דראַטענע שאַטקע, באַוועגט זיך אַזוי שטיל. די ווייסע זעגלען פון די שיפלעך שטייען גלייך ווי אויסגעצויגענע הענט, וואָס רופן: מיר זיינען דאָ, דאָ — און פון ערגעץ רופט מען זיך אָפּ און מען ענטפערט: דאָ, דאָ.

ווי צעשויבערטע קעפּ זעען אוים די קשאַקעס פון דער ווילדער פליאַזשע, זיי שטעלן פאַר מיט זייערע געשלענגלטע געדרייעענישן עפּעס אַ מין סיסטעם פון באַהעלטעניש: גאַנגען און גענגלעך און שמאָלע זייטן־וועגלעך, וואָס ציען זיך איין, ווי נישעס אין ווענט.

שטאָטישער אָפּפאַל האָט באַזעצט דעם ווייטערן טייל פון די קשאַקעס, די „נישעס”... דאַגעגן די קשאַקעס, וואָס ליגן נאָענט צום ברעג, דינען ווי הייזלעך פאַר די באַדנדיקע זיך דאָרט איבערצוטאָן.

דאָ זעצן זיך אוים גאַנצע משפּחות: טאַטעס, מאַמעס און קינדער. נאָכן באָדן און נאָכן ברענען זיך אויף דער זון עפנט זי־מאַמע דאָס קייבערל און דערלאַנגט פון דאָרטן אַ קאָטלעט מיט ברויט, אַ טעלערל מיט געקאָכטע מערן, אַ ביסל טרוסקאַווקעס.

— „משהלע, משהלע, עס אַ שטיקל קאָטלעט; נאַ, עס! עס איז דיר ניט קאַלט?”

משהלע האַפּסט און טאַנצט און שאָקלט פון זיך אָפּ דאָס טריפנדיקע וואַסער. ער גיט אַ כאַפּ דעם קאַטלעט מיט צוויי פינגער־לעך — אַ פּאַק אַריין אין מויל. די בעקלעך זיינע פּוישן זיך אָן ווי די בלאָזן און מיט פינטלדיקע אייגעלעך גיט ער גיך אַ קוק דאָ, אַ קוק דאָרט און — ער האָט געפּאַקט: אָט דאָרט פונקט קעגנאיבער טאָרקעט זיך חברה אין זאַמד. אַ שאָד די מינוט. מיט איין שפּרונג אַנטקומט ער דער מוטער פון די אויגן. איבערן וועג דערעסט ער דאָס לעצטע שטיקל און — באַץ! אַ שפּרונג אַריין אין הייסן זאַמד.

משהלעס מאַמע פאַרגעסט, ווי אַלט זי איז, און גיך טוט זי נאָך דעם קינד: אויך זי ציט זיך אויס אין זאַמד, פאַרוואַרפט די הענט, די פיס אין אַלע זייטן, דעם דיקלעכן בויך ציט זי איין, ער זאָל ניט דער־מאָנען אין איר עלטער, און טאָרקעט זיך, קאָלערט זיך אין זאַמד. די זון שמייכלט יונג; דער טייך איז מילד און די ווייסע שיפלעך ברענגען אַ גרוס פון יונגע יאָרן...

ווי שיין עס איז צו פאַרגעסן די סמאַטשע, די מילע, די דושנע וואָלינסקאַ און אָט־אָ־דאָ זיך צונויפגיסן מיטן אַרום, אַריינוואַקסן אין דעם ווייסל־ברעג, אַריינציען אין זיך ווי אַ שוואָם אַלע ריחות פונעם וואַסער, די פינקלענדיקע ליכט־שטראַלן און דאָס אָפּפרישנדי־קע געטראַנק פון דער לופט.

פון איבערן צווייטן ברעג קוקן אַהער שוואַרצע פאַרויכערטע פאַבריק־קוימענס און דער געדראַנג פון פיר־קאַנטיקע, הויכע, גרויע הייזער, וואָס שטייען איינס אויפס אַנדערע און כאַפּן ביי זיך אויס דאָס ליכט, פאַרשטעלן זיך קעגנזייטיק די שיין, לאָזן ניט צו קיין ווינט־הויך.

מען וויל אַהין ניט קוקן. מען קוקט איבער דער לענג פון טייך, אַרויף און אַראָפּ, ווי פריי, ברייט און גרויס עס ליגט און אָטעמט די ווייסל — דער שומר פון דער שטאָט.

טונקעלע פּנימער ציען אַהין, אין יענעם ווייטן עק פון די קשאַקעס: שקצים מיט פּנימער רויטע פון בראָנפן, שיקסעס מיט אונטערגעהאַקטע אויגן, מיט אַרויספּאָדערנדיקע, פאַרטשעפּנדיקע און שפּאָטישע בליקן גיין אַהין, אין די „נישעס".

צעבראָכענע בראָנפן־פלעשער, פאַרפעצטע פּאַפּירן פון „קאָלבאַס", קאַרשן־קערן און מונדשטוקן פון פּאַפּיראָסן, — וואַלגערן זיך אַר־מעטום צווישן די קשאַקעס.

די „ווילדע" פּליאַזשע — איז ווי די גרויס-שטאָט: אין פּראַנט, ביים וואַסער, אָרעמע מענטשן פון אַרבעט, וואָס קומען פאַרגעסן די פאַבריק, די מאַשין, דעם טונקעלן קעלער און די בוידעם-שטובן און אונטן, אין צווייטן עק — הויזט דער אָפּפאַל. די אויסגעגליטשטע, פון אַרבעט און אַרבעטס-עול אַרויסגעשטויסענע און אין תהום פון רויע, גראָבע ליידנשאַפטן — אַריינגעשליידערטע.

עס טראָגן זיך פון דאָרטן רויע קולות, וואָס ברענגען דראָאונג און טונקעלע געהיימנישן פון אָפּגרונט... און ווען די זון נעמט זיך זעצן — איילן זיך די פון פראַנט, ביים ברעג, צו גיין אהיים און מאַכן פּלאַץ פאַר יענע, וואָס ווערן דאָ די איינציקע מושלים פון דער נאַכט...

ניט איין ווילדע פלאָגעריי אין דער נאַכט. ווי פון קעץ אויף די בוידעמער פאַרטראָגן די כוואַליעס אין דער ווייט; די ווייסל קוקט דאַן מיט שוואַרצן אָפּגרונט אויף דער וועלט. ערשט די שטראַלן פון דער אויפגעהויבענער זון מאַכן העלער איר פּנים און זי צעשמייכלט זיך און ווערט ווידער יונג... שוין די יונגע, בויגיקע לעבנס דורשטי-קע מענטשלעכע גלידער ציען זיך ווידער צו איר דורך דער זון.

די ווילדע פּליאַזשע...

זי פאַרמאָגט דעם רייץ פון טאָג און דעם גרויל פון דער נאַכט, — איר נאָמען איז אַזוי שיין און מיאוס, ווי שיין און מיאוס עס איז דאָס לעבן.

אויף דער ווייסל

דאָס וואַסער וויגט זיך לייכט, לייכט און באַרירט מיט דינע ליפּן דעם פלאַכן ברעג.

דער טרוקענער, וואַרעמער זאַמד לויכט אין דער זון ווי אָפּ-געשייערטער מעש.

די פּיס-טריט פון נעכטיקן טאָג זיינען איבער נאַכט אויסגע-גלאַטיקט געוואָרן דורכן ווינט ווי מיט אַ פּלעט-אייזן און די פּיס טרעטן אַזוי גרינג און שטיל און זעען זיך באַלד אָן. אָט זיינען מיינע טריט...

באַלד ווערט מען היימישער. אַ ווייל שטייט מען, מען קוקט אינעם שפּיגל פון דער ווייסל, מען קוקט אין דער טיף, אין דער זייט,

אָבער ווי ווייט דאָס אויג גרייכט איז זי שטיל, שטיל. דער דאַמפּער אין דער ווייט גייט פּאַמעלעך און די כוואַליעס גרייכן ניט אַהער און שטערן ניט די רו.

פלוצלינג גיט עס אַ הויב אונטער, אַ יונגע פרייד שלאָגט צו צום האַרצן, ווי אַ דערמאָנונג פון די גוטע קינדער־יאָרן און — באַך! מיט איין שפּרינג איז מען אין וואַסער.

מיט אַ מאָל ווערט די שווערקייט פון הייסן טאָג, דער שטויב און די מידקייט ווי מיט אַ שניידיקער זאַך אַראָפּגעריסן פון קערפּער און א גרינגקייט נעמט אַרום ; מען ווערט ווי אַ פערדל, עס ווילט זיך פלאַטערן, פליען, טראָגן זיך העט ווייט.

שטאַרק און מעכטיק איז דער שטראָם ; גיט מען נאָר אַ צע־פיר מיט די הענט טראָגט ער שוין און מען קען זיך איבערגעבן זיין מאַכט , מען אָטעמט איין אין דער ברוסט די פרישקייט פון וואַסער, די ריחות פון גרונט און שליאַם און מען ווערט אזוי יונג, יונג.

באַלד גיט זיך אַ ריס אַ צווייטער, אַ דריטער. איינער שפּרינגט אַריין האַסטיק, דער אַנדערער שטעלט פאַרזיכטיקע טריט, קאָר־טשעט זיך און באַנעצט זיך לייכט די פּיס, די ברוסט, דעם קאָפּ. מען לאָזט אים אבער ניט באַקומען זיין אומצוטרוי, דאָס וואַסער וואַרפט זיך שוין אין גרויסע רעדער, עס שלאָגט אַ שוים און די שפּריצן פון די „פּאַלקעס"־שווימער טראָגן זיך אין אַלע זייטן. די וואָס וואָגן ניט, ציטערן אויף, ווען זיי באַקומען אַ שפּריץ אויפן פּלייצע און ניט ווילנדיק ווערן זיי דרייסטער.

דאָס וואַסער ראַיעט מיט יונגע און קלינגענדיקע קולות, וואָס שאַלן אָפּ מיט פּייכטן, ווייטן עכאָ. איינער לייגט זיך אוים אויפן רוקן און שווימט, ווי אַ פאַרגעסן ברעט, אַ צווייטער שווימט „שריט", אַ דריטער נורקעוועט און זעט אוים אין דורכגעלויכטענעם וואַסער פון דער זון ווי אַ שווימענדע זשאַבע.

פרויען שטייען אויף איין אָרט, קאָרטשן זיך אויסבאַהאַלטנדיק די נאַקעטע גלידער און פּאַטשן מיט די הענט איבער דער וואַסער־פלאַך — ברוגזע פּעטשלעך ווי קינדער. זיי לאָזן אַלע מאָל אַרוים שטיפערישע קוויטשערייען, וואָס טראָגן אַוועק די שווערקייט פון די יאָרן און וואַרפן אַריין אין אַ שכורן פאַרגעסן.

די זון שטייט שוין הויך. פון ווייטנס זעט מען אָנקומען מחנות יונגוואַרג און עלטערע, וועמען עס קלעקט נאָר צייט. זיי פאַרשטעלן

זיך מיט די הענט די אויגן צו קענען בעסער קוקן אויף דער זון, אויף די האָפּסנדיקע און שווימענדיקע אין טייך. זיי שניפּן מיט די נאָז־פליגל, ווי דורשטיקע פערד לעבן קוואַל און ווערן פיבערדיק . . .

אָט גייט אַרויס די ערשטע גרופּע אָפּגעבאָדענע פון וואַסער. זיי נעמען זיך וואַרפן, קאַלערן אין זאַמד און לאַכן הויך און קלאָר מיט פולע ברוסטן. אַנדערע שטעלן זיך אויס אין א ראָד און נעמען באַווייזן גבורות. פון ערגעץ ברענגט מען צושלעפּן אַ גרויסן שטיין און די גבורים ווייזן די קונץ צו האַלטן דעם שטיין אויף איין אויס־געבויגענער האַנט־פלאַך אין דער הויך. ווער עס האַלט לענגער דעם שטיין, דער שמייכלט שפּעטער צופרידן און גלעט זיך מיט הנאה זיינע נאַקעטע מוסקולן.

אַנדערע ווידער שפּילן פוסבאָל, באָקסן זיך, שפּילן אין יאָגעלעך און גייען „וואָלקעס״. די ווילדע פליאַזשע ווערט אָנגעפּילט מער און מער. עס שטייגן די קולות פון די קינדער פון דער סמאָטשע: געלע אויסגעדאַרטע אַרבעטער־קינדער, וואָס לעכצן צו דער זון און זיינען הונגעריק ווי יונגע וועלף צום פעלד, צום וואַסער און צו לופט.

— „יאַנקל״ — שרייט איין חברה־מאַן צום אַנדערן — „זאָל מען אַזוי לעבן ווי יאָך שווים דיר, זעסט אָט פון דאַנען אָן ביז דאָרט אהין״.

— „און יאָך שווים דיר צוויי מאָל אַזוי וויט״, — באַרימט זיך זיין צען־יאָריקער חבר.

באַלד טוען זיך די צוויי אַ לאָז. חברה פון אַרום שרייען צו זיי. גיבן זיי קוראַזש: די צוויי יינגלעך, יאָגן זיך, פאַרמעסטן זיך און וואַרפן אָן דעם חשק צובאַווייזן זיך אויך אויף די דערוואַקסענע. עטלעכע פון זיי נעמען טאַקע גלייך נאָכטאָן און חברה קליינוואַרג שטייט ביים ברעג ווי ברוגזע.

דערוואַקסענע רייסן זיך אריין אין זייער וועלט, נעמען רעדן מיט זייער לשון און האַוועץ מיט זייער אימפּעט...

אָבער איצט איז שוין אַלץ אויסגעמישט. איין יונגע וועלט.

הויך ציען זיך אויס אין דער זון די שלאַנקע, פרישע קערפּערס פון די אָפּגעבאָדענע. טייל קערפּערס דערמאָנען אין יונגע בזשאָזשעס, אַנדערע — אין סאָסנעס, און דעמבעס און אויך אין קרימלעכע שטאָמען, צעוואַקסן און צעיורן.

די טריפנדיקע וואַסער־טראָפּנס לויכטן און בלישטשען אַראָפּ פון די גופים ווי קרישטאָל, די האָר — ווי בורשטין.

אָט גייט שוין איין חברה אַהיים, מען גייט מיט אויסגעגלייכטע קערפּערס און מען שטעלט רויִקע, געלאַסענע טריט, פריש און זאַט ווי נאָך אַ גרויסער הוליאַנקע. פון דער צווייטער זייט קומט זיי אַנט־קעגן אַ מחנה פון שטאָט מיט אומרויִקע בליקן, מיט געבראָכענע פּים און פאַרשוויצטע פּנימער פון פאַרשטויבטן שוויים.

די מחנות קוקן זיך איבער:

— „וואַרעם ס'וואַסער?"

— „וואַרעם".

אַ רויִקייט שיינט אַרויס פון זייערע אויגן. זיי גייען איצט מיט באַנייטע כחות אין די ווערקשטעלן צו דער אַרבעט, אָבער זיי ווייסן, אַז דאָ ניט ווייט פליסט שטיל די ווייסל. מאָרגן וועט מען ווידער קומען...

רעצענזיעס

דיכטער פון טרויער און פשטות

חיים קרולס „אין דער ליטערונג"

(אַרויסגענומען פון דעם חיים קרול־בוך,
געזאַמלט פון דיכטער י. ח. ראַדאַשיצקי)

חיים קרול איז אַ לאָדזער קינד, אַ וועבער פון פאַך.

אויפן ליטעראַרישן געביט האָט ער דעביוטירט אין דעם זשורנאַל „יונג־יידיש", דער זעלבער פאַרלאַג האָט אַרויסגעלאָזט זיין ערשט לידער־בוך „לויבן".

אין יאָר 1923 האָט ער עמיגרירט אין אמעריקע.

דער „אין דער לייטערונג" איז זייער וואַרעם אויפגענומען גע־וואָרן פון די אַמעריקאַניש־יידישע ליטעראַרישע קרייזן.

אין דער יונגער יידישער דיכטונג שטייט חיים קרול ביחידות — ביי זיין אייגענעם שטענדער.

שוין די פאָרם זיינע, די קורצע, קליין־שורהדיקע לידעלעך אין ווייסן פערז, וואָס מאַכן אָפּט מאָל דעם איינדרוק פון עפּיגראַמען, גיבן צו זיינע לידער אַ באַזונדערע אייגנאַרטיקייט. לייענט מען אַדורך דאָס בענדל לידער, ווערט עס זייער מאָדנע אויפן האַרצן. עפּעס קומט עס אוים פרעמד, דער דיכטער מיט זיין הייליקער עראָטיק, מיט זיין נזירות און זיין טונקל געמיט. ערשט, אַז מען לייענט עס איבער נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, דערשפּירט מען מיט אַ מאָל אַז מיר שטייען פאַר אַ גאַנץ אייגנאַרטיקער דערשיינונג.

„אַ גרוים קינד" — דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס הענגט דיר אויף

די ליפּן נאָך דעם ווי דו האָסט אים שוין ריכטיק משיג געווען. אַ הייליק קינד. ניט אומזיסט געפינען מיר ביי אים אַזוי פיל מאָל פאַרגלייכענישן צו דער מאַמען. חיים קרולן האָט די מאַמע טיף אין לעבן אַריינגעפירט. און דערפאַר פאַרגלייכט ער אַלץ וואָס איז אים ליב צו דער מאַמען.

אים איז די נאַכט אַ געטרייע, גוטע מאַמע, און די געליבטע איז אַ מאַמע. און דער הייליקער טרויער זיינער, וואָס ער האָט בירושה פון זיינע זיידעס, דער טרויער איז אויך אַזוי צאַרט און מילד ווי אַ מוטערלעך געפיל.

לעבט ער דער דיכטער, אין זיין אייגענער אויסגעחלומטער וועלט און אַלע אַרומיקע זיינען אים פרעמד און מיילן וויים. ווי אין אַ וואונדער־צייט לעבט ער. און דערפאַר זיינען אין זיינע אויגן אַזוי קליינלעך די מענטשן.

ער ווייס, אַז ער איז אַ בעסערער פון זיין דור. פאַרן טויט האָט ער קיין מורא ניט. ער איז אים ווי אַ ברודער.

און ווען ער קומען, דער לאַנג־דערוואַרטעטער טויט, וועט ער אים פאַלן אין די אָרעמס און צוזאַמען מיט זיך וועט ער אויך אויפהייבן זיינע געדאַנקען איבער וועלט, וואָרעם ס'אַרא חשיבות האָט עס אַזאַ זיין אַ לאַנגע רגע אויף דער זינדיקער ערד, ווען מען טראָגט די אייביקייט אין זיך?

אמת, ס'איז דאָ אַזוי טרויעריק לעת עתה, אַז טייל מאָל וואָלט זיך וועלן אין אַ זאַק פּעדערן איינציען און שלאָפן, שלאָפן. און ס'טרעפט אפילו (אויב ניט תמיד) אַז מען איז אַזוי אומבאַהאָלפן ווי אַ קינד, וואָס דערוואַכט אין מיטן נאַכט און געפינט ניט זיין מאַמען. אָבער מען מאַכט שלום דער מיט. מען ווייסט דאָך אַז מען איז געבוירן אין אַ ליידנדיקער שעה און ס'איז קיינער ניט שולדיק דערין, איז אדרבה, ווערט ער גאָר ליב, דער טרויער, און מען נערט זיך מיט אים... איבעריקנס, איז דאָך דאָ אויף דער וועלט פרייד אויך, וואָס קאָלערט זיך אַרום אין אַלע וועלטן און די פרייד איז אויך אַ טייל פון דער אייביקייט, און זי איז ניט ווייניקער הייליק, ווי דאָס הייליקע נזירות, ליבט ער זי אויך, די פרייד. און טייל מאָל אפילו, אַז די זון פאַלט אָן מיט ליכט און מיט שטראַלן אויף גראָזן, ביימער און אפילו ציגל און ווענט, פאַרגעסט מען דעמאָלט אָן אַלל, און אַלע שאלות ווערן צערונען.

מיטן שטויב אויף די וועגן, ווייל ער האָט אַן אויג, דער דיכ־טער, און די פאַרבן פאַרבלענדן, פאַרכליניען אים — ווערט ער פריי־לעך, מוז ער ווערן פריילעך.

יאָ, חיים קרול קאָן אויך זינגען פון פרייד, הגם די פרייד־לידער זיינע זיינען שוואַכער ווי די טרויער־לידער, אָבער מיט אַן אמת פריילעך ווערט ער ערשט דעמאָלט, ווען עס גליט אין אים דאָס גרויסע בענקשאַפט צו דער „הייליקער" געליבטער זיינער. אָט אין אַזאַ רגע טוען מאַמעס היטן זייער מילך, קינדער לויבן זייער געבורט, זיידעס בענטשן זייער עלטער, בלינדע דאַנקען זייער גורל. —

ביי חיים קרולן איז דאָמינירנד דער טרויער. דאָס איז דער גרונד־טאָן פונעם גאַנצן ביכל לידער.

ס'איז אפשר אַ סימן־דלות פון דער פּערזענלעכקייט, ווען מען פּיעשטשעט אַזוי דעם אייגענעם טרויער און חוץ מזה, זיינען שוין אין דער יידישער פּאָעזיע אַזוי דערעסן די אַלע לידער פון שמערץ און עלנד און צער, מיט וואָס עס פלעגט אָנהייבן אַ יעדער ליטעראַ־רישע זאַמל־בוך דער גוט־באַקאַנטער בר־כהן. מען איז קוים ערשט פּטור געוואָרן פון אָט דעם חושכדיק־פלעגמאַנטן טרויער. אָבער חיים קרולס טרויער איז בלי־ספק אַן אַנדערער, בעיקר אַן עראָטישער, ער איז באַהויכט מיטן טוי פון יונגער, ערשט רייף־געוואָרענער בענק־שאַפט און דערפאַר, איז ווי מען זאָל ניט זאָגן, איז זיכער אַז דער טרויער איז אַן עכטער.

חיים קרול איז קודם כל אַן עראָטישער ליריקער — דער טרוי־עריקער יונגערמאַן, וואָס פירט אַ משפּט איבער זיך, וואָס ער האָט אויפגעטאָן אין די יאָרן דריי־צענדליק פון זיין לעבן. ער איז אַזוי אומשולדיק־ריין אין זיין ליבע ווי אַ קינד.

„ווי מיין מאַמעס ווייסע הענט
וואָלטן מיינע אויגן צוגעלענט
און מיט זייער העל געזאַנג
מיך איינגעליוליעט.
זיץ איך אויפן שטיין
ווי דו פלעגסט רוען".

און אויב אַלץ, וואָס לעבט און איז עטיש־שיין (און עטיש ווערט דאָ געמיינט אין טראַדיציאָנעל־יידישן זין. שטאַמט, לויט

אונדזער דיכטערס נוסח — פון אַ הייליקן מקור, איז די ליבע דאָפּלט־הייליק. דער סעקס — אַ רעליגיעזער אַקט. די ליבע — ריטואַל.

„זעסטו מאַן און פרוי זיך קושן —
האַלט איין דעם אָטעם —
ניט שטער דעם הייליקן ריטואַל
און בוק זיך דריי מאָל
פאַר דער קדושהדיקער מינוט,
וואָס איז אויף דיר אויסגעפאַלן."

עס קען אפשר פילע ניט געפעלן זיין (און דעם מחבר פון די שורות בתוכם), אַזאַ וועלט־באַנעם און אַזאַ שטייגער, אָבער אין דער יידישער דיכטונג האָט דאָך חיים קרול אריינגעטראָגן אַן אייגנאַרטיקן ניואַנס. פונעם בוך „לויבן" ביז „אין דער לייכטערונג" האָט חיים קרול דורכגעמאַכט אַ געוויסן מהלך. בולטער וויקלט זיך דאָ פונאַנדער זיין דיכטערישער נזירישער פּרצוף. נאָך איין בוך לידער און ער וועט ווערן דער דערוויש פון דער יידישער דיכטונג. חיים קרול איז ערלעך צו זיך, פאַרמאָגט פאַנטאַזיע און דער עיקר — פּשטות.

„די פאָלקסצייטונג"

לאָדז, פּוילן.

נתן שפּיגלס בילדער־אויסשטעלונג

קליין איז די צאָל פון די קינסטלער, וואָס באַגנוגענען זיך ניט מיט די דערגרייכטע לאָרבערן, נאָר זיי גייען כסדר תּארוים, באַנייען זיך, וואַקסן און שטייגן מעלה ומעלה.

נאָר דער אמתער קינסטלער איז מסוגל דערצו; נאָר דער עכטער טאַלאַנט ווייס ניט פון קיין רו, פון קיין סנאָבישער צופרידנקייט און ער שטייערט תמיד צום גרויסן ציל צו דערקענען די נאַטור און אירע סודות.

צו דער דאָזיקער צאָל אויסדערוויילטע מוז מען צורעכענען נתן שפּיגל. ער קומט צו אונדז פּעריאָדיש אַלע צוויי יאָר און יעדעס מאָל

מיט אַ נייער שפע פארבן. מיט נייע אויסדרוקס - מעגלעכקייטן, ניואַנסן, פאַרמען און איינפאַלן.

אָבער אויב תמיד האָט שפיגל אונדז פארכאַפּט מיט זיין זוכע־ניש, ווירקט ער אויף אונדז דאָס מאָל פיל שטאַרקער מיט זיין סטאַ־טישקייט, מיט זיין נייעם רוח החיים פון די 63 בילדער, וואָס ער האָט איצט אויסגעשטעלט אין דער שטאָטישער גאַלעריע.

שפיגל ליבט זיך מער ניט אינעם גרין און אינעם גרויען, אין שאָטנהאַפטן האַלב-מיסטישן און שטילן אומעט, וואָס ער האָט אַזוי געהאַדעוועט אין זיינע לייוונטן ווי אַלטן ווין אין קעלער. דער גרונט־טאָן פון שפיגלס ווערק איז איצט אַרויסגעבראַכט דורך ווייס, העל-ברוין און רויט, זיינע ווערק זיינען פאַרכליניעט פון ליכט, פון פריידיק, צאַפּלדיק, טאַנצנדיק ליכט.

עפּעס אַ גרויס געשעעניש אין קינסטלערס פּריוואַט-לעבן מוז האָבן אַרויסגעפּרעסט די דאָזיקע לאַנג-באַהאַלטענע פרייד זיינע און זי שטראָמט איצט פון אונטער זיין פּענדזל. און עקסטאַטישע שבחים פאַר דער נאַטור און די אייביק-וואונדערלעכע מעשה בראשית.

צי איז עס אַ פּייזאַזש פון זאַקאָפּאַנע, צי דער מאַרק פון קאַ־זשימיערזש, צי אַ שטיל לעבן, אָדער אפילו דאָס לעבן פון אַ פּאָר שיך — אַלץ, אַלץ איז באַגאָסן מיט ליכט, מיטן גוטן פריידיקן קוק פון קינסטלערס אויג, מיט דער אַלטער ביבלישער אָפּטימיסטישער פילאָזאָפיע פון „מה רבו מעשיך ה׳!״

וויל זיך דער לייענער איבערצייגן אין דער גרויסער אינערלע־כער מעטאַמאָרפאָזע, וואָס נתן שפיגל האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן און וואָס האָט אים דערפירט כמעט צו אַ רעליגיעזער האַר־מאָניע, זאָל ער גיין אָנקוקן די אַלטע שול פון קאַזשימיערזש.

נתן שפיגל האָט דאָ אַרויסגעוויזן ניט נאָר מייסטערשאַפט און טעכנישן בוי פונעם אינטעריער (אַ פאָרם וואָס מען האָט ביי שפיגעלן קיין מאָל ניט געזען), נאָר דער עיקר אין דער וואַרעמקייט, כמעט אינ־טימקייט פון די פאַרבן און פונעם ליכט, וואָס פאַרגיסט די גאַנצע שול. כדי צו קענען מאָלן אַ שול מיט אַזאַ גרויסער ליבשאַפט מוז מען אַליין זיך פילן זייער נאָענט צו דער שול...

אָבער ניט נאָר אינעם מאָלן פון דער קיזמירער שול, אין אַלץ, אינעם קאָפּ פון אַ זקן, אין האָלץ-העקער, אין שמיד, אין מושב-זקנים, אין ציימונגס-לייענער — אומעטום דאָמינירט די דאָזיקע אינערלע־

כע גלייכגעוויכט, דער ערנסט און די האַרמאָניע פון מענטשן, וואָס נעמען דאָס לעבן זייער ערנסט און וואָס ווייסן, אַז זייער שייכות צום קאָסמאָס שטעלט זיי אין אַ גרויסער עטישער אָפּהענגיקייט.

זעלטן ווען באַגעגנט מען אַ מאָלער, וואָס זאָל האָבן אַזאַ טיפן חוש אין פּאַר פרייד, אין פאַרן ערנסט פון לעבן.

נתן שפּיגל האָט מיט זיין לעצטער אויסשטעלונג באַוויזן, אַז הגם עס פעלט אין זיינע בילדער דער ספּעציפיש־יידישער דעקאָראַטיווער מאָמענט, איז ער חוץ אַלעמען אויך דורך און דורך יידיש, אַ יידישער מאָלער פון אַזאַ שניט, וואָס שטעלט אים אין אויבן־אָן פון דער יידישער מאָלעריי.

ציוניזם פון טוביה דעם מילכיקן

טביה דער מילכיקער איז אין גלות; טביה דער מילכיקער ווערט געטריבן, געדודפּט, באַשפּיגן, זיינע קינדער זיינען הפקר, זיין האָב און גוטס, זיין האַראָוואַניע ווערט פאַרניכטעט — און טביה איז ניט קיין שונא דער וועלט. טביה האָט ניט פאַרלוירן זיין גוטמוטיקייט, ער שמייכלט מיט אַ קלוגן שמייכל ביים אָנבליק פון דער כוואַליע פון רשעות, ווייל אין טוביהן לעבט אַ האָפנונג. טוביה ווייס, אַז זיינע וואַנדערונגען וועלן זיך אַ מאָל ענדיקן און אין מאָמענטן פון ערגסטער באַדריקונג, פון טראַגישן געראַנגל פאַר חיי שעה הויבט ער אויף די אויגן צו יענעם ווינקל אויף דער ערד, אין וועלכן דער חלום פון זיין פאָלק קלאַמערט זיך מיט איבערמענטשלעכער עקשנות. אַזוי האָט טוביהן געזען שלום עליכם. אַזאַ איז דער אמתער טוביה, אײַבער וועלכן קיין אולטראַ רעוואָלוציאָנערער רעזשיסער איז ניט באַגאַנגען קיין כאַראַקירי. אַזאַ טוביה האָט אויך געגעבן מאָרים שוואַרץ און דאָס איז זיין גרויסער פאַרדינסט. נאָר גרויסע קינסטלער האָבן אַזאַ דעליקאַטן חוש פאַר מאָס. נאָר גרויסע קינסטלער היטן זיך, אַז זייער באַפליגלטע פאַנטאַזיע זאָל ניט צונעמען דעם באָדן אונטער די פיס פון זייערע העלדן. מאָרים שוואַרצס טוביה איז באַלויכטן מיט אַלע ליכטער פון געמיט. ער איז העל און ערלעך און מענטשלעך אין אַלע זיינע האַנדלונגען און ביי דעם אַלעם איז

ער א ייד פון דאָרף, אַ פאָלקס-מענטש, וואָס האָט ליב שוואַרץ ברויט און פּשוטע מאכלים.

ווען מען וועט אַזאַ טוביהן פרעגן, צי ער האָט ליב די ערד, אויף וועלכער ער וואוינט, ווען מען וועט אים פרעגן, צי קומט אים גלייכע רעכט צוגלייך מיט אַלע באַוואוינער פונעם לאַנד, צו לעבט ער מיטן מאָרגן פונעם לאַנד, וועט ער אויסשטעלן תמימות-דידיקע אויגן. ווייל באמת איז דאָס קיין פראַגע ניט פאַר טוביהן. קוקט זיך צו ווי שלום-עליכם, דער מייסטער, האָט אויספאַרמירט טוביהס לעבן און איר געפינט אין אים אַלע מעלות און חסרונות פון אַן אָרגאַנישן באַשאַף. טוביה וואַקסט מיט ביידע פּיס טיף אַריין אין באָדן, אויף וועלכן ער לעבט און גראַד ווי זיין „ציוניזם" איז אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין דמיון, פון זיין העכערן איך, אַזוי איז אויך דער גלותיזם אָרגאַניש אין זיין טאָג-טעגלעכן קיום.

נאָר פּאָליטישע שיטות האָבן אויסגעטיילט פון טוביהס לעבן צוויי שטאַרקע מאָמענטן, וואָס זיינען ביי אים געפּאָרט און האָבן זיי פאַנאַנדער געטיילט אין לאָזונגען און שלאָג-ווערטער. טוביה ווייס דערפון ניט. טוביה איז וואָס ער איז.

יעדע באַוועגונג אין יידישן פאָלק, וואָס וויל האָבן אחיזה, וואָס וויל וואָרצלען אין פאָלקס-באָדן מוז נעמען איר שורש פון טוביהס שטאַנדהאַפטיקייט, פון זיין מענטאַליטעט, פון זיין סינטעז צווישן דאָ און דאָרט, צווישן היינט און מאָרגן. טוביה דער מילכי-קער מיט זיין תמימות, מיט זיין דרך ארץ פאַרן ספר און פאַרן בוך, מיט זיין גלויבן אין מענטש און אין יושר און מיט זיין ליבע צו אַר-בעט, צו ערלעכער מענטשלעכער שאַפונג, דינט אַלס סטימול.

טוביה דעם מילכיקנס „ציוניזם"? אוודאי איז דאָס אַ נאָמען פאַר אַ נייעם געשיכטלעכן פּאָליטישן אינהאַלט, אָבער דאָס וואָס דער ציוניזם שטעלט מיט זיך פאָר אין זיין תוך, דאָס איז אויך פּאַ-ראַן ביי טוביהן. אַ באַנד, וואָס ווערט קיין מאָל ניט לויז, ווייל דאָס איז ניט בלויז אינערלעכע בענקעניש נאָר אויך באַדערפעניש, ווייל עס פּאַסט זיך גוט צו צו טוביהס לאַגע אין דער וועלט און צו דעם, וואָס פון אים קען און דאַרף ווערן.

די אויפפירונג פון טוביה דעם מילכיקן דורך מאָרים שוואַרצס טרופּע איז ניט בלויז אַ גרויסע קינסטלערישע געשעעניש, ווייל אַזאַ טוביהן האָבן מיר נישט געזען נישט ביי זאַסלאַווסקין און נישט ביי

לאַמפּן, און זי איז אויך ניט פאַרכאַפּנד בלויז דערפאַר, וואָס זי ווערט אַזוי אַקטואַליזירט דורך די טרויעריקע אויסווירקונגען פון דער צייט, נאָר מער נאָך דערפאַר, ווייל זי וואַרפט אויף אין אַ קינסטלערישער פאָרעם דאָס פּראָבלעם, וואָס האַלט אין שפּאַן מיליאָנען, דאָס פּראָבלעם פון אַ נייעם מענטשלעכן סדר עולם פאַר די יידישע פאָלקס-מאַסן. דער געדאַנק ווערט ביי טוביהן באַהאַלטן, ווי די יאַנדרע אין דער שאָל. עס איז ניט די אויפגאַבע פון דער קונסט צו לייזן פּראָבלעמען נאָר זיי צו שטעלן, אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין. דער גרויסער שלום עליכם, דער פאָלקס-דיכטער און פאָלקס-פילער האָט דאָס פּראָבלעם מיט אַ רעפלעקטאָר-שיין אויפגעוואָרפן און באַהעלט. די יידישע מאַסן וועלן אים דאָס אייביק געדענקען און זיי וועלן אויך דאָס פּראָבלעם לייזן. מאָרים שווארצן, וואָס האָט געהאַט דעם מוט צו זיין טריי צום אָריגינאַל און אים צוגעגעבן פון זיין חן און טאַלאַנט, זאָגן מיר אַ גרויסן יישר-כוח. ער האָט אונדז געגעבן טוביהן אַ לעבעדיקן, אַזוי ווי מיר קענען אים אין זיך אַליין, אין אונדזער—זיין מהות. ווען מאָרים שווארץ וואָלט נאָר דאָס אַליין אַרויסעבראַכט: וואָר, פּשוט און קינסטלעריש דיינו.

מיניאַטורן

זשאַרנעס

איך, — תאוהדיק ווי אַ מענטש און ליידנדיק ווי אַ פּרוש. איך, — מיט דעם תמצית פון מיין כסדרדיקן אומרו, מיט מיין פיינלעבן שכל, וואָס זוכט דעם דנאָ, איך האָב זיך באַהאָפטן אָן דיר, אָרעם ווי איך, ערלעך ווי איך און גליענדיק ווי איך.

איך האָב ליב דיין באַשיידענעם, פאַרצערטן שמייכל, איך האָב ליב דיין פלירטנדיק פילאָזאָפיש לאַכן און דיין אַריסטאָקראַטיש, ווי קרעפּ, טרויערן איבערן לעבן — און איך זאָג מיר:

— „מיר זיינען זשאַרנעס צעוואָרפענע אין ערגעץ אַ צעאַקערט

פעלד. מיר זיינען וואַגלערס וואָס שלעפּן לאַנד אויפן פּלייצע. מיר זיי־נען קינדער, באַהעמען, חלומדיקע, זינדיקער און — פאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט ליב האָבן? אַ מאָל אין אַ טאָג וועסטו שטיין מיטן פּנים צו זון, צו ים או צו וואַלד און צי וועסטו דען דאָן ניט זוכן מיך?״ . . .

„ביי נאַכט כאַפּ איך זיך אויף און האַלט איין מיט די הענט דעם פלאַטער פון חלום איבער מיין קאָפּ. פאַר מיינע אויגן שטראָמט נאָך דער טייך און איך זאָג — „דאָס ביסטו עס דאָך — דו!״

„און צי דען ביסטו עס ניט דו? פאַר וואָס? מיר עקלען דאָך ניט מער ווי מיר ליבן. מיר האַסן דאָך ניט מער ווי מיר ליבן. צו זיי־נען מיר דען ניט אַזוי גרוים ווי קליין?

„אָן דיר, — בין איך אַ ריקאַשעט — אַ קויל. מיט דיר, — ברענענדיק פלאַקס. אָן מיר — ביסטו אַ פאַרכמורעט לאַנד. מיט מיר, — אַ טראָפּישער בוים.

„און פאַרוואָס זאָלן מיר זיך ניט ליב האָבן...?״

אין גערודער פון שטאָט

איך בין געגאַנגען דורכן גערודער פון שטאָט ווען דער טאָג האָט פויל גערוט אין די אויגן פון פאַרבייגייער און האָב אין זיך אַריינגעזויגן דאָס מתיקות פון שלאָפנדיקע בזשאַזעס אין אַ רוישיקן וואַלד.

דורך מיינע אויגן וואָס האָבן געבלאַנדזשעט אויף זאַמדיקע שטחים, באַקרוינטע מיט בראַנד פון פאַרחלומטער שקיעה — האָט אַריינגעפירט אין מיר דאָס פייכטקייט פון דער ערד, ווי אַדורכגע־ווייקטע רעגן־פלאַכטעס אויף מידע בוידן. דער האַרבסט ווי אַ אַפּ־געשליסענער בעטלער איז אומגעקראָכן אין גאַסן, גאַרנדיק נאָך ליכט פון עלעקטרישע לאַמטערן. און איך — בין געגאַנגען אָן אַ זייט פון האַרבסטיק־פוילן גערודער — אויף טויאיקע לאַנקעס מיט זון.

אַ דינער נעפּל גאָלד־שטויב האָט ווי אַ פאַרהוילענע מחיצה אָפּגעטיילט מיך פון שטאָט. דער טייך האָט אין ברייטע וואַסער־רעדער שמייכלענדיק געענטפערט די שטיפערישע צורופן פון שווי־

מענדיקע ענטלעך. ערגעץ האָט אַ פאַרשלאָפענער מילנער אויסגע-
אָטעמט אין וועלט אַריין דעם ריח פון פריש-געמאָלן קאָרן. און איך
בין געגאַנגען פאַרביי האַרבסט מיט דאָרפישער שלוה אין שטאָט,
און אַז דער אָוונט האָט בסתר געמפּילט שאָטנס ווי קלעפּעדיק ליים
אין גאַס, האָבן פּלייצעס פון דורכגייער הויך ערדיק געקאָרטשעט
זיך פון גריזשענדיקן לאַנגווייל. פון אויפגעשטעלטע, פייכט- גלאַנ-
ציקע קאַפּטנס האָבן דראָשקאַרזשעס בעטלענדיק אויסגעקוקט אויף
אַ קונה, בשעת ס'האָט אַזוי הכנסת-אורחימדיק געצויגן דאָס היי-
מישע, וואַרעמע פייער פון שמיד אין ערגעץ אַ הויף. און איך בין
געגאַנגען אין גאָס אויף גרינעם, זוניקן פעלד, — איך בין געגאַנ-
גען פאַרביי האַרבסט, פאַרביי שטאָט, — די ערשטע טראָפּנס וואָס
כ'האָב געשפּירט אויף מיין פּנים, האָב איך געוואוסט זיינען טראָפּנס
טל — רעגן —

איך בין געגאַנגען אין האַרבסטיקן גערודער פון שטאָט, איינ-
אָטעמענדיק דאָס מתיקות פון שלאָפנדיקע בזשאָזעס אין וואַלד.

לאָדז, 1923.

טויט

"TABULA RASA"

(פון דעם י. ה. ראַדאָשיצקי־אַרכיוו)

מיין טאָג איז פאַרכמורעט און שטיל ווי די שטילקייט נאָך
אַ מפּלה — און די רויזן אויף מיין טיש זיינען טרויעריק. איך באַגיס
זיי יעדעס מאָל מיט פריש-ברונע-וואַסער, אָבער זיי האַלטן אַראָפּ-
געלאָזט די קעפּלעך און זיי אָטעמען שוואַך. אין זייערע פאַלדן
בלאָנדזשעט ניט דער פּחד פאַרן טויט. זיי זיינען בלויז שטיל ווי די
שטילקייט נאָך יציאת נשמה.

איך שטיי ביז איבערן האַלדז אין וואַסער און שווייג. איך בייג
צו מיין אויער און הער ניט דעם טויט אָטעמען, פינצטער איז אַרום,
וואַסער און די פינצטערניש לייגט זיך דערויף שווער ווי אַ קופּער-

נער דעק און פאַרשלינגט עס. איך אָבער, שעפּ אַריין אין זיך דאָס חשכות ווי קלאָרע וואַלד-לופט און בלייב.

דערנאָך קומט אָן די נאַכט, בייז און פאַרדאַנהט. עמעץ וואָגלט און טראָגט דעם טויט אין זיין שויס, גיי איך פאַרביי און ריר אָן מיט מיינע פיס דאָס קלייד פון דער נאַכט און פון טויט און בלייב שטיל...

ביים באָרטן שטייט אַ לאָדקע געאַנקערט צו אַ בוים. אין איר זיצט אַ מענטש אונטערגעשפּאַרט די הענט אויף די קני און דרימלט. זיינע פּלייצעס קוקן אויס מיד און פאַרצאָגט, זיינע ליידיקע נעצן ליגן אויסגעשפּרייט נעבן אים, נאָר ער קלייבט פּאַמעלעך מיט די הענט חלומות פון טייך און טוט אויסראַטן אין שלאָף זיין אומגעלונגענעם פאַנג. הינטער אים שטייט שטיל דער טויט און וואַרט. גיי איך צו צום שלאָפנדיקן מענטש, אָן אַ זייט פון טויט, און זאָג צו אים ברודערלעך:

— „זיי באַגריסט, מיין פריינד, אין שלאָף!"

טויט — טאַבולאַ ראַזאַ — איך בין פאַרכמורעט און שטיל.

אין שטאָט געבראַזג

...אין מוח קלאַפּערן דורך די שווערע רעדער פון צענדליקער אויטאָס, און אינעם גערויש הערט זיך ניט די שטים פון אייגן האַרץ. ווי קאָן מען זיך דאָ אין אַזאַ טומל אַליין אויסזוכן, אַז מ'איז נאָר אַזאַ בידנער אויטאָ-פּאַסאַזשיר ?!...

צו מיר האָט גערעדט אַ שטיין פון קעגנאַיבערדיקן ברוק: „הו, האַ, הו, טום — טאַם — טום". ניין, ניט אַזוי האָט ער גערעדט, ר'האָט געזאָגט: „בים-בים-באַם. בים-בים-באַם!" און אפשר אַזוי אויך ניט. שווער צו זאָגן ווי אַזוי דער שטיין האָט גערעדט, אָבער גערעדט האָט ער פאַרט. און אַ סימן: די מענטשן וואָס זיינען אין הו-האַ פאַר אים פאַרביי, האָב איך נקמהדיק מאָל פאַר מאָל נאָכגעשפּיגן...

אויפן שפּאַציר פאַרנאַכט אויפן גאַס האָב איך פּעסט געקלאַפּט מיט מיינע פּאָדקאָוועס אויפן טראָטואַר מיטטראָגנדיק מיט זיך

דאָס געריידעכץ און דאָס לשון פונעם שטיין. און יעדן וויקלדיקן קנויל רויך פון אַ צענגאָרנדיקן פאַבריק-קוימען האָב איך אַ שליידער געטאָן אין דער הויך מיט אַ לופט-כוואַליע פון מיין מויל, אַ גאַנץ געבנדיק מיטן לשון פון מיין שטיין: טום — טאָם — דער בלוי-געלער שילד, וואָס מיין קלאַפּ האָט געטראָפן, איז צעפּלאַצט געוואָרן מיט אַ רעש, און צוזאַמען מיט אים דער ברוינער יאָלד אין פראַק, מיט אַזעלכע אויסגעגלאָצטע, נאַרישע שליפעס ווי זיין בעל-הבית ביי דער טיר. דאָס בלעך האָט נאָר אַזוי געקריצט און געסקריפּעט: „געלט, געלט, געלט, רויך — רויך — רויך. הזיק, טום!” — — — —

— דער נאָך האָב איך הויך געלאַכט.

אויף אַ טרעפל האָט אַ מיידעלע געבעטן: ליבע מענטשן!

צוויי לידער

1

האַרבסטיקער אָוונט

עס האָט מיך פאַרכליניעט דער אָוונט מיט גאָלד —
דאָס האַרץ איז פאַרשפונען אין שקיעהשן טרויער.
פאַרוואָרפן אין גראָזיקן ריוו הינטער שטאָט —
געגאָפט האָב איך מיד, ווי אַ שטיין, ווי אַ מויער.

אַ מאָט־ראָזער נעפל אויף פעלד איז געשפרייט,
און ס׳טוליען זיך פעסטער די ביימלעך אין וואַלד,
און ס׳בלאָנדזשען די שטראַלן צעשאָטן, פאַרבענקט,
ווי וואַנדערער, וועלכע עס זוכן די רו.

און ווייט אינעם דאָרף האָבן הייזלעך געטרוימט,
מיט מיטלייד די דעכער פאַרדעקט האָבן ווענט.
ביי פענצטער האָט עמעץ אַ מעשה דערציילט
פון מענטש, וואָס אין וואַגלען זיין לעבן זיך עקט.

דער קוקוק פאַרטרויערט אויף נאַכט האָט געקלאָגט,
אַ וועוויאָרקע האָט אין דער הויך זיך געצילט,
און באַנג האָבן ביימער און טייכן גערוישט:
ס׳האָט עמעץ זיין חלום, זיין מאָרגן פאַרשפּילט.

2

די נויט

אויגן ווילד-פאַרגלייזטע. גרינגע הידרע-בליקן,
לאַפּעס שטאָלן-מוסקולן גרייט צו שטיקן
און פון מענטשן-הויט געניית אַ בעטלער-טאָרבע
די נויט.

אַן עבד-כנעני פנים, ס׳האַרץ מיט תאוה-מיסט,
מיט האָזן-שרעק און שליפּעס אויסגעשפּיזט
אויף אַ קרבן צי אויף ברויט —
די צייט.

כאַרכלענדיק אינגעווייד, פאַרגאַווערט-בלויע ליפּן,
מיט קרעפּ און סיוועס איינגעשנירט די פאַרפוילטע ריפּן,
מלא-חימהדיק-געמיט אויף גאָט, אויף זיך
צי אויף דער וועלט —
דער טויט.

לאָדזש, 1921.

די קריטיק וועגן
פרץ אָפּאַטשינסקי

יידישער נוסח

(וועגן „נע ונד" פון פּרץ אָפּאַטשנער)

פון יצחק קאַצענעלסאָן

„נע ונד" — דער נאָמען פון... אַ דערציילונג? ס'איז אָבער ניט קיין דערציילונג, ניט קיין נאָוועלע, ניט קיין סיפּור המעשה. אַ ווערק, אָבער, איז עס. ריכטיקער געזאָגט: אַן אָנהויב פון אַ ווערק, עטלעכע דרוק־בויגן אין גאַנצן.

„נע ונד" — העברעאיש, אַ העברעאישער נאָמען... ניט בלויז דער נאָמען איז העברעאיש, דאָס גאַנצע ווערקל מאַכט אַן איינדרוק, ווי עס וואָלט געווען אַ לשון קודשעס... און זאָל עס אים ניט געזאָגט ווערן, דעם מחבר, צו גנאי!

דאָס ווערק „נע ונד" האָט נ ו ס ח, ס'איז איין שטיק נוסח.

יידיש — אויף וויפל עס שטייט אַפּאַרט, אויף וויפל עס איז אָפּגעזונדערט פון יידישער אַלטערטימלעכקייט, אויף וויפל עס איז ניט פאָלקסטימלעכקייט, אויף וויפל יי ד י ש איז אָפּגעריסן פון יי ד י ש ק יי ט — האָט ניט קיין נוסח.

דאָס מאָדערנע יידיש, נעאָ־יידיש, דאָס „יידיש" פון יידישיסטן, וואָס איז ניט דער פועל־יוצא פון אַלטן ספר אונדזערן, וואָס האָט זיך ניט געוויקט אין ים התלמוד און מדרשים; וואָס ציט ניט זיין יניקה פון טייטש־חומש, ניט געוואַלגערט זיך אין מיטאַלטערלעכן

געטאָ, ניט געוואָרעמט זיך ביי אויוונס פון בתי־מדרשים און ישיבות — האָט קיין נוסח ניט.

איך מיין דאָ ניט אויסצוזעצן אויף דעם יידישיסטישן יידיש, זאָלן זיך זייערע אויסגאָבן פּרוכפּערן און מערן, די ביכער און ביכלעך אָן נוסח... ניט יעדן פון אונדז וואָרעמען זיי, ס'איז ליטעראַטור, סתם ליטעראַטור — ס'איז אָבער ניט יידישע ליטעראַטור. אויב ניט שטענדיק נאָכגעמאַכט, איז זי אין בעסטן פאַל אויסגעטראַכט, מיט אויסגעזוכטע, ניט נאַטירלעכע, פאַר יידן, מיטלען געפלעגט און אויסגעהאָדעוועט.

די־אָ מיט איבערגעבנקייט קולטעווירטע געוויקסן זיינען ניט חשובער ווי ווילדע געוויקסן, די ביידע עקסטרעמען קומען זיך צוזאַמען, די זעלבע מיוחסים, זיי ביידע האָבן קיין וואָרצלען ניט געשלאָגן אין דער טיף, ס'איז אַ מין העברעאיש, רחמנא ליצלן, פון יידישיסטן, וואָס האָט, ווי דער העברעאיש פון וועלכן זיי זיינען אַנטלאָפן ניט צו טאָן מיטן לעבן...

זיי האָבן אייגנטלעך גאָרניט אויסגעפירט די יידישיסטן, אָפּזאָגנדיק זיך, נאָך זייערע ווערטער, פון אָן אָפּגעלעבטן העברעאיש, זיינען זיי צוגעפאַלן צו אָן „העברעאיש", וואָס איז נאָך ניט געקומען צום לעבן... מה הועילו חכמים בתקנתם?

פרץ, מענדעלע, און מער פאַר זיי ביידן — שלום עליכם — זייער יידיש איז יידישלעך! זיי האָבן אפשר ניט אַזוי ערנסט געמיינט מיט יידיש, ווי יידישסטן, זיי האָבן אָבער געהאַט דאָס, וואָס פאַרברענטע יידישיסטן האָבן ניט, זיי האָבן געהאַט נוסח, זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק ניט געיאָגט נאָך דעם טייבעלע, דאָס טייבעלע איז זיי אַליין געפלויגן צום מויל . . . און טאָמער ווערט וואָס היינט גערעדט, געשריבן און געשאַפן אין אַ לעבעדיקן, זאַפטיקן נוסח — יידיש, איז עס אַ דאַנק דער אוממיטלבאַרקייט פון עטלעכע דערמאָנטע גדולים, וואָס זיינען געקומען מיטן כוח און חן פון נאָך גרעסערע פון זיי, אַ דאַנק דעם יידיש מיט אַ זכות אבות.

די יידישע ליטעראַטור איז אין איר כמות — ניט צו פאַרזינדיקן, דאָס עכטע אָבער, דאָס נוסחדיקע ווערט בטל בששים, עס ווערט פאַרשריגן פונעם פּסעוודאָ־יידיש. דערפאַר טאָקע איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף יעדער קליינקייט, אויף יעדן בלעטל, אויף יעדן לידל,

וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון עכטן אור־יידישן קוואַל, דער־פאַר דאַרף דערמאָנט ווערן „נע ונד״!

די מעלה פון „נע ונד״ איז דאָס, וואָס עס איז ניט שפּאָגל־ניי, ס׳איז אַ המשך... אויסער אַפּאָטשנערן רעדן פון דעם קליינעם ביכל אַרויס דורות גאַנצע, די שותפים פון סטיל פון זיינעם, דער סטיל פון נע ונד.

ווען ניט די דאָזיקע מעלה זיינע, וואָלט איך זיך אפשר, אויף אַזוי פיל ניט אָפּגעשטעלט אויף דעם דינעם ביכל, ווייל ס׳איז ווייט ניט קיין פאַרענדיקט ווערק. די עטלעכע דרוק־בויגן האָבן געדאַרפט קומען אין אָנהויב, צי אין סוף פון אַ גראָב־בענדיקן ספר מיטן נאָמען נע ונד... וואָס קאָן שוין זיין קלענער פאַר אַ נע ונד פון אַמווייניקסטן 50 דרוק־בויגן? יאָ! עס פעלט דאָרט דער ספור המעשה, די פאַ־בולע . . . ווען דער ספור המעשה וואָלט דאָרט געווען זיין, וואָלט ער אפשר ניט געווען דער עיקר, דער עיקר וואָלט טאַקע געבליבן דאָס, וואָס אַפּאָטשנער האָט אונדז געגעבן אין די עטלעכע דרוק־בויגן.

איך וואָלט אפשר דעם גרויסן ספור המעשה ניט געלעזן, דאָס געגעבענע אָבער אַלס אַן אָנהויב צי אַ סוף וואָלט געווען באַ־רעכטיקט. כדי בולט צו מאַכן איין גרויסן מאָמענט ביי אַ מענטשן איז אַמאָל נויטיק דורכצומאַכן אַ גרויס, גרויס שטיק פון זיין לעבן. דאָס לאַנד, דאָס צוגעזאָגטע איז שיין, שענער איז עס ווען מען מאַכט, אויפן וועג צו יענעם לאַנד, דורך אַ מדבר.

דער מחבר פון „נע ונד״ מאַכט אפילו, כמעט אויף יעדן בלעטל, אַ פּרוואו עפּעס צו דערציילן, ער האַקט אָבער שטענדיק אָפּ אין מיטן, ניט ווייל ער קען ניט, נאָר אַזוי ווי ער וואָלט גאָר אַליין ניט וועלן . . . דער ספור המעשה רייסט זיך ממש אַריין מיט גוואַלד, דער מחבר ראַנגלט זיך אָבער מיט כל הכוחות, ער מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג, כדי זיך באַפרייען פון איר פון דער דער־ציילונג, ער דאַרף זי ניט . . . ער וויל צוגיין צום תוך, צום עיקר, צו זיין קדשי קדשים.

וואָס אָנבאַלאַנגט זיך, איז דער מחבר אין אָרדענונג. דער לע־זער אָבער, דער דורכשניטלעכער און אַ בעסערער פון אים, שטאַמלט, שטוינט, ציט מיט די אַקסלען. דעם לעזער האָט אַפּאָטשנער אין זיין „נע ונד״ אַ סך, אַ סך ניט דערזאָגט.

דאָס לעצטע וואָרט

(וועגן פּרץ אָפּאָטשנערס „נע ונד")

פון דר. י. מאַרגאָלין

א דין ביכעלע מיט א דראַמאַטישן נאָמען „נע ונד". לויטן אויסערלעכן אויסזען — איינס פון די דילעטאַנטישע העפטלעך מיט פערזן, וואָס זיינען פול מיט פּראָווינציאַנעלן טראַגיזם און נאַ־איווע זעלבסטליבע, וועלכע רירן קיינעם ניט און אינטערעסירן ניט קיינעם א חוץ א פּאָר נאָנטע חברים און באַקאַנטע. אָבער „נע ונד" איז ניט קיין פערזן. דאָס דאָזיקע ביכעלע איז בכלל ניט פון די, וועלכע מען קען צעשטרייטערהייט אַדורכבלעטערן און ארויס־שלאָגן זיך פון קאָפּ. שוין דער אָנהויב, די ערשטע שורות, צווינגען זיך צו פאַרטראַכטן.

. . . „שטיל ווי דער ווייטיק פון שטאַרבנדיקע ביחידות אויף א פעלדזיקן ים טראָגן אויס זייער שווייגן די לאָמע שייערן אין פאַרלאָזענעם פעלד"".

... „מיט פאַמעלעכן אומדרייסטן הילוך, מיט שוואַרצן טוך איבער קאָפּ, ווי די שכינה אויף די חורבות פון ירושלים, איז אָנגעקומען די נאַכט אינעם דאָרף".

די דאָזיקע זאַצן זיינען געבויט שווער, מיט מי, נאָר מיט זייערע עפּיטעטן פון מאַניער פאַרהאַלטן זיי דעם לייענער. דאָס איז ניט קיין גלאַטיק אייז איבער וועלכן מען קען זיך דורגליטשן טראַכטנדיק דערביי וועגן עפּעס אַנדערש. דאָס וואָרט פון פּרץ אָפּאָטשנער האָט זיין וואָג.

וואָס ווייטער אַלץ מער ריטם און מער בהדרגהדיקער גאַנג פון דער דאָזיקער פּראָזע ציט אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון לייענער, וועלכער קען ניט פילן דעם גאַנצן ערנסט און די קאָנ־צענטרירטקייט, וואָס איז אין איר פאַראַן. פּרץ אָפּאָטשנערס בוך געהער צו די יעניקע, וועלכע מען קען לייענען עטלעכע מאָל און וועלכע געווינען ביים ווייטערדיקן איבערלייענען זיי: זייער א וויכטיקער סמן ביי דער אָפּשאַצונג פון א פּאָעטיש ווערק.

דאָס דאָזיקע בוך האַלט אָבער אויס נאָך אַ פּרוואוו. צום סוף געפינט זיך די דאַטע פון יאָר 1923 און דאָס בוך, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין אַ צייט, וואָס איז פאַר אונדז שוין פאַרגאַנגען, — אַלט אויס דעם פּרוואוו פון די אָפּגעלאָפענע יאָרן. אינערלעך, לויטן תוך, געהער עס אָן ספק צום יאָר 1923 און פון דעסטוועגן, אין דער היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, וואָס רוימט אָפּ אַזוי פיל זאַכן, וואָס האָבן אין זייער צייט זיך אויסגעוויזן צו זיין ווערטפול — וועט דאָס דאָזיקע בוך בלייבן און דערהאַלטן זיין באַדייטונג.

איך בין איבערצייגט, אַז דאָס דאָזיקע בוך וועט בלייבן אין דער יידישער ליטעראַטור און וועט פאַרנעמען אין איר זיין באַשיידן, אָבער זיין אייגן אָרט ווי איינס פון די וויכטיקע דאָקומענטן פון דער נאָך-מלחמה צייט. די ערלעכקייט און עכטקייט פון די דאָזיקע זייטלעך, אין וועלכע עס איז ניטאָ קיין פאַלשקייט, קיין „עפעקטן", קיין ליטעראַרישע שאר ירקות, גיט צו פּרץ אָפּאָטשנערן אַ באַזונדערע קראַפט און איבערצייגונג.

דאָס דאָזיקע בוך איז — אַ מין פּאָסט-סקריפּטום אָדער עפּילאָג פון דער עפּאָכע פון דער יידישער שאַפונג, וואָס האָט איר בעסטן ספר הזכרונות אין י. ל. פּרצס „חסידיש". דער קומענדיקער היסטאָריקער פון דער יידישער ליטעראַטור וועט נאָך י. ל. פּרצס גרויסע ווערק זיך דערמאָנען אויך אין דאָזיקן קליינעם ביכל, דערפאַר ווייל עס ליגט אויף דער זעלבער גייסטיקער און ליטעראַרישער ליניע. דערין געפינט זיך דאָס שלום-וואָרט, דאָס לעצטע וואָרט, דער לעצטער אויספּיר.

י. ל. פּרץ האָט אונדז געגעבן אַ בילד פון יידישן גייסט און דער יידישער נשמה, וואָס זיינען געווען פול מיט קראַפט, אָן ריסן, אָן צווייפלען. דאָך איז אויך שוין אין זיין שאַפונג געווען אַ צעצווייטקייט. י. ל. פּרץ איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון פּרעכטיקן פּאַלאַץ פון דער יידישער אמונה און הגם ער איז געווען געווענדט צו אים מיט זיין גאַנצן בליק — האָט ער דאָך נאָר „געקוקט פון דער שוועל". פון י. ל. פּרצס חסידישע און פאָלקסטימלעכע סעריע העלדן ביז יוחנן מבקש איז — גייסטיק — נאָר איין שריט. דעם דאָזיקן שריט האָט פאַרגיכערט די וועלט-מלחמה, וואָס האָט אויפגעטרייסלט דאָס גאַנצע יידישע לעבן. י. ל. פּרץ האָט „געקוקט פון דער שוועל". דער העלד פון פּרץ אָפּאָטשנער — יוחנן מבקש — האָט גע

מאַכט אַ ווייטערן שריט און האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון דער יידישער פּאַטריאַכאַלער אמונה. די געשיכטע פון דער דאָזיקער איבערקערעניש „דאָס פאַרלאָזן די היים" און דער איבערגאַנג אין אַ צושטאַנד פון „נע ונד" איז דער אינהאַלט פון פּרץ אָפּאָטשנערס בוך. יוחנן מבקש איז אַ סימבאָל פון אַ דור אָן היים, אָן אחיזה, אָן אינערלעכער רו. „מיט אַ פאַרלאָשענער האַלאָוועשקע פון מיין זיידנס פּייער אין האַנט"... ווי ער זאָגט אַליין וועגן זיך. לאַנג קען מען נע ונד ניט זיין. דאַריבער כאַראַקטעריזירט פּרץ אָפּאָטשנערס בוך אַ געוויסע איבערגאַנגס-צייט אין דער געשיכטע פון יידישן גייסט.

דער ווערט פון דאָזיקן בוך באַשטייט דערין, וואָס עס איז ניט קיין „פּראָגראַמאַטישע" אַרבעט מיטן צוועק צו פאַרטיידיקן וועלכע עס איז טעזן, נאָר איז אין תוך אַ שטים פון טיפן האַרצן „ממעקים", ס'אַנטהאַלט פיינלעכע איבערלעבענישן אין אַ שטים פון האַרץ, וואָס איז פול אומרו און וויטאָק. אויפן שטח פון 15 קליינע קאַפּיטלעך וויקלט זיך פאַר אונדז פונאַנדער עפּעס ווי אַ לירישע עפּאָפּייע, וואָס אירע עטאַפּן פירן דורך וואַנדערונגען אין צייטווייליקע אכסניות, דורך גלויבן און פאַרביטערונג, דורך איינזאַמקייט און טראַפּענישן, דורך בילדער פון אַמאָליקן לעבן און דער שרעקלעכערווירקלעכקייט, כדי צו פאַרענדיקן מיט ווערטער פון ביטערער קראַפט:

„איך האָב אַדורכגענישטערט די ספרים פון בעל שם און פון מוהר"ן און פון אַ סך אַנדערע הייליקע געמיטער. איך בין אָן אַ שיעור מאָל געגאַנגען אין דמיון אויפן קבר פון ר' נחמן מיט אַ תפילה: עפּן! נאָר גאָרנישט האָב איך מיטגעבראַכט פון אַ גלויבן, וואָס זאָל זיין אָנגעמאָסטן פאַר מיין צייט און מיין אָרט אַ חוץ סודותדיקע, דעם שכל דערווידערדיקע ראשי תיבות און גימטריאות, און איצט בין איך געבליבן שטיין ווי אַ פּרוכנע געוואָרענער וועג-ווייזער אויפן מיטן וועג, וואָס פון אַלטקייט איז פון אים די אויפשריפט „וואוהין" געוואָרן אָפּגעמעקט"...

דער וואָס פירט דורך דעם דאָזיקן שרעקלעכן סך-הכל — איז דאָך דער זעלבער, וואָס איז מיט עטלעכע יאָר פריער געווען דער העלד אין י. ל. פּרצס דערציילונגען. די גייסטיקע ענערגיע איז נאָך די זעלבע, נאָר זי האָט פאַרלוירן די ריכטונג און די טראַדיציאָנעלע פאָרם. ביי דער גאַנצער טרייסטלאָזיקייט און פאַרוויסטונג, וואָס זיינען געקומען ווי אַ רעזולטאַט פון דער נאָך-מלחמהדיקער צע-

שטערונג, ביי דער גאַנצער גרויסער מידקייט נאָך דער גרויסער אויפטרייסלונג — איז אין דאָזיקן בוך פאַראַן אַ קאָלאָסאַלער באַגאַזש פון רעליגיעזער און מאָראַלישער קראַפט, וואָס גייט לאיבוד. פאַראַן ערטער, ווי די סצענע מיטן וכוח איבער יידישקייט אין בית המדרש (זייט 12), וועלכע מען וואָלט פשוט געדאַרפט ציטירן, ווען מען זאָל ניט אָפּשוואַכן מיטן איבערדערציילן דעם איינדרוק.

די 15 קאַפּיטלעך פון בוך גיבן איבער די געשיכטע פון דער וואַנדערונג אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר, נאָר זייער אייגנטלעכער זין באַשטייט דערין, כדי איבערצוגעבן אָן איין־איינציקן נשמה־צושטאַנד און אין דעם זין זיינען אַלע 15 קאַפּיטלעך גלייכצייטיק, ווי אַ מוזיקאַלישער אַקאָרד. אין איין אַקאָרד ווערן איבערגעגעבן אַלע סתירות פון וועלכע עס איז צונויפגעקאָכט די נשמה, הארץ און פאַרשטאַנד, ליבע צו דער דאָזיקער וועלט, אין וועלכער מען קען שוין ניט בלייבן — די תאווה צו דער שרעקלעכער שיינקייט פון לעבן און די שרעק פאַרן לעבן — אַ דינע און אַ גראָדליניקע צאַרטקייט און אַ דרייסטקייט, וואָס איז אומבאַרמהאַרציק צו זיך זעלבסט.

און עס איז פאַראַן אַ גרויסער מענטשלעכער אמת דערין, וואָס די דאָזיקע אַלע סתירות שאַפן ניט קיין דיסאָנאַנס. דאָס מענטשלעכע הארץ קען אין זיך אַריינגעמען אַלץ, אָבער עס ברעכט זיך אונטער אַזאַ לאַסט. עס בענקט צו דער שיינקייט פון אַמאָל און איז גרייט אויפצונעמען דעם אמת פון דער צוקונפט — און אַזוי פּלאָנטערט דאָס הארץ אָן אחיזה צווישן דעם וואָס איז געווען און דעם וואָס איז נאָך ניט דאָ.

אַ בוך פון אַ וואונדערלעכער ווייכקייט און מילדקייט... אַ בוך פון שעמעוודיקע האַלב־טענער, אָנגעשריבן ביים „ראַנד פון לעבן", וואו קיין איינציק וואָרט ווערט ניט אַזוי אָפט איבערגעחזרט ווי דאָס וואָרט „אומבאַהאָלפן", „אומבאַהאָלפנקייט"... אַ בוך, וואָס איז מאָמענטנווייז פול מיט פילאָזאָפישער טיפקייט. עס איז אמת, ניט זייער צוגעפּאַסט צו דער היינטיקער צייט. די איצטיקע צייט פאָדערט שאַרפע פאַרבן און גלייכע ליניעס. אירע קעגנזאַצן זיינען שאַרפע און באַשטימטע. זי פאַרטראָגט ניט קיין האַלב־טענער און זעלטן פאַרטראַכט זי זיך וועגן דער קאָמפּליצירטקייט פון לעבן.

איך גלויב ניט, אַז אַזאַ בוך, ווי „נע ונד" וואָלט נאָך געקענט

אָנגעשריבן ווערן אין יאָר 1934, אָבער עס פאַרדינט דאָך געלייענט צו ווערן אויך איצט און לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן וועט מען עס לייענען נאָך לאַנג נאָך 1934.

„נע ונד"

אַ פּאָעמע פון פּרץ אָפּאָטשנער

פון משה בראָדערזאָן

(מ. ב.) דער יונגער לאָדזשער שריפטשטעלער פּרץ אָפּאָטשנער האָט אַרויסגעגעבן זיינס אַ ביכל א. נ. „נע ונד" — אַ פּאָעמע אין פּראָזע.

דאָס איז דאָס ערשטע ווערק אין בוך-פאָרם פון דעם דאָזיקן שריפטשטעלער, וועלכער האָט לעת עתה זיינע אַרבעטן געדרוקט אין צייטונגען און זשורנאַלן אין פּוילן און מחוץ לארץ.

די איצט פאַרעפנטלעכטע פּאָעמע „נע ונד" איז אַלזאָ אין אַ געוויסער הינזיכט אַ דעביוט.

די פּאָעמע צייכנט זיך אויס, אין דער ערשטער ריי, מיט דער פאָרם-זוכעניש פון דעם לאָדזער יונגן דיכטער, וועלכער שטיצט זיך אויף יידישן אַרכאַישן נוסח און ספּעציעל אויף די סופורי ר"ן.

אַלס אַזאַ פאָרם-עקספּערימענט איז דאָס ווערק ספּעציעל אינטערעסאַנט און אינטריגירענד, און נעמענדיק אין אַכט, אַז אינהאַלטלעך דריקט פּרץ אָפּאָטשנער אויס די נשמה-ניואַנסן און וואַנדלונגען פון דעם יונגן ייד, וואָס איז נע ונד אין דער גאָרער וועלט פון שטרויכלונגען — זיינען מיר זיכער, אַז די מאָסגעבנדע יידישע קריטיק וועט דעם דעביוט פאַרצייכענען אויפן אַקטיוו פון דעם דיכטער און דער יידישער ליטעראַטור.

מיר ווינטשן פּרץ אָפּאָטשנערן די פאַרדינטע אויפמערקזאַמקייט און דערפאָלג.

אַ פרום ביכעלע

פון דר. א. מוקדוני

די דיכטערן שרה רייזען האָט מיר צוגעשיקט אַ ביכעלע, וואָס הייסט „נע ונד״, פון פרץ אַפּאַטשנער. אין דעם בייגעלייגטן בריוועלע אירם דערציילט זי מיר, אַז דער שרייבער פון דעם דאָזיקן ביכעלע איז געבליבן אין פוילן, אין געטאָ, און שוין איבער צוויי יאָר ווי זיין שוועסטער אין אמעריקע האָט ניט געהערט פון אים.

האָב איך באַלד זיך אַוועקגעזעצט און דורכגעלייענט דאָס ביכעלע.

עס איז אַ מערקווירדיק ביכעלע, עס איז א פרום ביכעלע, אַ יידיש-פרום ביכעלע. דאָ האָט איר דעם זיווג פון וועלטלעכקייט און יידישע רעליגיעזיטעט.

אונדזער רעליגיעז-געשטימטע שריפטשטעלער האָבן זיך געדאַרפט באַקענען מיט אָט דעם ביכעלע.

מיר איז כסדר א חידוש פאַר וואָס האָבן די רעליגיעזע שטימונגען ביי יידישע שרייבער זיך ניט אָפּגערופן בולט אויף אונדזער ליטעראַרישער שאַפונג, סיי אויפן אינהאַלט און סיי אויף דער פאָרם, עס זיינען דאָ בלויז צופעליקע און ניט-בולטע מאַניפעסטאַציעס פון די דאָזיקע שטימונגען. אין דעם ביכעלע „נע ונד״ האָבן מיר אַ וועלט געזען מיט יידיש-רעליגיעזע אויגן. אין דעם דאָזיקן ביכעלע האָבן מיר אי יידיש-רעליגיעזע פאָרם און אי יידיש-רעליגיעזן אינהאַלט. עס פעלט נאָך, אמת, דאָ און דאָרט ספּאָנטאַנישקייט, עס פעלן נאָך דאָ און דאָרט קלאָרקייט און שאַרפקייט. עס איז נאָך קענטיק דער געראַנגל פון פאָרם און אינהאַלט, עס איז נאָך ניטאָ די פולע האַרמאָניע צווישן אינהאַלט און פאָרם, דאָ איז דער אינהאַלט פאַרנאַכלעסיקט צוליב פאָרם און דאָ איז די פאָרם ניט בשוה מיטן אינהאַלט.

אָבער עס איז בפירוש דאָ אן אָנהויב פון עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען באַצייכענען ווי אַ רעליגיעז-יידישע ליטעראַרישע ליניע.

און פאַרשטייט זיך, אַז די שפּראַך איז געפאַרבט רעליגיעז-לי-

טעראריש, דאָס איז אָבער ניט ניי, דאָס האָט שוין י. ל. פּרץ געשאַפן אין זיינע פאָלקסטימלעכע געשיכטן און זיינע חסידישע מעשהלעך.

לאָמיר האָפן, אַז פּרץ אָפּאָטשנער וועט ארויס בשלום פון די רוצחישע נאַצישע הענט און מיר וועלן אים האָבן צווישן אונדז.

מיר דאַרפן אים האָבן, ווייל ער זוכט צו זאָגן אונדז עפּעס נייס אויף אַ נייעם אופן.

פּרץ אָפּאָטשינסקי

פון חיים קרול

זיין ביכל „אין שטאָט געבראַזג", וואָס ער האָט מיר געלייענט מיט צען יאָר צוריק, האָט אין זיך אַנטהאַלטן אַ פּאָעטישע פּראָזע.

און כ'וויים ניט איבער וועלכע סיבות ס'איז ניט ארויס.

ס'איז געווען אַ פּראָזע, פון הויכן גראַד, נאָענט צו פּאָעזיע — לידער זיינען עס געווען.

אַ קאַפּריזנע פּראָזע.

כ'בין פון איר געווען אַנטציקט.

אַ געקרייזלטע פּראָזע, ווי אַ לאָקן־קאָפּ, איז די פּראָזע געווען.

אַ קורץ געשוירענער קאָפּ־לאָקן.

קאַפּריזנע און לאָקיק.

ס'איז געווען אַ געפליגלטע פּראָזע:

זי בליט ניט אויף נייע וועלטן.

זי אַנטדעקט ניט דעם נאָרד־פּאָל. ניין, ווען כ'זאָג, געפליגלטע פּראָזע, מיין איך אַ באַזונדערע ארט־פּראָזע, וואָס מען זעט עס גאָרניט ביי אונדז.

זי שטייט אָפּגעזונדערט:

הן אין איר אינהאַלט. הן אין איר פאָרעם.

גאָר באַזונדער אין אַ זייט פון אונדזערע פּראָזע־דיכטער.

ווי די זאַמדן פון הייסן סאַכאַרע וויקלען זיך, אַזוי וויקלט זיך זיין פּראָזע.

טרוקן־לופטיק.

נאָר צעשיטן זיך ניט ווי די זאַמדן אין דעם הייסן מדבר, איך מיין דעם עצם קרויז, בעת דער ווינט יאָגט זיין דאַמף אויף די זאַמדן אָט דער וויקלט, דער קרויז איז אין זיין דערציילן.

אייגנטלעך, איז עס אַ זינגען אויף דער העכסטער אָקטאַווע. דאָס באַזינגט ער די שטאָט אין פאַרשיידענע פאָזן מיט אירע אייגנ־טימלעכקייטן — און הײַם, אַזוי ווי די זאַמדן, אַזוי הײַם איז זיין זינגען, און ס׳קריכט זיין פאַרע אין די ווערטער, אויף די בלעטער.

א יושר וואָלט געווען, מען זאָל זיי אַרויסגעבן.

ניו־יאָרק.

אַ חסיד — אַ פּאָעט...

פון ש. טענענבוים

„היי, גלות־אַפּריכטער דו, מבולבלער נע ונדניק דו, וואָס גייסטו עס ווי אַ האָן אויף אַ פעלד אין שמיטה פאַרביי דער וועלט? מיינע ברוסטן זיינען רייף, מיינע אָרעמס זיינען אָפן און מיין קלייד באַצירט. מיט בשמים און מור קען איך דיין קאָפּ זאַלבן. מיט גלי פון נאַכטישער תאווה דיין געוויין אָנצינדן. קום, פאַרלאָז דיין הקדש, נזיר!״

דער נזיר לאָזט אַרויס אַ געשריי: — „געוואַלד, ס׳ברענט!״ די לייט פון דער אכסינה לויפן זיך צונויפֿ. זיי ווייסן נישט, אַז ביי אים אין הארצן האָט געברענט...

פּרץ אָפּאָטאָשינסקי באַשרייבט אין זיין דין ביכעלע די סענסיטיווע, גייסטיקע איבערלעבענישן פון אַ דינעם, צאַרטן און איידעלן מענטשן — אַ חסיד, אַ פּאָעט, אַ מיסטיקער. די נאַטור איז פאַר אים נישט קיין לאַנדשאַפט אויף אַ דיסטאַנץ, — נאָר אַ לעבעדיקע הייליקייט — אַ גאָרטן פול מיט גאָט און מלאכים, אַ טעמפּל וואו ער איז שיכור פון גאָט. ער טרינקט אין דער גרינקייט פון ביימער און פלאַנצן — דעם גאַנצן הימל. ווען ער זעט די רוישנדיקע וואַסערן, דעם כוואַליעדיקן קאָרן, די שלוהדיקע בייטן מיט בלומען, טוט אים באַנג וואָס די הערלעכע שיינקייטן וועלן אים איבערלעבן. ער איז צוגענאָגלט, צו־געקרייציקט אין מאָרגנרויט צו דער ערד, צו דעם קרייזלענדיקן ליכט פון דער זון. ווען ער קומט צום אוהל פון דעם גרויסן צדיק — פלאַמט

ער, אָבער נישט פון די אָנגעוואָרפענע קופּעס קוויטלעך אויף דעם רבינס קבר, וואָס האָבן געקוקט „ווי פאַרשימלטע, געצנדינערישע שמוק אויף אַ טויטן אָרט”, נאָר פון דער נאַטור. און ער דערמאָנט זיך ווי מען האָט אים געצוואונגען צו זיין אַ סאָלדאַט. און ער באַשרייבט ווי דאָס בלוט האָט פאַראומווערדיקט די שיינקייט פון דער נאַטור, די פרוכטבאַרקייט פון פעלדער.

„האָט די תבואה אויפן פעלד געברענט מיט מאַט־ראָזן, פאַר־בענקטן שיין, און די קולות פון פאַלנדיקע זיינען געווען אָנגעזאָפּט מיט שקיעה, און דאָס ברענענדיקע דאָרף פון אַלע פיר זייטן, און די פאַרגייענדיקע זון אויפן טרויערנדיקן הימל האָט מיך אָנגעפילט, אַ ליגנדיקן צווישן בליענדיקע קאַרטאָפל און רינענדיק ווארעם בלוט, מיט טיפער, פיינלעכער שקיעה, שקיעה” — — — און ער האָט זיך געפרייט וואָס די וועלט איז נישט פאַרגאַנגען.

איין מאָל אין אַ פרימאָרגן, זיצנדיק אין דער פרי מיט אַ קליין ספרל — ביים אויפוואַכנדיקן, פייכטן גראָז, דערפילט ער אַ געוואַלטיקן הונגער. אָבער די נאַטור טוט זיך אָן עפּן פאַר אים. גאָט רעדט אין דער שפּראַך פון אימאַזשן. פּרץ אָפּאָטשינסקי איז מיסטיש און שטימונגספול. די גאַנצע נאַטור איז באַזעלט מיטן לעבן פון גאָט. ער פילט זיך, דער חסיד־פּאָעט, אינטים מיטן אוניווערס. דער פיזישער הונגער טרעט אָפּ פאַר דער שיינקייט פון די פּאַסטאָראַלע, דאָרפישע בילדער, פאַר די קי וואָס „מעלה־גירהן אין זכרון דעם טעם פון פּאַראַ־יאָרעדיקן גרינס”. און די קראָען, „וואָס האָבן זיך יעדעס מאָל אַראָפּ־געלאָזט אויף דער ערד מיט אַ קראַקעריי”, און — „אין חלל איז גע־האַנגען אַן אויסטערלישע שטילקייט, ווי די רו נאָך שווערער, שווערער מי”.

פּרץ אָפּאָטשינסקי שטאַמט פון חסידישע עלטערן. קעניג פון חסידים־קעניגרייך מדור־דורות. און ער, דער וואָס באַזיצט נישט מער דאָס פייער פון זיינע דערהויבענע זיידעס, דרייט זיך אַרום דאָ, ביים ברעג פון אַן אַמאָל מעכטיק, צעבערהאַפּט קעניגרייך. ער ווייסט, אַז ער איז זינדיק. ער זעט דעם ווייטן אָפּשיין פון זיינע עלטער־זיידעס, ר׳ ישראל דוד, אַן אָפּשטאַם פון די גולי אשכנז, און פּלימעניק און תלמיד פון רבי ר׳ בינום פון פּשיסכאָ. ער ווייסט, אַז זיי האָבן אין אים געלאָזן דאָס הערלעכע גאָלד פון חסידיזם און פּאָעזיע. ער חזרט איבער לעגענדעס וועגן זיי און וועגן די גרויסע רביים פון באַרימטע חסידישע

דינאַסטיעס. וויפל פּאָעזיע איז פאַראַן אין אָט די מעשהלעך וועגן העלדן און הייליקע, מאַרטירער און גרינדער פון נייע שיטות און באַוועגונגען. די וואָס האָבן זיך געשלאָגן מיטן לעבן, כדי צו שליידערן שטיקער פלאַמען, שטיקער יום-טוב אויף דער ערד, שטיקער לויטער־קייטן און גלויבן.

שיין איז די שטעלע וואו פּרץ אָפּאָטשינסקי באַשרייבט דעם הייליקן כישוף פון שבת. „איך בין אויסגעוועזן אַ האַלבע וועלט און איך האָב פאַרטראַכט אויפצוזוכן דעם שבת פון מיין היים. גיי איך עם איצט אויף שבת אַהיים. די זון זעצט זיך באַלאַדנט מיט שפע פון איבערגעלעבטן טאָג. און דער וועג ווי אַ שבתדיק טישטעך איז אויס־געשפּרייט איבער גאָטס ערד. גיי איך מיטן אלולדיקן פרידן אין האַרץ צו מיין פאַרלאָזענער היים. אויף די וועגן פון פוילן דער מדינה וואַקסן אַלטע טאָפּאָלן און ווי מען זעצט זיך לעבן דיך פון אַזאַ טאָפּאָל, ציט עם אַרויף צו דער בחינה פון תפארת שבגבורה. אין פאַרמחטן פעלד הערט זיך דער רויש פון דער מלכה שבתעם זיידענעם קלייד; די נאַכט טוט זיך געגענען הייליק און מילד, ווי די אויגן פון בעל שם-טוב. און איך איל זיך אַהיים. דערווייל זיינען מיינע פיס מיד. זעץ איך זיך אָפּרוען לעבן בוים און טראַכט: וואָסאַראַ שיינקייט ס'איז אויף דער וועלט אין דער היים."

דער שבת, די רעליגיע, די תורה, די יידישע ימים-טובים, די רביים, דער בעל שם-טוב — אַלץ ווערט צו נאַטור-אידיליע. צו טיפער, עקזאַלטירטער איבערלעבעניש. דעם יונגן שריפטשטעלער פּרץ אָפּאָ־טשינסקי האָט צוריק געצויגן צו יידישקייט. אויף אַ מאָמענט זיך באַפרייט פון יידישן עול, פון ישיבה, פון לערנען — האָט ער דערזען, אַז די גוישע וועלט איז נישט אַזוי געהויבן. און אָן דער דורותדיקער טראַדיציע האָט דער ייד נישט קיין אידעאַל און נישט קיין צוועק. אים האָט געצויגן צוריק אַהיים, צוריק צום שטעטל, צוריק צו זיינע גאָלדענע לעגענדעס. און האַרט פאַרן חורבן פון פּוילישן יידנטום האָט ער דערפילט די גרויסע בענקשאַפט צום שורש.

ווי בלענדנדיק-שיין איז דאָס מעשהלע וועגן דעם מקדש-מלך, וואָס האָט אַמאָל, זיך איילנדיק אויף שבת אַהיים, געבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד און ער איז אָנגעקומען אין שלאָס פון לויטער ליכט און הייליקייט — און דער ווייסער זקן, „וואָס זינגט מיט אַ וואונדערלעך געזאַנג שיר השירים".

נאַטור־שיינקייט פון פוילישן פייזאַזש, וואו יידן האָבן געלעבט טויזנט יאָר צייט. מעשהלעך וועגן הייליקע, פּאָעטישע געשטאַלטן און אייגענער, אינדיווידועלער שמערץ. דער צווייפל, וואָס גריזשעט טיף אין האַרצן. די שרעק און דער פּיין פון פאַרלירן ווייב און קינדער צום טויט, פאַרן צוריקגעבן זיי צו גאָט . . . די איוב־פּראָבלעמען פון גערעכטיקייט וואָס שטעלן זיך בלוטיק און פלאַמענדיק אויף די ליפּן פון מענטש, ווען אַן אומגליק פּאַסירט מיט אים. דער ווילדער טרויער וואָס רייסט זיך פון דעם האַרצן אַרויס, און דער דראַנג זיך אַנצוכאַפּן אין אַ פעלדז אין מיטן שטורעמדיקן ים, אין מיטן דעם וואוטנדיקן, בייזן און צאָרנדיקן ים פון רעאַליטעט. דער ווילן צו גלויבן ווי די אָבות, ווי די אורעלטערן, ווי די פלאַמענדיקע זיידעס און באָבעס, וואָס האָבן געגלויבט אין זייער שרעק, וואָס האָבן זיך אין פינצטערן לעבן דערנענטערט צו גאָט — צו ליב האָבן גאָט, וואָס האָט זיי צום לעבן און צום קאַמף אָנגעצונדן. דער יונגער, בלאָנדער ייד האַלט דעם קעניג דודס געזאַנגען, — די מעכטיקע, די גרויסע געזאַנגען פון תהלים, — וואָס זיינען די געשרייען און די געבעטן פון דעם געפאַלענעם מענטש, געפאַלן אין יסורים און אין שרעק, אין פאַרלוירנקייט און אין פאַר־צווייפלונג — צו גאָט, דעם קעניג פון די הימלען. ער טוליעט זיך צום תהלימל און ער חזרט איבער:

„תפילה לעני כי יעטוף ולפני ה׳ שפוך שיחו״ — און אַן אומ־ענדלעכער טרויער באַהערשט אים. דער גרויסער טרויער פון מענטש, פון ייד, וואָס האָט זיין גאָט פאַרלוירן און זוכט זיין גאָט אויף הימל און ערד. —

דאָס איז אַ מין טעסטאַמענט פון אַ חסידישע נשמה, וואָס איז געפאַנגען אין דער נעץ פון דער אַפּיקורסישער, מאָדערנער וועלט. פּערזענלעך טראַגיש — שרייבט ער אין זיין טעסטאַמענט — ווי אַרטור רעמבאָ, דער פראַנצויזישער פּאָעט, שרייבט אין זיינע מעטאַמאָרפאָזן און לעבנס־געראַנגל אין זיין אויטאָביאָגראַפישן ווערק „סעזאָן אין גיהנום״. עס איז די איבערלעבעניש פון אַן אײדעלן, פאַרטראַכטן, סענסיטיוון ייד אין פאַרמלחמהדיקן פוילן. מיר קענען זיך פאָרשטעלן ווי גענצלעך צעבראָכן פּרץ אָפּאָטשינסקי מוז איצט פילן, ווען היטלער האָט צעשטערט אַזוי פיל יידן פיזיש . . . ווען פוילן, וועמענס לאַנד־שאַפט איז זיין יאָרהונדערט־אַלטע יידנשאַפט, זיין פּאָעזיע, איז פאַר־ניכטעט געוואָרן. מיר קענען זיך פאָרשטעלן זיין טראַגעדיע. פון דער

פילאָסאָפיש-מעדיטאַטיווער פאַרצווייפלונג פון אַ האַמלעט, איז ער געזונקען צו דער פאַרצווייפלונג פון שטאַרבן. צו די מינוטן פון אַגאָניע — ווען אַ פּאָעטיש-ראָמאַנטישער מענטש דערזעט פלוצלונג דעם חורבן נישט נאָר פון זיך אַליין, נאָר פון זיין פאַמיליע, פון זיין פאָלק, פון זיין קולטור . . .

אָפילו אין תנך איז נאָך אַזאַ שמערץ, אַזאַ טראַגעדיע נישט דער־מאָנט געוואָרן. אָט דער שמערץ וואַרט אויף אַ נייעם תנך . . .

פּרץ אָפּאָטשינסקי שטאַמט פון דעם קליינעם שטעטעלע ליטאָ־מירסק, ביי לאָדזש. דאָס שטעטל ליטאָמירסק, ווי עס דערציילט מיר אָפּאָטשינסקיס שוועסטער, רינה, איז געווען אַ וואונדערלעך קור־אָרט. מאָלער און פּאָעטן פלעגן אַהינצו קומען פאַר קינסטלערישער אינ־ספּיראַציע. דאָרטן פלעגן זיי מאָלן דעם אַלטן שלאָס, וואו זיבן וועגן צעלאָזן זיך אין די מרחקים, וואו זיבן טאָפּאָלן גרינען יעדן פרילינג. ליטאָמירסק איז אַרומגערינגלט פון צוויי טייכן. דערפאַר פלעגן אַהין יעדן זומער קומען אַ סך „פאַרליבטע" פאָרלעך — זיך צו גטן . . .

פון בוך „נע־ונד", פון פּרץ אָפּאָטשינסקי, קען מען אַ סך לערנען פון זיין גייסטיקן לעבן, פון זיינע אינערלעכע געראַנגלען, פון דעם ריינעם מענטש און ייד פּרץ אָפּאָטשינסקי.

ניו־יאָרק, מאַי, 1943.

„דער יידישער קוריער", שיקאַגאָ,
זונטיק, פעברואַר 13, 1944.

נאָכוואָרט

פון ש. טענענבוים

עטלעכע ווערטער וועגן די שריפטן פון פרץ אָפּאָטשינסקי

אין משך פון די לעצטע פּאָר יאָר בין איך געווען אַן עדות ווי אַזוי דאָס דאָזיקע בוך, מיט די איבערגעבליבענע שריפטן פון פרץ אָפּאָטשינסקי, איז מיט גרויס שוועריקייטן צושטאַנד געקומען. ווען נאָר איך פלעג קומען אין הויז פון רינה און אליעזר אָפּאָטשינסקי־אָפּער, אין זייער היים אין די בראָנקס, פלעגט מען תמיד רעדן וועגן דער הייליקער אויפגאַבע, אַרויסצוגעבן אַ בוך פון פרץ אָפּאָטשינסקי. איך האָב זעלטן געזען אַז אַ שוועסטער זאָל זיין אַזוי איבערגעגעבן צו איר ברודער, צו זיין הייליקן אָנדענק, צו זיין ווערק. די טרערן אויף רינהס פּנים זיינען קיין מאָל ניט טרוקן געוואָרן, באַוויינענדיק איר טייערן און טאַלאַנטפולן ברודער. זי האָט נאָך געהאַט דאָס גליק — אָדער דעם אומגליק — צו זען איר ברודער, אַ קורצע צייט פאַרן אויסברוך פונעם צווייטן וועלט־קריג, אין וואַרשע. איר ברודער, אַ שטילער, ריינער און שטאָלצער מענטש, האָט ניט געוואָלט קיין מאָל אָננעמען קיין שום הילף. פרץ אָפּאָטשינסקי וואָלט קיין מאָל ניט פאַרלאָזט זיין באַליבטע וואַרשע, ער וואָלט זיך קיין מאָל ניט געשיידט מיט די געדיכטע מאַסן יידן אין פוילן. די פּאָר טאָלער וואָס זיין שוועסטער האָט אים אָנגעבאָטן, ערב איר אָפּפאָרן צוריק קיין אַמעריקע, האָט ער שטאָלץ צוריקגעוואָרפן. און אין איר איצטיקן גרויסן צער איז די איינציקע טרייסט פאַר איר געווען אַרויסצוגעבן די שריפטן פון איר ברודער.

שווער, זייער שווער איז רינהן אָנגעקומען צונויפצוזאַמלען דאָס וואָס עס איז דאָ פֿאַראַן אינעם איצטיקן בוך. אויסער די פּאָר דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן, וואָס זיינען געווען אין איר באַזיץ, האָט זי זיך באַמיט צונויפצוזאַמלען נאָך זאַכן וואָס זיינען דאָ און דאָרטן דערשינען אין משך פון יאָרן. אַמאָל איז רינה געלאָפן אין ייוואָ, און אַמאָל אין דעם יידישן לערער-סעמינאַר. מען האָט זי גע־קענט זען אַמאָל אויף איסט בראָדוויי און אַמאָל ביי אַ קאָלעגע פון אָפּאָטשינסקין. כדי ארויסצוקריגן די מינדסטע זאַך האָט זי געדאַרפט אָנווענדן אַ סך כוחות. די שטאָט ניו-יאָרק איז ניט דער פּלאַץ וואו מען קען אויסזוכן די ווערק פון אַן אומגעקומענעם דיכטער. דערביי האָט זי געדאַרפט היטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, דאָס פּעקל מיט מאַ־נוסקריפּטן און צייטונגס-אויסשניטן, וואָס איז ביי איר פאַרבליבן.

עטלעכע מיניאַטורן פון פּרץ אָפּאָטשינסקי, וועלכע זיינען אַריין אין דאָזיקן בוך, האָב איך אליין איבערגעשריבן פון דעם אַרכיוו וואָס געפינט זיך ביים פּאָעט י. ה. ראַדאָשיצקי. ראַדאָשיצקי האָט געקענט פּרץ אָפּאָטשינסקין נאָך פון לאָדז. זיי האָבן זיך יאָרן לאַנג איבערגעשריבן. איך האָב אויך איבערגעשריבן אָפּאָטשינסקיס אַ רעצענזיע וועגן חיים קרולס „אין דערלייטערונג״ פונעם זעלבן אַרכיוו. איך דריק דאָ אוים אַ דאַנק דעם טייערן קאָלעגע י. ה. ראַדאָ־שיצקי.

ווי געזאָגט, בין איך געווען אַן עדות פון דער זאָרג, מי, פּיין און אַרבעט אַרום דעם אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך. רינה אָפּאָטשינסקי, אַליין אַ זייער סענסיטיווע פרוי, וואָס האַלט אַ פּעדער אין דער האַנט, איז אָבער פון דער נאַטור אַן אומבאַהאָלפענער מענטש. און דאָס האָט איר געשטערט אין דער אַרבעט.

געוויסע קרייזן פון דער יידישער געזעלשאַפט אין אַמעריקע האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע איבערצודרוקן, אויפדאָסניי צו אַרויסגעבן און פאַרשפּרייטן די ווערק פון אונדזערע אומגעקומענע שרייבער און קינסטלער אין אייראָפּע. דאָס איז ביי די בעסטע, ביי די סאַמע אידעאַלסטע באַדינגונגען, אַ גיגאַנטישע אונטערנע־מונג. נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט ווי אָרעם מיר דאָ זיינען אין מעג־לעכקייטן דאָס אונטערצונעמען, און ניט נאָר אין פינאַנציעלע מעג־לעכקייטן, — איז ניט קיין וואונדער אַז ביז איצט איז נאָך כמעט גאָרניט געטאָן געוואָרן אויף דעם געביט. די גרעסטע פון אונדזערע

קינסטלער-קדושים וואַרטן אויף זייער תיקון. בפרט האָבן אַ קנאַפּן שאַנס די דאָזיקע יידישע שריפטשטעלער וועלכע האָבן זיך גע־האַלטן באַשיידן און האָבן ניט באַוויזן בשעת זייער לעבן צו מאַכן זיך אַ גרויסן נאָמען. אַזעלכע זיינען פאַראורטיילט צו אייביקער שטילקייט... אַזאַ שטילער און העכסט-באַשיידענער מענטש ווי פּרץ אָפּאָטשינסקי, וואָלט קוים ווען עס איז „דערלעבט" צו אַ זאַמ־לונג פון זיינע ווערק. אויך נאָכן טויט באַדאַרף מען האָבן מזל אויף אונדזער אָרעמער וועלט... מען מוז דעריבער שטאַרק אָפּשאַצן די איניציאַטיוו פון רינה אָפּאָטשינסקי, ארויסצוגעבן די ווערק פון איר ברודער.

אין איר אַרבעט „מיין ברודער פּרץ אָפּאָטשינסקי", וועט דער לייענער זיך באַקענען מיט דעם הינטערגרונט פון פּרץ אָפּאָטשינסקיס פאַמיליע, סביבה, לאַנדשאַפט, ערשטע ליטעראַרישע פּרואוון א.אַ.וו.

אין אָפּאָטשינסקיס דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן וועט דער לייענער דערזען דאָס יידישע וואַרשע, איידער עס איז אַרונטער צום גרונט אויף אייביק.

ווען מען לייענט די דאָזיקע פּרעכטיקע רעפּאָרטאַזשן, האָט מען דעם איינדרוק אַז דער איידעלער, סענסיטיווער אָפּאָטשינסקי האָט געפילט דאָס אָנקומען פון שרעקלעכן שטורעם. און מיט גרויס איידלקייט און ליבשאַפט האָט ער באַשריבן דאָס יידישע וואַרשע. יעדעס וואָרט זיינס איז אָנגעזאַפּט מיט ווייטיק און מיט צערטלעכ־קייט. אין זיינע ווערק זיינען בכלל ניטאָ קיין נעגאַטיווע טיפּן. ער האָט אַרומגענומען דעם פּשוטן יידן פון אַ גאַנץ יאָר מיט דער גרוי־סער ליבשאַפט פון זיין הארצן. ער האָט ליב געהאַט יידן, ווען יידן, ווען אַלע יידן, די גאַנצע זעקס מיליאָן יידן, האָבן נאָך געלעבט. דאָ האָט אַ שריפטשטעלער געצייכנט מיט אַזוי פיל איידלקייט און זשעדנעקייט יידן, ווען זיי האָבן נאָך אין וואַרשע און אין גאַנץ פּוילן געלעבט, געהאַנדלט און געוואַנדלט און קוים צייט געהאַט אָפּ־צו אָטעמען און צו געניסן אַ קאַרגן מאָמענט פרייד.

איך האָב, ביים צוזאַמענשטעלן דאָס בוך, געמישט די פאַר־געלבטע שטיקלעך צייטונגען, געדרוקט אין „דאָס וואָרט", אין וואַרשע; אין „וואַרשעווער עקספּרעס"; אין דער „אילוסטריר־טער לאָדזשער וואָכנבלאַט", אונטער דער רעדאַקציע פון יהושע אוגער, און אין אַנדערע יידישע צייטונגען פון פּוילן, וועלכע זיינען

מיט פאַרכאַפּנדיקן אָטעם געלייענט געוואָרן פון די יידישע מאַסן. דער לאַדזער שריפטשטעלער, לעבנדיק די לעצטע יאָרן, ביזן וויסטן חורבן אין וואַרשע, האָט אין די דאָזיקע רעפּאָרטאַזשן זייער איידל, אימפּרעסיאָניסטיש און שטימונגספול — אָבער אויך מיט גרויס רעאַליזם, אין אַ פּרעציזער, קלאָרער שפּראַך, מיט אַ זייער סובטילער, ריינער און ציכטיקער פּעדער — באַשריבן יידן פון וואַרשע. ווען מען לייענט זיין רעפּאָרטאַזש „אין קראַשינסקים גאָרטן", דערזעט מען ווידער די באַקאַנטע יידן, וואָס פלעגן אין די זומערווונטן קומען אין קראַשינסקים גאָרטן, וואָס פלעגן זיך אָראָפּכאַפּן פון די נאַלעווקעס אהער אויף אַ מינוט אָפּרו, אין שאָטן פון די גרינע, אַלטע ביימער. מען דערזעט דעם ייד וואָס גיט איבער די ציייטונג פאַר צען גראָשן, פון האַנט צו האַנט; די יידענע וואָס נעמט אַרויס „צוויי דאַרע, געלע קיכלעך פון זאַפּראַן-קאָליר". מען זעט די טייערע יידישע יוגנט, די מיידלעך ווי די „יונגע קאָזעס", די פאַרשמאַכטע פנימער, דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק, זוכנדיק אָפּרו פון דער שווערער היץ. און דאָס אויפגיין פון די „שווערע, קופּערנע לבנה", וואָס אויך זי די לבנה, איז ממש שווער ווי דאָס גאַנצע יידישע לעבן. ווער עס איז אַ מאָל געווען אין קראַשינסקים גאָרטן, דערזעט אים ווידער דאָ מיט די נאָך לעבעדיקע, טייערע יידן... אַ, אונדזערע טייערע וואַרשעווער יידן...

ווען מען לייענט די רעפּאָרטאַזשן „סכך" און „פייגן", גייט אויף די פרייד פון אַ יידישן יום-טוב, וואָס איז געווען דער אינדזל פון פרייד אין דער גרויסער מעכטיקער עפּיק פון אָרבעט. מיט וועלכער לעבעדיקייט און רעאַליזם עס ווערט דאָ געשילדערט דאָס אויפשטעלן די סוכה, ווי פאָטער און זין, און אפילו די פרויען העלפן צו, שטעלן אויף מיט פרייד די סוכה, און מיט וויפל קינסטלערישער שיינקייט דער מחבר שילדערט דאָ אַ ליבן יידישן יום-טוב, חמשה-עשר, ווען אין דער גרויקייט פון אַ יידישער שטוב, וואַכעדיק און אָרעם, דערשיינען פייגן און באָקסער, מיט וועלכע יידישע קינדער פרייען זיך.

אין דעם רעפּאָרטאַזש „דראָזשקאָזשעס"" ווערט בונט געמאָלן אַן עלעמענט פון דעם פוילישן יידנטום, וואָס האָט אינעם פאַרמלחמהדיקן פּוילן פאַרנומען אַזאַ פיינעם פּלאַץ. דאָס איז געווען אַ טיפּ ייד, אַזוי בולט ווי אַ סקולפּטור. אַ שטיק פאָלקלאָר האָט ער מיט זיך פאַר-

געשטעלט. ז. סעגאַלאָוויטש האָט מיט אַזוי פיל סענטימענט און ראָמאַנטיק באַשריבן דעם אונטערגייענדיקן דראָזשקאַזשעס-קלאַס. מיטן אויפקום פון די אויטאָבוסן האָט דער דאָזיקער טיפּ ייד אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. יידישע שרייבערס האָבן אים דעריבער באַשריבן מיט נאָסטאַלגיע. ווידער שטייט ער דאָ אויף, אין זיין גאַנצער פאָלקסטימלעכער שיינקייט און גבורה, אין פּרץ אָפּאָטשינסקיס רעליעפער באַשרייבונג, מיט זיין געשטאַלט, טראַכט און לשון, באַלויכטן פון דער זון פון אונטערגאַנג...

אין אַזעלכע רעפּאָרטאַזשן ווי: „אויף אַ זומער-וואוינונג”, „אויף דער ווייסל”, גייט אויף דעם יידנס ביסל פרייד, ווען ער האָט זיך אַרויסגעריסן פון דער שטאָט. אונטער דער זון לויכט אויף דער ייד אין אָפּרו. ער כאַפּט אָפּ דעם אָטעם פון דער שווערער האָראָוואַניע, פון די זאָרגן פון פרנסה. אין „שניט” גייט אויף אַ קרעפטיקער יידישע פּראָזאיקער וואָס טוט ווידער אַן אָטעם מיט פוילנס וועלדער און פעלדער; מיט דער פולקייט פון דער נאַטור. דאָס לשון פון זאַנגען, די זאַטקייט, די מיסטעריע פון פוילנס לאַנדשאַפט; דער אָנקום פון אָוונט; די ריינקייט פון דער לופט. די לירישקייט פון אַ פוילישן פאַרנאַכט. אַליין אַ פאַרהאָרעוועטער ייד, האָט אָפּאָטשינסקי געזען די שיינקייט פון דעם פוילישן פייזאַזש. די דאָזיקע פולע נאַטור-שילדערונגען קענען צוגעגליכן ווערן צו די בעסטע שטעלן פון שלום אַשם אָדער ווייסענבערגס ווערק. אין די רעפּאָרטאַזשן „ליאָדעס”, „אויף די טרעפּלעך”, גייען אויף טיפּישע יידישע זומער-פרנסות; עס לויכטן אויף יידישע גאַסן אין וואַרשע, ווי די סטאַווקי, ניזקאַ, לובעצקאַ, וואָלינסקאַ...

געאיילט, קורץ, קאָנצענטרירט — שרייבט פּרץ אָפּאָטשינסקי האַרט פאַרן חורבן זיין פּאָעטישע פּראָזע, ניט באַלאָדנדיק קיין מאָל מיט קיין איבעריקן דעטאַל. זיין דערציילונג „שמאַטעס” רירט ביז טרערן. מען מוז זיך שטאַרק באַהערשן ניט אויסצוברעכן אין א געוויין, ווען מען לייענט מיט וועלכער אײדלקייט פּרץ אָפּאָטשינסקי באַשרייבט די יידישע שמאַטע-הענדלער. פאַרשרייבט די ליידן און פריידן פון פוילישן ייד. — — —

און, מיטן דאָזיקן יידנטום איז פּרץ אָפּאָטשינסקי אַרונטער צום גרונט. ער איז ביז צו די לעצטע טעג געווען אין וואַרשע. ווען מען

וועט געגוי קאַפּירן די מאַנוסקריפּטן זיינע, וואָס מען האָט געפונען אינעם וואַרשעווער רינגעלבלום-אַרכיוו, וועט זיך באַקומען אַ בילד פון אָפּאַטשינסקיס לעצטע יאָרן, חדשים און וואָכן אין געטאָ... וואָס פאַר אַ מוראַדיקער אומקום דאָס האָט געמוזט זיין. און וואָס פאַר אַ קוראַזש און מסירת נפש האָט דער איידעלער פּרץ אָפּאַטשינסקי גע־מוזט אַרויסווייזן.

קוראַזש האָט פּרץ אָפּאַטשינסקי אַרויסגעוויזן זיין גאַנץ לעבן. מיר ווייסן עס פון דעם דערציילן פון זיין שוועסטער, רינה, און פון גו־טע קאָלעגן. אַלע שילדערן זיי אים ווי אַ הויך-מאָראַלישן, עטישן מענטשן. קומענדיק פון אַ טראַדיציאָנעל-יידיש הויז, לערנענדיק יאָרן לאַנג אין ישיבה, זיך אָנזאַפּנדיק מיט תורה און מיט חכמה איז אָט דער יידישער שרייבער פאַרבליבן אַן אויסערגעוויינלעך איידע־לער מענטש, וואָס האָט ליב געהאַט דאָס לעבן, האָט זיך באַצויגן צום מענטש ווי צו אַ הייליקטום. אָפּאַטשינסקי איז זיין גאַנץ לעבן געבליבן אַן אָרעמאַן. ער האָט אָבער ביי קיינעם, ווי שוין דערמאָנט, ניט גע־וואָלט נעמען. און אַזאַ איז ער פאַרבליבן, ביז צו זיין אומקום מיטן זעקס מיליאָניקן העלדן-אומקום פון אַ פאָלק.

מיט גרויס פּיעטעט, מיט אַ געפיל פון הייליקייט, האָבן מיר גע־בלעטערט די פאַרגעלבטע שטיקלעך צייטונגען אין וועלכע עס איז פאַרבליבן אַ טייל פון פּרץ אָפּאַטשינסקיס ליטעראַרישער ירושה. דאָס ווערק פון פּרץ אָפּאַטשינסקי וואָלט געווען פיל באַדייטנדיקער אין קוואַנטיטעט, ווען עס זאָל געווען געלונגען צונויפצוזאַמלען אַלץ, אָדער כאָטש אַ גרויסן טייל, וואָס ער האָט געשריבן און געדרוקט. לאָמיר האָפן אין דער צוקונפט דאָס וויניקסטנס טיילווייז צו רעאַליזירן.

דערווייל וויל איך אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק צו רינהן און אויך צו איר מאַן, דעם איידעלן ייד און בן-תורה, אליעזר אָפּאַטשינסקי, וועלכער האָט פיל מיטגעהאָלפן אין רעאַליזירן דאָס דאָזיקע ווערק. עס בלייבט איבער האַרציק צו דאַנקען יענע גוטע פריינט, ליב־האָבער פון דער יידישער קולטור, וועלכע האָבן זיך פינאַנציעל וואַרעם אָפּגערופן, כדי צו דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

מען מוז אויך אויסדריקן אַ האַרציקן דאַנק צום פּרץ אָפּאַ־טשינסקי בוך-קאָמיטעט, מיטן קלאַסיקער אברהם רייזען בראש.

מיר ווילן האָפן אַז דער קאָמיטעט וועט פיל צוהעלפן אין פאַר־שפּרייטן דאָס בוך...

האָפנדיק אַז מיר האָבן מקיים געווען בלויז אַ קליינעם טייל פון אונדזער פליכט צו פּרץ אָפּאָטשינסקי, ווי צו אַ זעלטענעם מענטש און אַן ערלעכן שריפטשטעלער, שליסן מיר מיטן דאָזיקן באַוואוסטזיין די עטלעכע ווערטער וועגן זיין הייליקן ווערק...

ניו־יאָרק, מערץ 24, 1951.

ש. טענענבוים

א י נ ה אַ ל ט

מיין ברודער פּרץ אָפּאָטשינסקי

פון רינה אָפּער־אָפּאָטשינסקי 5

נע ונד, פּאָעמע און פּראָזע 67

דערציילונגען:

שמאַטעס 95

פּרנסה 99

הונגער 102

דער כעס פון אַ גוטן יידן 105

וואָס איז ס׳געאייל? 109

דער פּעטריקאָווער דאָקטער 114

ר׳ זעליגל מלאָסנער 119

רעפּאָרטאַזשן:

סכך 129

פייגן 132

דראָזשקאַזשעס 135

אויף די טרעפּלעך 138

אויף דער ליניע 141

גאָנדים 143

ליאָדעס 146

שניט 148

אויף אַ זומער־וואוינונג 151

אין קראַשינסקיס גאָרטן 154

די ווילדע פּליאַזשע 158

אויף דער ווייסל 160

רעצענזיעס:

דער דיכטער פון טרויער און פשטות 167
נתן שפּיגלס בילדער־אויסשטעלונג 170
ציוניזם פון טביה דעם מילכיקן 172

מיניאַטורן:

זשאַרגעס 174
אין גערודער פון שטאָט 175
טויט 176
אין שטאָט געבראַזג 177

צוויי לידער:

1. האַרבסטיקער אָונט 189
2. די נויט 180

די קריטיק וועגן פּרץ אָפּאָטשינסקי:

יידישער נוסח — פון יצחק קאַצענעלסאָן 183
דאָס לעצטע וואָרט — פון דר. י. מאַרגאָלין 186
נע ונד, אַ פּאָעמע פון פּרץ אָפּאָטשאַנער, —
אַ פרום ביכעלע — פון דר. י. מוקדוני 191
פון משה בראָדערזאָן 190
פּרץ אָפּאָטשינסקי — פון חיים קרול 192
אַ חסיד אַ פּאָעט — פון ש. טענענבוים 193
נאָכוואָרט — פון ש. טענענבוים 198